STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03371

VORT UN TSAYT

Herman Mantel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָרט און צייט

ענציקלאָפּעדיע
פאַר רבנים
דרשנים און
פאָלקס
רעדנער

ענטהאַלט גאַנצע
דרשות אויף יעדער
סדרה פון דער וואָך
אויף חמשה חומשי
תורה, אַלע ימים
טובים און אַנדערע
געלעגענהייטען

חלק
ראשון

הרב
יחיאל מאַנטעל
ברוקלין, נ. י.

בית מסחר ספרים „פרדס"
י. ז. בוכבינדער, נשיא
42-44 קאנאל סט., נויארק, נ. י.
תרח"ץ — 1938

Copyright 1938
by
PARDES PUBLISHING HOUSE, INC.
and
RABBI HERMAN MANTEL
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY - SHOULSON PRESS
19 WEST 21st STREET
NEW YORK, N. Y.
255

תוכן הענינים:

א ווארט פון דעם ארויסגעבער — — — — — — — — — — — — — — 5
פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 7

בראשית

בראשית — אל תצדק ואל תרשע — — — — — — — — — — — — 13
נח — ברא כרעא דאבוה — — — — — — — — — — — — — — — 18
לך לך — אברהם, נמרוד והפליט — — — — — — — — — — — 24
וירא — הולדת בנים והעמדת בנים — — — — — — — — — — 29
חיי שרה — חשבון הרכוש וחשבון הנפש — — — — — — — — 36
תולדות — עצמאות ושותפות בעניני שמים — — — — — — — 43
ויצא — אבני יעקב לפנים, ואבני בניו היום — — — — — — 48
וישלח — יעקב ועשו — הבריחה והפגישה — — — — — — — 54
וישב — עדות ביהוסף שמו — — — — — — — — — — — — — 62
מקץ — האמונה והפגנתה לטב ולמוטב — — — — — — — — — 69
ויגש — הדרמה והאפילוג במכירת יוסף — — — — — — — — 74
ויחי — זקנה, יסורים וחולי — — — — — — — — — — — — 81

שמות

שמות — העברי בלבוש המצרי — — — — — — — — — — — — 91
וארא — בין אדם למקום ולחבירו — במצות ובמדות — — — — 96
בא — אורות וצללים בדרכי החנוך — — — — — — — — — — 101
בשלח — שירת הים ושירת מתן תורה — — — — — — — — — 105
יתרו — התורה ונושאי דגלה — — — — — — — — — — — — 112
משפטים — צדקה וגמילות-חסד; ערכן והערכתן — — — — — 117
תרומה — המשכן — תרומתו, הקמתו והשראת שכינתו — — — 122
תצוה — הכהן והמנהיג — כלפי חוץ וכלפי פנים — — — — — 126

כי תשא — העגל וסיבתו — ירושת הדורות — — — — — — — — — — — 131
ויקהל — התרכזות הקדושה בזמן ובמקום — — — — — — — — — 136
פקודי — בתי הכנסת ורועי ישראל — — — — — — — — — — — 142

ויקרא

ויקרא — הקרבנות — תכונתם וערכם — — — — — — — — — — 149
צו — כלפי מבקרי מומים ורואי נגעים — — — — — — — — — — 155
שמיני — שלחנו של אדם — — — — — — — — — — — — — — — 160
תזריע — סימני טומאה וטהרה באדם ובבהמה — — — — — — — — 166
מצורע — נגעי בתים — החברותיים והמוסריים — — — — — — 171
אחרי — אחד לה׳ ואחד לעזאזל — והרכבתם בחיים — — — — — 175
קדושים — כלל בתורה ולא כלל התורה — — — — — — — — — — 179
אמור — האזהרה ההדדית לאבות ולבנים — — — — — — — — — 186
בהר — איפה ואיפה במדת הבטחון — — — — — — — — — — — 192
בחקותי — מקום בבית הכנסת ובית הכנסת ב„מקום" — — — — — — 198

א וואָרט פון דעם ארויסגעבער

כאָטש די אוצרות פון דער דרוש־ליטעראַטור האָבען זיך אין דער לעצטער צייט געוואַלדיג פאַנאַנדערגעוואַקסען, דאָך איז נאָך נישט אַלעס אויסגעשעפּט געוואָרען, וואָס עס קאָן געזאָגט ווערען אויף דעם געביט אין דער איצטיגער עפּאָכע.

דער ווירדיגער מחבר פון דיזען ווערק „וואָרט און צייט", הרב יחיאל מאַנטעל, האָט נאָך געפונען גענוג ווערטער און געדאַנקען צוצוגעבען צו די גרויסע אוצרות פון אונזער ספרות הדרוש אויף זיין אייגענאַרטיגען שטייגער, וואָס מיר זיינען איבערצייגט, אַז דער לעזער וועט אין זיי געפינען די זעלבע באַגייסטערונג, וואָס מיר האָבען אין זיי געפונען.

י. ז. בוכבינדער

ב"ה.

פאָרוואָרט

וועלענדיג אָנפאַנגען די „הקדמה" מיט אַ פּאַסענדען פּסוק מעניגא, גלויב איך אַז דער פּסוק „אחור וקדם צרתני" איז אין דעם פאַל דער פּאַסענדסטער. דען אייגענטליך איז דאָך דער „פאָרוואָרט" באמת גאָר אַ „נאָכוואָרט". מען שרייבט דאָך די „הקדמה" ערשט צום סוף נאָכדעם ווי דער ספר גופא איז שוין לאַנג פארענדיגט פונקט ווי אין דעם ציטירטען פּסוק.

דאָך איז עס ניט קיין סתירה צום נאָמען „פאָרוואָרט" ווייל ביים ל ע ז ע ר איז עס טאַקע דער פאָרוואָרט, און די גאַנצע הקדמה איז דאָך נור צוליעב'ן לעזער. עס איז אַזוי צו זאָגען די שילד וואָס הענגט אין דרויסען און אַנאָנסירט וואָס אינעווייניג טהוט זיך כדי אַזוי אַרום אריינ־ציהען דעם עולם לפני ולפנים.

די צרה איז אָבער וואָס על פּי רוב איז די הקדמה אין אַזעלכע פאַלען ניט צו פיעל מזל'דיג. איבערהויפּט ביי אַזעלכע ווערק וואָס געהערען צו דער קלאַס פון טעקסט־ספרים און ווערען אַממעהרסטען געלעזען פון פּראָ־פעסיאָנעלע מענשען. דיזע פאַראינטערעסירען זיך הויפּטזעכליך מיט'ן ספר גופא און ניט מיט זיין הקדמה. זי, די הקדמה, איז ביי זיי לא מעלה ולא מוריד און שענקען איהר דעריבער ניט דאָס מינדעסטע אויפמערקזאַמקייט.

און דאָס איז ווירקליך אַ גרויסער חסרון פון וועלכען דער ספר גופא קען מעהרערע מאָל היבש ליידען.

די הקדמה איז באַשטימט געוואָרען פאַר אַ זעהר עדעלער אויפגאַבע. זי דאַרף עס שליסען די באַקאַנטשאַפט צווישען דעם „ספר" מיט זיין „קורא נכבד" און דעם לעצטען באַקאָנען מיט דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פון'ם ערשטען. אָהן די דאָזיגע באַקאַנטשאַפט, פעהלט די געהעריגע קרבת־הנפש צווישען זיי. דער ס פ ר מיט'ן ק ו ר א זיינען דאַן ווי צוויי ווילד פרעמדע און ביי ווילד פרעמדע קען מען קיין צופיל עטהיק ניט פאַר־לאַנגען. טרעפט עס דעריבער גאַנץ אָפט אַז ביי די קלענסטע מינדעסטע אונצופרידענהייט מצד דעם „קורא נכבד", פארלירט שוין דער גאַנצער ספר ביי איהם זיין חשיבות און קעהרט זיך שנעל פון איהם אָפּ בביטול ובפיסול.

וואָלט אָבער דער חשוב'ער ק ו ר א געוועזן וועניגער אָדער מעהר באַקאַנט מיט'ן אינהאַלט און כאַראַקטער פון ספר גלייך ביים אָנהויב, וואָלט

פאָרוואָרט

ער איהם שוין דאָן באַהאַנדעלט מיט מעהר נמוס און העפליכקייט. ער וואָלט ניט צוגעטראָטען צו איהם מיט'ן שמאָלען צוגאַנג פון א „אפס קצהו תראה וכולו לא תראה" און ממילא וואָלט שוין אויך ניט געקענט זיין קיין „וקבנו לי משם"... דאָרט וואו ס'איז פאַראַן א „והוי דן את כ ל האדם" דאָרט איז אויך פאַראַן א „לכף זכות"... און אין דעם פּרט איז ניט קיין חלוק אויב עס איז דער א ד ם אליין אָדער דער „ס פ ר תולדות אדם"...

ניט אַלע דרשות, פּרקים און קאַפּיטלאַך קענען זיין פון איין קוואַליטעט מעגען זיי אפילו אַלע זיין געשריבען פון איין פעדער. גייסטיגע זאַכען ווערען ניט געמאַכט צום אָרדער. די דרשה ווערט ניט געאָרדערט צוליעב דעם בוך נור פאַרקעהרט, דער בוך צוליעב דער דרשה... די קוואַליטעט פון דער דרשה אליין איז א פּראָדוקט פון שטימונגען, און שטימונגען זיינען דאָך געוויס ניט אַלע פון איין סאָרט און פון איין כאַראַקטער, און אפילו ביים גרעסטען מענשען איז דאָך אויך ניט אַלע מאָל פאַראַן דער „כנוח עליו הרוח"... און דעריבער דאַרף מען אפילו פון דעם בעסטען ספר ניט ערוואַרטען אַז ער זאָל דעם לעזער געבען בלויז עידי עידית.

אגב זיינען דאָך ניט אַלע געשמאַקען גלייך און עס טרעפט זעהר אָפט אַז דאָס וואָס ביי איינעם קוקט אויס זיבורית איז עס גראָדע ביים צווייטען גאָר עידית אָדער פאַרקעהרט.

וואָלט עס דעריבער פאַר'ן מחבר געווען דער גרעסטער גמילות־חסד ווען דער לעזער וואָלט אָנגעהויבען פון „מה טובו" און ניט אי־בערהיפּען „פון פאָרענט", וואָלט ער דאָן האָפענטליך פאַרענדיגט מיט „עלינו לשבח"...

***

און פון די הקדמה כ ל ל י ת צו די הקדמה פּ ר ט י ת.

דער פּראָפעסער פון „וואָרט און צייט" טרעט ניט צו צו זיין „קהל הקוראים" מיט וועלכע ס'איז באַזונדערע פּרעטענזיעס. ער דער־לאַנגט זיינע לעזער ניט אַזאַ זאַך אויף וועלכעם ער זאָל אויסרופען: „ראה דבר זה חדש אשר לא היה לעולמים". ער ווייסט גאַנץ גוט אַז ער איז ניט דער ע ר ש ט ע ר צו געבען דעם לעזער אַזאַ מין שפּייז און אויך ניט דער ל ע צ ט ע ר. ער ווייסט אָבער יאָ אַז טעקסט ספרים פון דיזען סאָרט זיינען אַלע מאָל א נויטינקייט אין דעם פּראָפעס־יאָנעלען ווינקעל פון דער אידישער בימה. ס'איז קיינמאָל ניט פאַראַן צופיעל פון דיזען מין. ער ווייסט אויך אַז יעדער מחבר פון

פאָרוואָרט

א ספר דרוש איז „מקום הניחו לו להתגדר בו" ווייל „אין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד". דאמיט אליין, גלויבט דער מחבר, האָט ער שוין יוצא געווען זיין חובת „התנצלות" פאר זיינע לעזער אויב אזא התנצלות איז בכלל נויטיג.

מיט וואָס עס איז אָבער יאָ ראַטזאַם און טהיילווייז אויך נויטיג צו באַקענען דעם לעזער איז מיט דאָס ביסעלע אָריגינאַליטעט וואָס איז אריינגעבראַכט געוואָרען אין „וואָרט און צייט" אויף וועלכע עס דארף חל זיין דער „מקום להתגדר".

די ספרות הדרוש האָט דורכגעמאַכט פארשידענע גלגולים אין פאַר־לויף פון איהר אנטוויקלונגס פּראָצעס אָנפאַנגענדיג פון יענעם דרוש שטייגער ווי למשל א „פרשת דרכים", איבערגעהענדיג צו א „אלשיך", שפּעטער־צו צו א „דובנער מגיד", ביז צו דער גאָר לעצטער צייט.

אין יעדער באַזונדערן גלגול איהרען האָט די ספרות הדרוש אויך געטראָגען א באַזונדער כאַראַקטער, און ס'האָט זיך אַזוי אַרום אָנגע־זאַמעלט ביי אונז א גאַנצער אוצר פון דער דרוש ליטעראַטור וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א שלל צבעים פון קאָליר און כאַראַקטער. מיר האָבען היינט אין אונזער ביבליאָטעקישען רכוש ספרי דרוש מכל המינים: דרוש עפ"י הלכה, דרוש עפ"י חקירה ופילוסופיה, און דרוש על פי מוסר ביז צו דער סאַמע לעצטער מאָדערנער הטפה וואָס ציהט הויפּטזעכליך איהר יניקה פון לעבען גופא.

פארשטעהט זיך אז די דאָזיגע איבערוועקסלונגען אין דעם מהלך הדרוש זיינען א רעזולטאַט פון די וועקסלונגען פון צייט און אויך פון אָרט; יעדע צייט מיט איהר שטייגער און יעדער אָרט מיט זיין שטייגער, הכל לפי מקומו ושעתו.

איז אָבער דער חסרון וואָס די מעהרסטע דרוש ספרים פון אונזער מאָדערנער צייט זיינען שוין אביסעל צו ווייט אוועק פונ'ם טראָפּ און כמעט אין גאַנצען אראָפּ פון די רעלסען. דער ר ע ד נ ע ר האָט פארנומען דעם פּלאַץ פונ'ם ד ר ש ן און דער א ר א ט אָ ר איז געוואָרען דער יורש פונ'ם מ ג י ד. דער „וישן מפּני חדש תוציאו" האָט שטאַרק אָנגעהויבען אַפּערירען אויף דער אידישער בימה און געבראַכט דערצו אז דער אָריגינעלער נאָמען ד ר ו ש זאָל ביסלעכ־ווייז ווערען א „שם שנתרוקן מתוכו"; האָט פּאַרלאָרען זיין אור־שפּרינגליכען צביון און קוקט אוים עפּעס ווי א שטיף קינד פון דער אידישער בימה.

דער פסוק, דער מדרש, דער מאמר חז"ל, דער משל און דער שאַר־פער מוסר וואָרט — דאָס אַלעס איז ווי פארשטויסען געוואָרען פון דער

פאָרוואָרט

בימה און פאררוקט געוואָרען אין יענעם גניזה ווינקעל, וואו די אַלטע פארגעלטע „שמות" געפינען זיך...

גיט עס זיכער ניט צו קיין איבעריגען תעודת־כבוד צו דער טראַ־דיציאָנעלער דרשה. מאָדערניזירען מיינט באין אופן ניט דאָס אַלטע אין גאַנצען צו פאַרטרייבען, עס מיינט בלויז נייעם פארב צוצוגעבען, א נייעם מלבוש אָנקליידען, אָבער דער עצם, דער עיקר און דער תוך, דאָס דאַרף בלייבען דער אַלטער.

געוויס פאָדערט די היינטיגע צייט די דרשה מעהר צו פּאָפּולאַרי־זירען, אריינברייגגען אין איהר מאָדערנעם סטיל און מאָדערנע שפּראַך, דער אינהאַלט אָבער דאַרף בלייבען דער זעלבער; דער זעלבער פסוק און דער זעלבער מדרש, דער זעלבער משל און דער זעלבער מוסר. אויסקאַסירען די דאָזיגע ברילאַנטענע ווערטהען אונזערע מיינט פּשוט די אויסקאַסירונג פון דער גאַנצער דרשה.

אָט דאָס האָט דער מחבר פון „וואָרט און צייט" שטאַרק אין זינען געהאַט בעת'ן צוטריט צו דער דאָזיגער ארבייט. ער האָט זיך באַמיהט צו בלייבען טריי און לאָיאַל צום מקור. אריינשטעלענדיג איין פוס אין לעבען איז אָבער דער צווייטער פוס געבליבען שטעהן אין דעם אוצר החיים פון וואַנען דאָס לעבען דאַרף ציהען זיין יניקה; און אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט געזוכט צוצופּאַסען דעם פסוק צום לעבען, האָט ער אָבער גלייכצייטיג אויך געזוכט צו צופּאַסען דעם לעבען צום פסוק... ער האָט זיך באַמיהט געבען זיין פאָרטראַג מאָדערנעם פארב און קאָליר, ער האָט אָבער צו דער אייגענער צייט געהיט די גאַנצקייט פון א ו נ ט ע ר ' ן פארב און קאָליר. די שפּראַך און סטיל זיינען טאַקע שטאַרק אין אַכט גענומען געוואָרען, אָבער דער ג י י ס ט און אינהאַלט האָבען דורכדעם ניט געליטען און זיינען אין זיי ניט בטל געוואָרען.

אויף ווי ווייט דאָס האָט זיך דעם מחבר איינגעגעבען, דאָס בלייבט שוין פאר'ן מבקר אליין צו אורטיילען, און עס ווילט זיך האָפען אז דער אורטייל זאָל אויך זיין א גינסטיגער און דאַן — והיה זה שכרו.

בראשית

בראשית

אל תצדק ואל תרשע

ומפרי העץ אשר בתוך הגן אמר א׳ לא
תאכלו ממנו ולא תגעו בו.
(ג־ג).

פארשידען זיינען די סבות וואָס ברענגען אַ מענשען צו זינד. אין מאַנכע פאַלען איז עס דער עול הפרנסה וואָס מאַכט איהם איבערצו־טרעטען די גרענעצען פון עהרליכקייט. זאָגען דאָך די חכמים אַז „עניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו״; צוליב פרנסה איז שווערליך בייצושטעהן דעם נסיון פון שמירת שבת, דעם נסיון פון „נשאת ונתת באמונה״ און עהנליכעס. אַמאָל איז עס אויך די סביבה, די אומ־געבונג און אַטמאָספערע וואָס איבען אויף איהם אויס אַן איינפלוס און ווערט דורך זיי אָפּגענויגט פון דרך הישר, דער אַלטער כלל פון „בהתחברך לרשע״... און אין מעהרערע פאַלען איז שולדיג אין דעם די ערציהונג, דער „חנוך לנער על פי דרכו״ וואָס דאַרף זיין די פאַרברייטונגס שולע פאַר דעם „גם כי יזקין״, און אויב דער יסוד איז ניט קיין געזונטער שטעלט עס נאַטירליך דעם גאַנצען בנין אין סכנה. עס טרעפט אויך אַז די דערמאָנטע סבות אָפּערירען אַלע מיט אַמאָל און פאַראורזאַכען די נאַטירליכע קאָנסעקווענצען.

ביי אדם הראשון, דער יציר כפיו של הקב״ה, זיינען דאָך אָבער ניט געווען קיין איינע פון די אָנגעגעבענע זאַכען, ניט קיין פרנסה מאַ־טיוען, ניט קיין שלעכטע אומגעבונג און געוויס ניט קיין שלעכטע ער־ציהונג; דאַגעגען האָט ער געהערט די געטליכע שאַרפע ווארנונג „כי ביום אכלך ממנו מות תמות״, אַ ווארנונג וועלכע איז גענוג אָנצואוואַרפען אַ שרעק אַפילו אויף אַזעלכע צדיקים וואָס פאַר דעם טויט בעצם דאַר־פען זיי זיך ניט אַזוי שטאַרק שרעקען, ווי עס צייגט דער פאָלגענדער ציטירטער מאמר אין מסכת מועד קטן (כח ע״א):

וואָרט און צייט

רבא הוה יתיב קמיה דר״נ חזייה דקא מנמנם א״ל לימא ליה מר דלא לצערן א״ל מר לאו אדם חשוב הוא א״ל מאן חשיב מאן ספין מאן רקיע א״ל לתחזי לי מר אתחזי ליה א״ל הוי ליה למר צערא א״ל כמשחל בניתא מחלבא ואי א״ל הקב״ה זיל בההוא כד הוית לא בעינא דנפיש בעיתותיה.

רבא האָט באַזוכט רב נחמן אין די לעצטע מאָמענטען פון זיין לעבען ווען ר״נ איז געווען אין אַ גסיסה צושטאַנד. האָט ר״נ פאַרלאַנגט פון רבא אַז ער זאָל זיך באַמיהען ביים מלאך המות ניט צו פאַרשאַפען דעם שטערבליכען ר״נ קיין גרויסע יסורים ביים אָפּנעהמען זיין נשמה. רבא האָט דאַן פאַרלאַנגט פון ר״נ ער זאָל זיך שפּעטער באַווייזען צו איהם אין חלום, און אַזוי איז געווען. אויף רבא׳ס פראַגע צי האָט ער געהאַט פיעל צער ביי יציאת הנפש, האָט איהם ר״נ פאַרזיכערט אַז ס׳איז געווען ווי מען ציהט אַרויס אַ האָר פון מילך, און דאָך, האָט ער צוגעגעבען, ווען מ׳זאָל איהם נאָכאַמאָל וועלען אַראָפּשיקען אויף דער וועלט וואָלט ער עס ניט געהרען געהאַט אום ניט דורכמאַכען אַ צווייטען מאָל די שרעק פון טויט.

דער טויט, ווי דער טויט, די ש ר ע ק פון טויט איז פיעל ערגער... און אָט די שרעק פון טויט מאַכט דאָך דער מענש פּאַקטיש דורך יעדען טאָג פון לעבען. יעדער ריהר זיינער, יעדער באַוועגונג דראָהט דאָך מיט שרעק פון טויט. יעדער מינוט איז ער דאָך אויסגעזעצט די געפאַהרען פון פאַרשידענע קאַטאַסטראָפען און אומגליקען.

ווען אדם הראשון האָט אַלזאָ דייטליך געהערט די ווארנונג פון טויט, טאָ ווי קומט עס וואָס די „בעיתותא דמיתה״ האָט ניט געקענט דינען אַלס שמירה איהם אָפּצוהאַלטען פון זיין חטא, ווערענד פון דער אַנדער זייט זיינען דאָך ביי איהם, ווי געזאָגט, ניט געווען די געוועהנליכע סבות וואָס ברענגען צו זינד. וואָס זשע אַלזאָ איז פאַרט געווען די סבה פאַר זיין דורכפאַל?

דעם ענטפער דערצו קענען מיר געפינען אין איינע פון די מאָראַלישע פּערל פון קהלת:

„אל תהי צדיק הרבה — אל תרשע הרבה״ (קהלת ז).

בראשית

איז דער „אל תרשע   ה ר ב ה ” אייגענטליך ניט אין גאַנצען פאַרשטענדליך. היתכן אַז קהלת זאָל בלויז וואָרנען פון אַ   ס ך רשעות, משמעות אַז מיט אַביסעל רשעות קען מען יאָ שלום מאַכען ? . . .

אַ פסיכאָלאָגישער אַנאַליז איבער דער מענשליכער שוואַכקייט מאַכט די זאַך קלאָהר און פאַרשטענדליך. זעהען מיר דאָך בחוש ווי מאַנכע מענשען אַזוי שנעל ווי זיי ווערען געצוואונגען דורך אומשטענדען אָפּ־צוגיגען פון געוויסע פרינציפּען פון אידישקייט, וואַרפען זיי שוין פון זיך אין גאַנצען אַראָפּ דעם יאָך. זיי טראַכטען זיך : אויב מען איז למשל געצוואונגען מחלל שבת זיין צוליב פרנסה „מעג” מען דאָך שוין אויך אַ סיגאַרעט פאַררויכערען, ווייל סיי ווי איז מען דאָך שוין אַ מחלל שבת. אָדער : אויב אונטערוועגנס צום ביישפיל קען מען ניט ביי־שטעהן דעם נסיון פון כשרות, טאָ וואָצו די זהירות אין דערהיים ?

אָט צו די שוועכלינגע קומט די וואָרנונג פון „אל תרשע   ה ר ב ה ”, אויך די רשעות דאַרף מען צוימען און באַגרענעצען און ניט אַוועקגעהן צו עקסטרעמיטעט.

מ׳דערצעהלט אויף דעם באַוואוסטען צדיק רבי אשר סטאָלינער אַז איינמאָל האָט זיך פאַר איהם באַקלאָגט אַ אידישער סאָלדאַט אַז ער איז געצוואונגען אויף מאַנעווערע צו שיסען מיט׳ן ביקס אום שבת. דאַרויף זאָל איהם ר׳ אשר׳ל האָבען געענטפערט : „מיין קינד, אויב דו וועסט קענען אויספיהרען מיט איין שאָס ווייניגער לכבוד שבת איז עס אויך אַ גרויסער ענין” . . . דער „הרבה” איז אויך אַ חשוב׳ער פונקט אין דעם „אל תרשע” . . .

ניט ווינציגער מיינט אָבער אויך דער „אַל תהי צדיק הרבה”. זאָגען מיר דאָך אין אונזער ודוי פון יום־כפור־קטן : „את אשר טהרת טמאתי ואשר טמאת טהרתי, את אשר התרת אסרתי ואשר אסרת התרתי”. הייסט עס דאָך אַז אפילו אויפ׳ן „אשר טהרת טמאתי” און „התרת אסרתי” דאַרף מען זיך אויך מתודה זיין . . . ווייל אויך אָט דער עקסטרעמיטעט איז ניט קיין געווינשטער. דער „וחי בהם — ולא שימות בהם” איז אויך אַ מצות עשה לויט דער אויפפאַסונג פון חז״ל (ע״ז כז), און אַ נזיר ווערט באַטראַכט פאַר אַ חוטא „על שצער עצמו מן היין” (נדרים י).

און דער כלל האַלט טאַקע אויך אויס לאָגיש. דער איד דאַרף מיט

זיין האַלטונג אויך דינען אַלסביישפּיל פאַר אַ צווייטען. מיט זיין אידישקייט טאָר ער אויך ניט זיין עגאָאיסטיש. יעדער מצוה און יעדער גוטער טהאַט דאַרף זיין מיט אַ „לשם יחוד ביחודא שלים בשם כ ל ישראל". אויב אַלזאָ דער איד געהט אַוועק מיט זיין פרומקייט אין אַן עקסטרעמע ריכטונג אַזוי אַז דער דורכשניטליכער מענש קען דאָס ניט נאָכקומען, איז אַנשטאָט צו דינען דערמיט אַלס וועגווייזער פאַר אַנדערע האָט עס גאַר אַ פאַרקעהרטע ווירקונג. דער אַנדערער, דרינגענדיג דערפון אַז עכטע אידישקייט מיינט עקסטרעמיטעט, איז ניט קענענדיג נאָכפאָלגען אַ ז אַ מין אידישקייט טרייסעלט ער זיך שוין אין גאַנצען אָפּ פון דער טראַדיציע, און עס קומט אויס אַז אַנשטאָט צו זיין אַ „מזכה את הרבים" ווערט גאָר דער „צדיק הרבה" חס ושלום אַ „מחטיא את הרבים" און ס'איז „יצא שכרו בהפסדו"...

אָט דאָס איז טאַקע אויך געווען די סבה פון דעם חטא מיט'ן עץ הדעת. עס איז געווען דער „אל תהי צדיק הרבה" וואָס האָט אָפּערירט אין דער דאָזיגער אָפּערע.

חוה האָט איבערטריבען און איז אַוועק צו אַן עקסטרעמען פונקט ווען זי האָט געזאָגט: „ומפרי העץ אשר בתוך הגן אמר אלהים לא תאכלו ממנו ולא ת ג ע ו בו פן תמותון" ווען אין אמת'ן האָט גאָט בלויז געזאָגט „לא תאכל ממנו". אָט די הוספה פון „ולא תגעו" האָט עס געבראַכט דערצו אַז ס'זאָל האָבען אַ פאַרקערטע ווירקונג. „הוסיפה על הצווי לפיכך באה לידי גרעון" (רש"י). דער נחש האָט דאַדורך געקראָגען דעם ריכטיגען מאַטעריאַל פאַר זיין אַרגומענטאַציע:

„ויאמר הנחש אל האשה לא מות תמותון". קאָמענטירט דאַרויף דער מדרש: „דחפה עד שנגעה בו אמר לה כשם שאין מיתה בנגיעה כך אין מיתה באכילה". עס איז געווען אַ מין ממה־נפשך־טענה: אויב דער פאַרבאָט איז אויך געווען אויף „ולא תגעו", ביסטו דאָך שוין סיי ווי חייב מיתה פאַר דעם „אָנריהרען", און דאָס איז דאָך זיכער אַז „לא מות תמותון", צ ו ו י י מאָל שטאַרבען ווערסטו דאָך ניט, טאָ פאַר וואָס זיך באַרויבען פון דעם פאַרגעניגען פון „עסען"? אויב שוין סיי ווי שטאַרבען איז כאָטש געניסען פון דער פולער מאָס!... די זעלבע דערמאָנטע טענה פון די היינטיגע מאָדערנע עוברי עבירה אַז אויב מען

בראשית

איז שוין דורך אומשטענדען געשטויסען געוואָרען צו איין סאָרט חלול שבת, פאַרלירט מען דאָך שוין גאָר ניט אויב מען איז שוין עובר אויף אַלע ל"ט מלאכות...

קלינגט עס פונקט ווי יענע טענות וואָס מיר הערען אַזוי אָפט פון אַמעריקאַנער אידישע עלטערען אין באַצוג צו די ערציהונג פון זייערע קינדער. זיי טענה'ן: מיר ווילען דאָך שוין פון קינד קיין רב סיי ווי ניט מאַכען, טאָ צו וואָס איהם אין גאַנצען מאַטערען מיט'ן אידישען „חדר" ?...

דער „אל תרשע הרבה" איז פאַלגליך אַ רעזולטאַט פונ'ם „אל תהי צדיק הרבה". אויב דו וועסט ניט זיין צו־פיעל צדיק ווערסטו ממילא ניט זיין צו־פיעל רשע. שטעל ניט אַוועק דעם טראָפּ פון אידישקייט אויף ר ב נ ו ת ווערסטו דיין קינד יאָ שיקען אין חדר און דערמיט איהם באַשיצען פון דעם „אל תרשע הרבה"; געה ניט אַוועק אין קיין עקסטרעמע ריכטונג און וויל ניט זיין דוקא אַ „תפסת מרובה" ווערסטו אַמווייניגסטענס זיין אַ „תפסת מועט".

דער דרך התורה איז דער שביל־הזהב, דער מ י ט ע ל ו ו ע ג , ניט דער עקסטרעמער. אפילו די אסורי התורה זיינען אויך ניט עקסטרעם און „כל דאסר לן רחמנא שרא לן כוותיה, אסר לן דמא שרא לן כבדא, נדה — דם טוהר וכו' (חולין קט).

איז דער דאָזיגער קאַפּיטעל עץ הדעת פאַר אונז ווירקליך אַן ער־האַבענע לעקציע און מיר האָבען פיעל דערפון צו לערנען.

נח

ברא כרעא דאבוה

אלה תולדות נח נח איש צדיק — למדך שעיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים.

(רש״י).

קינדער פאַרנעמען נאַטירליך דעם ערשטען פּלאַץ אין דאָס מענש־ליכע גליק. צוליב קינדער איז מען גרייט די גרעסטע קרבנות צו ברענגען. און אויב מיר זעהען למשל ווי מענשען אַרבייטען דאָס גאַנצע לעבען זייערס, און אפילו ווען זיי האָבען שוין דערגרייכט צו עשירות און זייער עקאָנאָמישער מצב איז שוין אַ געזיכערטער אויף כל ימי חייהם, גיבען זיי נאָך דעמאָלט אויך ניט אויף זייער טעטיגקייט, ציהען זיך ניט צוריק און האַלטען ווייטער דעם עקאָנאָמישען אפאראַט אין פולער באַ־וועגונג — איז עס דאָך אַלץ בלויז צוליב די קינדער כדי פאַר זיי אַ גרעסערע ירושה איבערצולאָזען.

אַט אַזוי איז עס. אַ נאַטור געזעץ אַזאַ וואָס לאָזט זיך ניט ענ־דערען.

דער זעלבער געזעץ אפּערירט אויך אין גייסטיגע ירושות. אויך דאָ איז דער צענטער־פּונקט פון דעם מענש׳ס אידעאַל — די קינדער און שטרעבט איבערצולאָזען פאַר זיי אַ וואָס גרעסערע גייסטיגע ירושה. עס איז די שטרעבונג נאָך אונשטערבליכקייט וואָס קען נור ערגרייכט ווערען דורך קינדער וואָס נעהמען איבער די גייסטיגע ירושה און פיהרען זייער לעבענס־שטייגער אין דער זעלבער ריכט־ליניע וואָס איז פאַר זיי אויסגעלייגט געוואָרען פון זייערע עלטערען. דאַדורך נאַטירליך בלייבען די לעצטע פאַראייביגט אויך נאָך זייער טויט. דער אַלטער כלל פון „יעקב אבינו לא מת״ ווייל „מה זרעו בחיים אף הוא

נ ח

בחיים" און ווי דער מדרש דריקט זיך אויס „כל מי שיש לו בן ויגע בתורה כאילו לא מת (בראשית סט). מיט אַ בן אַ יגע בתורה הייסט מען ניט געשטאָרבען אפילו נאָכ'ן טויט. דאַגעגען האָט זיך רחל אויסגעדריקט: „הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי", ווייל אָהן קינדער קען מען ניט גרייכען צו אונשטערבליכקייט.

געפינען מיר טאַקע ביי שמואל הקטן וועלכער איז געשטאָרבען קינדערלאָז, האָבען ר"ג הזקן און ר"א בן עזריה אין זייער הספד אויף איהם געזאָגט: „מלכים מתים ומניחים כתריהם לבניהם, עשירים מתים ומניחים עושר לבניהם שמואל הקטן נטל כל החמודות שבעולם והלך לו". שמואל הקטן, האָבען זיי געזאָגט, האָט זיין גאַנצען גייסטיגען רכוש מיטגענומען מיט זיך ניט האָבענדיג קיין קינד וועמען די דאָזיגע ירושה איבערצולאָזען.

אָבער ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס די שטרעבונג צו קינדער איז אַזוי גרויס, הערט מען דאָך אָמאָל אַן אויסדרוק פון עלטערען אין באַצוג צו זייערע קינדער לויט וועלכען זיי וואָלטען בעסער געוואונשען די קינדער זאָלען גאָר ניט האָבען געבוירען געוואָרען. איז עס ווי רש"י דריקט זיך אויס אויפ'ן פסוק: „אָרורה האדמה בעבורך — משל ליוצא לתרבות רעה והבריות מקללות שדים שינק מהם".

ניט אומזיסט לויטעט דער תלמוד'ישער אויסדרוק: „ברא כרעא דאבוה" (עירובין ע"א). דאָס קינד איז די ק נ י ע פון דעם פאָטער. און פאר וואָס גראַדע פארגלייכען צו דער „קניע" און ניט צו קיין אַנדער אבר ווי למשל דער קאָפּ אָדער דאָס האַרץ?

די קניע אָבער איז יענער גליד אין מענשליכען אָרגאַניזם וואָס קען דעם מענש מאַכען אי ה ו י ך אי נ י ד ע ר י ג. אויפשטעלענדיג די קניע ווערט מען הויך, איינבויגענדיג איהר ווערט מען נידעריג.

דער „ברא" איז אויך „כרעא דאבוה", מיט זיין גוטער אויפפיהרונג מאַכט ער דעם טאַטען „הויך" און שטאָלץ (בן חכם ישמח אב) דאַגעגען מיט שלעכטער אויפפיהרונג פארשוואַרצט ער דעם טאַטענס אָדער מאַמעס פנים און „דערנידעריגט" זיי (בן כסיל תוגת אמו).

נח האָט געהאַט דריי זיהן, צווישען זיי ח ם דער זינדיגער, דער צולאָזענער. דורך חם'ס אויפפיהרונג איז נח אויך אַריין אין דער קאַ־

וואָרט און צייט

טעגאָריע פון יענע עלטערן וואָס מען „פאַרשעלט די בריסט פון וועלכע דאָס קינד האָט געזויגען”, און נח האָט טאַקע חם׳ן פאַרשאָלטען — „ארור כנען” !

די פראגע איז אָבער צו האָט טאַקע נח געהאַט די פולע רעכט פאַר זיין ברויזיגען כעס געגען דיזען פאַרשייטען זוהן. צו איז ניט צומאָל נח אליין טיילוויז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר חם׳ס שלעכטע וועגען דורך וועלכע ער האָט איהם פאַרשאַפט אַזוי פיעל שאַנד און שמאַרץ ?

עס שיינט אַז אויך אין דעם איז דאָ אַ באַרעכטיגונג פאַר אַ „יש דורשין לגנאי”... עס טרעפט זעהר אָפט אַז עלטערן זיינען גאָר אליין די אורזאַך פון זייער קינד׳ס שלעכטע אויפפיהרונג. זיי, די עלטערן, מיט זייער אייגענע אויפפיהרונג דינען אַלס ביישפיעל פאַר די קינדער.

אין אַזעלכע פאַלען וואו די עלטערן אליין פיהרען זיך ניט אויף ווי געהעריג, דאַרפען זיי זיין געפאַסט דערויף אַז דאָס וועט זיך אָפּרופען צום שלעכטען אויף זייערע קינדער. נאָך מעהר: זיי דאַרפען וויסען אַז ווען זאָגאַר זייער שלעכטע הנהגה איז טעראַטאַריאַליש בלויז אַן אינווייניגסטע, „בין כותלי ביתם”, וועלען עס שוין די קינדער אַרויס־טראַגען אויף דער גאַס. זיי, די קינדער, וועלען שוין געבען דער זאַך דעם געהעריגען פרסום. אַזוי טאַקע ווי עס איז געווען דער פאַל מיט דעם באַטרעפענדען חם.

די תורה דערצעהלט:

ויחל נח איש האדמה ויטע כרם —

וישת מן היין וישכר ויתגל בתוך אהלה.

אונזערע חז״ל מאַלען דערביי אַ בילד וואָס כאַראַקטעריזירט אויף אַ העכסט טראַגישען אופן דאָס אַרונטער־געזונקענקייט פון אַ מענשען וואָס פאַרלירט זיין גלייכגעוויכט און לאָזט זיך אריין אין ליידענשאַפטליכע שכרות. ער ווערט דאַן אַ שותף מיט׳ן טייפעל און ווערט אַלץ טיעפער און טיעפער אַרונטערגעשלעפט אין אָפּגרונט פון זומפ און שמוץ:

ויטע כרם בא לקראתו השטן א״ל רצונך שנטענה יחדו אני ואתה א״ל הן. מיד הביא תחלה רחלה אחת ושחטה על הגפן

נח

ואח"כ הביא אריה אחד ושחטו על אותו הגפן ואח"כ חזיר אחד ושחטו על אותו הגפן. מפני מה עשה כן השטן כשאדם שותה כוס אחד הוא כרחלה עניו ושפל רוח וכשהוא שותה שתי כוסות מיד נעשה גבור כארי ומתחיל לדבר גדולות ואומר מי כמוני וכשהוא שותה ג' או ד' מיד הוא נעשה כחזיר שמתלכלך בטיש ורפש" (ילקוט ט' קמ"א).

עס איז טאַקע ניטאָ קיין פאַרבאָט אויף טרינקען, ניט אויף איין כוס און אפילו ניט אויף דריי אָדער פיער כוסות. אונזער מאָראַלישע תורה לערנט אונז אָבער: „קדש עצמך ב מ ו ת ר לך", אפילו אין דאָס וואָס איז „מותר לך" דאַרף אויך זיין „קדש" עצמך...

דער אויסגאַנג דערפון איז געווען אַז כאָטש נח האָט זיך אין זיין שכרות ניט געוואַלגערט אין די רינשטאָקס, עס איז בלויז געווען „ויתגל בתוך א ה ל ה", האָט שוין אָבער חם געזאָרגט דאַפיר אַז נח'ס שענדליכע אויפפיהרונג זאָל שוין קריגען די געהעריגע „פובליסיטי" און אַזוי שנעל ווי „וירא חם אבי כנען את ערות אביו" איז גלייך געווען: „ויגד לשני אחיו ב ח ו ץ". ער האָט עס ניט געלאָזט בלייבען אין דעם „אהלה" נור האָט עס אַרויסגעטראָגען „ב ח ו ץ".

אמת, די אַנדערע צוויי קינדער שם און יפת זיינען געווען פיעל אנשטענדיגער. זיי האָבען געהאַנדעלט העכסט באשיידען:

וילכו אחורנית ויכסו את ערות אביהם ופניהם אחורנית וערות אביהם לא ראו". האָבען נישט געוואָלט זעהן דעם טאַטען אין אַזאַ העסליכען צושטאַנד און אויסגעמיטען איהם אין פנים צו קוקען — ו פ נ י ה ם א ח ו ר נ י ת... אָבער דאָס אַליין איז שוין אויך גענוג טרויעריג אַז קינדער דאַרפען זיך שעהמען צו קוקען דעם טאַטען אין פנים אריין...

דאָן זיינען דאָך ניט אלע קיין „שם ויפת". די „עידית" און „בינונית" זיינען געוועהנליך וויניגער אין צאָהל ווי די „זיבורית" און אויב עס גיט זיך אפשר אַמאָל איין אַז די שלעכטע אויפפיהרונג פון עלטערען זאָל זיך ניט אָפרופען אויף די קינדער און זיי, די קינדער, ווענדען אָפּ די גע־זיכטער אין אַן אַנדער ריכטונג, „ופניהם אחורנית", איז אָבער אין

מעד־רערע פאַלען ניט אזוי נור אָנשטאָט „ו פ נ י ה ם אחורנית" איז גאָר „ו י ל כ ו אחורנית" די קינדער ווערען בעאיינפלוסט פון דער דאָזיגער הנהגה און זיי אליין געהן אויך אַוועק „אחורנית" — ריקווערטס... פאַרנעהמען זיך אויף שלעכטע דרכים.

פאַראַן אַמאָל נאַטירליך אַז אין פאַראַלעל צו די השפעה פון הויז קומט די השפעה פון „חדר", פון „תלמוד תורה" אָדער פון „ישיבה", און דאַן געוועדט זיך וועלכע השפעה איז אַ שטאַרקערע. אויב די השפעה פון ישיבה איז גובר דאַן איז „ו פ נ י ה ם אחורנית", אויב אָבער די הויז השפעה איז גובר דאַן איז „ו י ל כ ו אחורנית". איןביידע פאַלען אָבער פאַרשאַפט עס, ווי געזאָגט, ווייניג כבוד צו די עלטערען...

און דערפאַר דאַרפען עלטערען שטענדיג וויסען אַז אום צו ער־ציהען קינדער דאַרפען זיי צום אַלעם ערשטען זיך אליין ערציהען...

אין דער צייט ווען „נח איש צדיק" האָט מען נאָך פון קיין חם'ס שלעכטע מעשים ניט געהערט כאָטש די דאָזיגע חם'ס זיינען שוין דע־מאָלט אויך געווען אויף דער וועלט: אַזוי שנעל אָבער ווי אין נח'ן אַליין איז געקומען אַן ענדערונג, ס'איז געוואָרען: „ו י ח ל נח איש האדמה — נתחלל ונעשה חולין", נח איז וואַכעדיג געוואָרען, אַרונטער פון דער מדרגה, אַזוי באַלד האָט מען שוין אָנגעהויבען הערען פון די מעשי חם. דעם טאַטענס מעשים האָבען שנעל געווירקט אויפ'ן זוהן און ס'האָט שוין לאַנג ניט געדויערט און דער „ארור כנען" האָט אָפּ־געהילכט איבער'ן גאַנצען האַריזאָנט. אָבער, ווי געזאָגט, האָט נח ניט געדאַרפט פאַרגעסען אַז דער דאָזיגער „ארור כנען" איז אַ רעזולטאַט פונ'ם „ויחל נח"...

אַט דערפאַר קלינגט אַזוי שעה־ן דער רש"י־זאַץ פון אונזער טעקסט:

„אלה תולדות נח, נח איש צדיק — למדך שעיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים", און דאָ דערהערט זיך אַ שניידענדער פאַרוואורף צו עלטערען וואָס ווינשען צו האָבען גוטע קינדער אָבער אליין זיינען זיי ווייט פון צו זיין גוטע. צו די זאָגט מען:

נ ח

זייט וויסען אַז „תולדות נח" איז שטענדיג אָפּהענגיג אין נח'ן אַליין. אויב ער, נח אליין, איז אַ „נח איש צדיק" דאַן קען ער ער־וואַרטען צו האָבען שעהנע „תולדות נח", וויל — „עיקר תולדותיהם של צדיקים", דער עיקר און שורש פון וואַנען עס ווערען „תולדותיהם של צדיקים", זיינען, „מעשים טובים", די מעשים טובים וואָס זיי זעהען ביי די עלטערען, דערפון די השפעה. אָהן דעם נח־איש־צדיק איז ניטאָ קיין תולדות־נח...

און אויב אין דעם נח־קאַפּיטעל זעהען מיר די נעגאַטיווע זייט, דאָס טונקעלע, דאָס שאָטענדיגע, זעהען מיר דערפאַר ביי אברהם'ן די פּאָ־זיטיווע זייט, דאָס העלע און דאָס ליכטיגע, אָבער וועגען דעם — אין פּרשת וירא.

לך לך

אברהם, נמרוד והפליט

ויבא הפליט ויגד לאברהם העברי.
(יד—יג).

הוא לא נתכוון לשם שמים אלא אמר
אברהם זה קוניון (קנאי) הוא ועכשו אני
אומר לו נשבה בן אחיך והוא יוצא למלחמה
ונהרג ואני נוטל את שרי אשתו.
(ב״ר מב)...

פאַרשטעהען מיר שוין, לויט'ן ציטירטען מדרש וואָס דעם „הפליט'ס" כונה איז געווען. מ'דאַרף אָבער אויך פאַרשטעהן וואָס אברהמ'ם כונה איז געווען צו געהן אַזש אויף מסירות־נפש צו ראַטעווען לוט'ן. אויב הפליט'ס כונה איז געווען שלא לשם שמים איז דאָך אָבער אברהמ'ס כונה זיכער יאָ געווען לשם שמים. טאָ וואָס פאַר אַ אידעאַל איז דאָ געווען אין לוט'ס רעטונג? אמת, טאַקע אַ פלימעניק אָבער אַזאַ פלימעניק מיט וועמען אברהם האָט זיך ניט אַזוי שטאַרק גע'יחס'נט... ער האָט זיך דאָך גאָר פון איהם פאַנאַנדערגעשיידט און לוט האָט זיך דאָך באַזעצט אין סדום וואו ער האָט זיך אָפגעזוכט זיין ריכטיגע חברותא, זיינע געזינונגס־גענאָסען. טאָ וואָס האָט דאָ אַזוי געצויגען אברהמ'ען צו ראַטעווען דעם דאָזיגען „צדיק" זיינעם און וואָס פאַר אַ לשם שמים האָט דאָ געקענט זיין?

אַ צווייטער מדרש וואָס ווערט ציטירט אין רש״י וואַרפט אַ ליכט אויף דעם דאָזיגען ענין: „ויהי בימי אמרפל — הוא נמרד שאָמר לאַברהם פול לתוך כבשן האש" (ב״ר).

מען קען דעריבער לייכט פאַרשטעהן אַז דער דאָזיגער אמרפל וועלכער האָט געכאַפּט אַזאַ מיאוס'ען אָפּשניט ביים כבשן האש, זאָל זיך האָבען אַרומ־געטראָגען מיט אַ פולער האַרץ אויף אברהמ'ען. אויב דער פייער אין קאַלד־איוועען האָט אברהמ'ען ניט געקענט פאַרברענען, האָט ער זיך אָבער איבער־געטראָגען אין נמרוד'ס האַרץ און דאָרט געברענט און געפלאַקערט מיט צאָרענדער קנאה און פלאַמענדע נקמה געפיהלען. ער האָט געוואָרט נאַ־

לך לך

טירליך פאַר אַ געלעגענהייט ווען ער וועט זיך קענען אָפּרעכענען מיט זיין אידישען שונא.

און די געלעגענהייט איז געקומען. בעת די מלחמה מיט די פינף מלכים צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען סדום און עמורה, דערצעהלט די תורה אַז נאָכ'ן זיעג פון כדרלעומר מיט זיינע „עלייאס" אמרפל אַריינגע־רעכענט, האָבען די זיעגער פאַרנומען אין זייער געפאַנגענשאַפט דעם גאַנצען פאַרמעגען פון סדום ועמורה: „ויקחו את כל רכוש סדום ועמורה ואת כל אכלם וילכו". נאַטירליך, אויב מען שטרייכט אונטער „את כ ל רכוש סדום" איז דאָך שוין לוט מיט זיין פאַרמעגען אויך אין כלל, ווייל ער, לוט, איז דאָך אויך אַ בירגער פון סדום. וועגען לוט'ן אָבער איז געווידמעט אַ ספּעציעלער פסוק: „ויקחו את לוט ואת רכושו בן אחי אברם וילכו". איז דאָך דער דאָזיגער פסוק לגמרי אונגויטיג? אגב וואָלט געווען מעהר גראַמאַטיקאַליש ווען דער פסוק שטעלט אַוועק דעם „בן אחי אַברם" נאָכ'ן וואָרט „לוט" איידער נאָכ'ן וואָרט „רכושו", דער בן־אחי־אברם איז דאָך „לוט" און ניט דער „רכושו"?

משמעות טאַקע אַז מיט אַ באַזונדער כונה איז דער „בן אחי אַברם" אַוועק־געשטעלט געוואָרען נאָכ'ן „ואת רכושו" כדי ס'זאָל דיענען אַלס פּירוש צום „רכושו" אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען לוט'ס מאַטעריעלען רכוש נאָר וועגען זיין גייסטיגען רכוש. זיין מאַטעריעלער רכוש איז שוין איינגעשלאָסען געוואָרען אין דעם אַלגעמיינעם רכוש פון סדום ועמורה וועגען וואָס עס רעדט זיך שוין אין פריהעריגען פסוק; דאָ רעדט זיך אָבער וועגען לוט'ס גייסטיגען רכוש און דיזער רכוש איז דער „בן אחי אברם", ווי דער מדרש זאָגט אויפ'ן פסוק: „כי אנשים אחים אנחנו — וכי אחים היו? אלא שהיה קלסתר פניו של לוט דומה לאברם", און דאָס איז זיכער געווען אַן אומ־שעצבאַרער רכוש געשטאַלטעט צו זיין אין אברהמ'ס קלסתר פנים פון וועלכען עס שטראַהלט אַראָפּ אַזאַ הייליגע ליכטיגקייט. אָט דיזען רכוש, לוט'ס, מיינט עס דער דאָזיגער פסוק צו באַצייכענען.

איז טאַקע אַזאַ רכוש געוויס געווען פון אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג. צו דער זעלבער צייט האָט אָבער דער דאָזיגער רכוש אויך געהאָלפען איהם צו פאַר־ראַטען. דען אַזוי שנעל ווי אמרפל־נמרוד האָט אָנגעטראָפען לוט'ן האָט ער, אַ דאַנק זיין אויסקוק, אין איהם דערקענט אברהמ'ען זיין אַלטען שונא

וואָרט און צייט

און געטראַכט אַז איצט איז געקומען די צייט צו באַפרידיגען זיינע ראַכע געפיהלען און דערפאַר — „ויקחו את לוט ואת רכושו בן אחי אברם״...*)

פאַר נמרוד־אמרפל איז אָט דער געפאַנגענער „רכוש״ געוועז אונגעהייער וויכטיג, אפשר פיעל וויכטיגער פאַר דעם מאַטעריעלען רכוש. איצט, האָט ער געטראַכט, וועט ער האָבען אַ געלעגענהייט איבערצייגען די גרויסע וועלט אַז אברהם איז ענדליך אַריינגעפאַלען אין זיינע הענט און דאָמיט אָפּווישען דעם איינדרוק פון דעם גרויסען פּאָפּולערען נס פון כבשן האש וואָס האָט בשעתו אויפגעשטורעמט די גאַנצע וועלט.

און אַז דער „הפליט״ איז געקומען און „ויגד לאברם העברי״ געבענדיג דערביי אַן אָנצוהערעניש אַז די גאַנצע סיבה פון לוט׳ס געפאַנגענשאַפט איז צוליב די אַלטע שנאה צו אברם דעם „עברי״, וואָס אין ליכט פון מדרש מיינט עס אַז: „כל העולם כולו מעבר אחד והוא מעבר אחד״ (ב״ר מב), איז אַזוי שנעל ווי „וישמע אברם כי נשבה אחיו״ (לויט די באַטאָנונג פון אויבענ־דערמאָנטען מדרש אַז אחיו מיינט „שהיה קלסתר פניו של לוט דומה לאברם״), איז אברהמ׳ען דאָ געגאַנגען אין לעבען אַרויסצוראַטעווען לוט׳ן וועלכער איז ביי דער וועלט אָנגענומען געוואָרען אַלס אברהם, אום דאָמיט צו פאַר־היטען דעם גרויסען חלול השם וואָס אמרפל־נמרוד האָט דאָ געפּלאַנט מיט דער פאַרמיטלונג פון זיין געפאַנגענעם.

עס האָט זיך דאָ פאַקטיש געהאַנדעלט אין מסירות־נפש על קדוש־השם

*) רעדענדיג וועגען די פאַרראַטונג פון אַ פּנים איז כדאי צו דערמאָנען דעם דובנער מגיד׳ס אַ וואָרט אויף דעם וואָס דער ירושלמי (חגיגה פ״ד) ברייננגט אַז: „וצריך שיאמר וגם חרבונא זכור לטוב״. דער דובנער פרעגט: לויט׳ן מדרש האָט זיך דאָך גאָר אליהו באַוויזען פאַר אחשורוש׳ן אין געשטאַלט פון חרבונא, האָט דאָך חרבונא אליין פאַקטיש דאָ גאָר ניט געטהון, טאָ פאַר וואָס קומט איהם צו זיין אַ זכור לטוב?

נאָר — ענטפערט דער דובנער — בעת איינער געהט אויף אַ שמחה אין אַ פרעמד מלבוש וואָס ער האָט געבאָרגט ביי אַ צווייטען, איז אַ יושר ער זאָל איהם אָפּדאַנקען און מיטברייגגען פאַר איהם עפּעס אַ חלק פון דער סעודה... שוין דערפאַר אליין וואָס חרבונא האָט זוכה געווען אַז אליהו זאָל זיך מתלבש זיין אין זיין גע־שטאַלט, האָט ער פאַרדיענט מען זאָל איהם דערמאָנען צום גוטען...

און אויב עס קען טרעפען אַז אליהו אין געשטאַלט פון אַ חרבונא זאָל ברייגגען אַ ישועה, קען שוין אויך טרעפען פאַרקעהרט אַז אַ לוט אין געשטאַלט פון אברהם זאָל דוקא ברענגען דעם געגנזאַץ....

לך לך

און ס'איז געווען אַט דער קדוש השם צוליב וועלכען אברהם האָט קיין צייט ניט פאַרלאָרען און באַלד נאָכדעם: „וירק את חניכיו״...

פאַרצייכענט די דאָזיגע פרשה נאָך אַ שעהנעם מסירות־נפש אַקט אויף דעם רעקאָרד פון דעם ראש האבות און פאַסט אַריין נאָך אַ דימענדשטיין אין דער כתרו של אברהם אבינו.

און אויב אברהמ'ען האָט זיין אַקט אַוועקגעשטעלט אין אַ שעהנע העלע ליכט, איז אָבער הפליט'ס אַקט געווען פונקט דער היפך. ער, הפליט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זעהר העסליכע און עקעלהאַפטע פּאָזיציע.

לויט אונזער טעקסט־מדרש איז הפליט געקומען צו לויפען ניט אויס אַ לשם־שמים־כונה נאָר אויס ליעבע צו שרה'ן אויף וועמען ער האָט „געוואָרפען אַן אויג״; ער איז פאַלגליך אויסענגעווען ניט לוט'ס רעטונג נאָר אברהמ'ס פאַרניכטונג. ער איז זיכער געווען אַז אברהם וועט שנעל לויפען ראַטעווען לוט'ן; ערשטענס, האָט ער געוואוסט ליגט עס אין אברהמ'ס כאַראַקטער זיך מקריב צו זיין אפילו פאַר דעם ערגסטען אידען, בפרט נאָך פאַר זיינעם אַ פאַרוואַנדטען און בפרט שבפרט ווען עס האַנדעלט זיך אין קדוש־השם. ער איז אָבער אויך זיכער געווען אַז אברהם דער פיזיש שוואַכער איד וועט געוויס פאַלען אין דער דאָזיגער מלחמה אַנטקעגען אַזעלכע ריעזיגע גרויסע גבורים, און אַזוי אַרום וועט זיין טייפלישער פּלאַן וועגען שרה'ן דורכגעפיהרט ווערען אָהן אירגענד וועלכע שטערונגען.

האָט אָבער הפליט דאַ געמאַכט אַ גרויסען טעות. ער האָט פאַרגעסען אָדער קיינמאַל ניט געוואוסט אַז דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך אין קדוש השם ווערט דער שוואַכסטער איד פאַרוואַנדעלט אין אַ מעכטיגען ריעז; ער שפּאַנט איין אין זיין דיענסט אַזעלכע כלי־זיין וואָס זיינע שונאים ווי שטאַרק זיי זאָלען ניט זיין, פאַרמאָגען עס ניט אין זייער באַזיץ; יענע כלי־זיין אויף וועלכע דער נביא רופט אויס: „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי״ (זכריה ב); און זאָל זיך עס ווידער האַנדלען אין דער פּראָטעקציע פון דער הייליגער שרה, וועט אברהם ווידער אַנווענדען זיין אומנאַטירליכען מסירות־נפש־קראַפט צו פאַרטיידיגען איהר עהרע. אַט דאָס אַלעס האָט דער דאָזיגער הפליט פאַרגעסען פונקט ווי עס האָבען עס פאַרגעסען, פריהער אַביסעל די פרעה'ס און שפּעטער אַביסעל די אבימלכ'ס...

וואָרט און צייט

און אפשר האָט ער עס גאָרניט פאַרגעסען נאָר ווען עס האַנדעלט זיך אין דער ליעבע פון אַ שעהנער אידישער שרה, ווערט מען אַזוי פאַרבלענדעט אַז עס ווילט זיך אַליין אין אַלעס פאַרגעסען...

אָט דאָס גופא איז אָבער אינטערעסאַנט. די זעלבע פרעה׳ס, אבימלכ׳ס און הפליט׳ס וואָס די אברהמ׳ס האָבען זיי אַזוי שרעקליך פיינט, האָבען זיי אָבער די שרה׳ס אַזוי שרעקליך ליעב... עס איז די באַקאַנטע פרעה־לאַזונג פון „כל הבן הילוד היאורה תשליכהו וכל הבת תחיון״...

און די דאָזיגע ירושה איז אַזוי אַריבער לדור דורות. די מרדכי׳ס — להשמיד להרוג ולאבד, אָבער די אסתר׳ס — ו י א ה ב ה מ ל ך מ כ ל ה נ ש י ם... זיצט מען אין בוקאַרעשט און מען שמידט אויס גזירות אויף אידען, חדשים לבקרים און פונדעסטוועגען שטערט ניט ליעב צו האָבען אַזש ביז משוגעת עפעס אַ שטיקעל חנ׳עוודיג אידיש מיידעל אפילו ווען זי איז פון גאַנץ קנאַפּען יחוס... אַזוי די קעניגליכע „קאַרלס״ און אַזוי די פירשטליכע „ראַדזיווילס״... די גרויסע פרעה׳ס מיט די קליינע הפליט׳ס גלייכען זיך אין דעם אויס...

זיינען אָבער די הפליט׳ס מאַטיווען צוזאַמען מיט זייערע טענת׳ן אויך פאַר אונז אַ לעהרע...

וירא

הולדת בנים והעמדת בנים

ואני והנער נלכה עד כה — אראה היכן
הוא מה שאמר לי המקום כה יהיה זרעך.
(רש״י)

אויסער וואָס די תורה אונטערשטרייכט דייטליך די גרויסקייט פון אברהם אבינו אויף דעם געביט פון אמונה: „והאמין בה׳ ויחשבה לו צדקה״, איז דאָך דער אַקט פון דער עקדה אַן־און־פאַר־זיך געווען די גרעסטע דעמאָנסטראַציע פון אמונה מצד אברהם׳ן; ער האָט זיך דאָך זאָגאר ניט באַראַטען מיט שרה׳ן וועגען דעם און איז געלאָפען מקיים זיין די מצוה מיט דער גרעסטער זריזות ווי דער פסוק זאָגט עדות: „וישכם אברהם בבקר״. און אויב אַזוי טאָ ווי קומט עס אַלזאָ אַז גראַדע ווען ער שטעהט שוין נאָהענט צום ציעל, עס איז שוין „וירא את המקום מרחוק״, גראַדע איצט זאָל ער אָנהויבען צווייפלען און זאָגען (לויט׳ן מדרש אגדה): „אראה היכן הוא מה שאמר לי המקום כה יהיה זרעך״ וואָס מיינט איינפאַך אַז די מעשה־עקדה קוקט אויס אין זיינע אויגען ווי אַ סתירה צום „כה יהיה זרעך״. סתירות, ספיקות און פקפוקים געהען דאָך אָבער ניט האַנט און האַנט מיט אמת׳ע אמונה? ביים אמת׳ן מאמין זיינען דאָך ניטאָ קיין סתירות און קיין ספיקות?

עס שיינט דעריבער אַז דאָ ליגט עפּעס אַ גאַנץ אַנדער כונה. איז טאַקע כדאי זיך אַביסעל פאַנאַנדערקלייבען אין דעם דאָזיגען ענין וועל־כער איז ענג פאַרבונדען מיט איינע פון די וויכטיגסטע פּראָבלעמען אין לעבען — די פּראָבלעמע פון חנוך־הבנים.

די ערציהונגס פראגע איז איינע פון די גאָר שווערסטע פראגען אין אידישען לעבען: „חנוך״, וואָלטען מיר זאָגען איז בבחינת „חכמה ואינה מלאכה״, עס איז אַ דעליקאַטער ענין צו וועלכען מען דאַרף צוגעהן

וואָרט און צייט

מיט אַ היבשע מאָס געניטקייט און מיט אַ באַדייטענדער מאָס פאַר־שטענדניס.

די וועלכע דאַרפען זיין די ערציהער דאַרפען פריהער אליין ער־צויגען ווערען אום צו וויסען ווי אַנצוגעהן דערמיט און ווי זיך צו באַ־שעפטיגען מיט דעם דאַזיגען ענין. און ווייל ניט אלע באַזיצען אַט די נויטיגע קוואַליפיקאַציעס זיינען דערפאר ניט אַלע ערפאָלגרייך אויף דעם דאַזיגען געביט און בלייבען מעהרערע מאָל ענטוישט מיט זייערע עקספערימענטען און ערפאַהרונגען.

אין חנוך איז ניט נור די פראַגע „ווי אַזוי" מחנך צו זיין נור אויך „ווען מחנך" צו זיין, פון ווען עס פאַנגט זיך אָן די פליכט פון ערציהען קינדער.

מאַנכע למשל דענקען אַז חנוך פאַנגט זיך אָן ווען דאָס קינד דער־גרייכט צו אַ באַשטימטען עלטער, זאָל עס זיין צו זעקס יאָהר, צו ניין יאָהר אָדער נאָך פריהער אָדער נאָך שפּעטער; מדקדקים אָדער מהדרין מן המהדרין ווילען האָבען אַז נאָך פון דער וויגעלע עפּאָכע הויבען זיך שוין אָן די עלטערנס פליכטען און חנוך אבליגאַציעס. עס פאַלט אָבער נאַטירליך קיינעם ניט איין צו דענקען אַז דער חנוך זאָל זיך אָנהויבען נאָך פון אַ פיעל פריהעריגער צייט, נעמליך, נאָך מיט בערך אַ צוואַנציג יאָהר איידער דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען. דאָס וואָלט געקלונגען קאָמיש אָדער גאָר פּאַראַדאָקסאַל.

און דאָך מוז מען צוגעבען אַז אַזוי איז עס טאַקע, ס'איז ניט קאָמיש און ניט פּאַראַדאָקסאַל.

ווען מיר זאָגען „מיט צוואַנציג יאָהר פאַר'ן קינד'ס געבורט" מיינען מיר דערמיט די צייט ווען דאָס קינד'ס עלטערען זיינען געבוירען גע־וואָרען און ווען זיי, די עלטערן, האָבען געדאַרפט ערצויגען ווערען; שוין דעמאָלט מיט די עלטערנס ערציהונג ווערט שוין אויסגעשפּרייט דער באָדען פאר דער ערציהונג פון זייערע קינדער; ווייל נור דעמאָלט ווען די עלטערען אליין זיינען געהעריג ערצויגען געוואָרען קען מען פון זיי ערוואַרטען אַז זיי זאָלען זייערע קינדער אויך געהעריג ערציהען, ווייל אום צו ערציהען אַ צווייטען דאַרף מען, ווי געזאָגט, פריהער אליין ערצויגען ווערען.

וירא

קענטיג, אַז אונזערע חכמים האָבען עס אין זינען געהאַט ווען זיי האָבען געשריבען די דינים וועגען אַ „בן סורר ומורה". יענע דינים ווארפען אַ העלע ליכט אויף דעם גאַנצען חנוך פּראָבלעם און נעהמען אין זיך אַריין די הויפּט עלעמענטאַרע געזעצען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דיזער זעהר ערנסטער און אָנגעוועהטאָגטער פראַגע.

אָבער מעהר פון אַלעס קומט אַרויס בולט פון יענעם סורר־ומורה קאַפּיטעל די פאַרוואַנדשאַפט צווישען טאַטע־מאַמעס אייגענשאַפטען און זייער קינד'ס ערציהונג.

אַט וואָס די משנה זאָגט וועגען אַ בן סורר ומורה:

היה אביו רוצה ואמו אינה רוצה אביו אינו רוצה ואמו רוצה אינו נעשה בן סורר ומורה עד שיהיו שניהם רוצים. (סנהדרין עא).

(אויב דער פאָטער וויל איהם איבערגעבען צו ב"ד און די מוטער ניט אָדער פאַרקעהרט, קען ער ניט ווערען קיין סורר ומורה, זיי מוזען ביידע וועלען).

אַ צווייטע משנה זאָגט:

היה אחד מהם גידם או חיגר או אלם או סומא או חרש אינו נעשה בן סורר ומורה. (שם).

(אויב איינער פון זיי, פאָטער אָדער מוטער, איז מיט אַן אָפּגעהאַקטע האַנט אָדער אַ הינקעדיגער אָדער אַ שטומער אָדער אַ בלינדער אָדער אַ טויבער ווערט ער ניט קיין בן סורר ומורה).

נאַטירליך אַלס דינים פון געזעץ זיינען די אַלע אויסגערעכענטע זאַכען טאַקע געמיינט בוכשטעבליך. דאָך קען מען זיי גלייכצייטיג אויך אָננעהמען אלס סימבאָלען וואָס אין יעדען פון זיי ווערט אויסגעדריקט אַן ערהאַבענער געדאַנק וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות מיט דער חנוך פראַגע. דאָס זיינען אַזוי צו זאָגען סימנים לויט וועלכע עס ווערט גע־אורטיילט דער שיקזאַל פון קינד צו קען ער יאָ געהאַלטען ווערען פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר זיינע שלעכטע מעשים און געשטעמפּעלט ווערען אַלס סורר ומורה אָדער ניט. און דאָ ווערען אָנגעגעבען אַ רייהע כללים און רעגעלען וואָס ברייגען אַגב אַרויס דעם גאַנצען פּראָצעס פון חנוך.

א) ש נ י ה ם ר ו צ י ם: טאַטע־מאַמע דאַרפען זיין פאַר־אייניגט און דאַרפען ביידע וועלען ערציהען דעם קינד אין אין באַשטימטע

ריכטונג. עס טאָר נישט הערשען צווישען זיי קיין מיינונג־פאַרשידענהייטען און קיין געגענזעצטע אויפפאַסונגען. אויב למשל לאָמיר זאָגען דער טאַטע פאַרלאַנגט דאָס קינד זאָל דאַוונען מעריב און לייענען קריאת־שמע פאַר׳ן געהן שלאָפען און די מאַמע שטעלט זיך איין וועג און וויל דאַרויף מוותר זיין אויס כלומר׳שטען רחמנות: „דאָס קינד איז אויסגעמאַטערט פון גאַנצען טאָג לערנען אין שולע, פון „מאַכען זיינע לעסאָנס״, פּראַק־טיצירען אויפ׳ן פּידעל און עהנליכעס; אָדער דער טאַטע וויל דאָס קינד אויפוועקען מיט אַ האַלבע שטונדע פריהער כדי ער זאָל האָבען צייט אָפּ־דאַוונען איידער ער געהט אין סקול און די מוטער קומט ווידער מיט איהר רחמנות־פּנים און דערלאָזט עס ניט. אַ רחמנות, זאָגט זי, ער אר־בייט נעבאַך אַזוי שווער זאָל ער שלאָפען נאָך אַ האַלבע שעה. פון אַזאַ סאָרט ערציהונג וואו עס פעלט דער שותפות׳דיגער ווילען פון טאַטע־מאַמע איז אַ בן סורר ומורה פּראָדוקט אַ נאַטירליכע ערשיינונג און ניט דאָס קינד דאַרף ווערען געהאַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים נור זיינע עלטערען. אַזאַ קינד קען דעריבער קיין סורר ומורה ניט ווערען.

אויף אַזאַ סאָרט רחמנות האָט שוין ירמיהו הנביא לאַנג געזאָגט: „נשים ר ח מ נ י ו ת בשלו ילדיהן״, מיט אַזאַ רחמנות „קאָכט מען אָפּ די קינדער״...

ב) ג י ד ם: פאַראַן עלטערען וואָס די האַנט ווערט ביי זיי ווי אָפּגעהאַקט דעמאָלט ווען זיי דאַרפען איהר באַוועגען אויף באַשטראָ־פען דעם קינד. זיי טוהען עס ניט, פאַרשווייגען עס און דאָס קינד נאַ־טירליך אַלס רעזולטאַט פון די עלטערנס גלייכגילטיגקייט, ווידערהאָלט די שלעכטע אויפפיהרונג ביז ענדליך דערגרייכט ער די שטופע פון אַ סורר ומורה. דאָס קינד קען אָבער ניט באַטראַכט ווערען אַלס שולדיג, ס׳איז ניט זיין שולד נור די עלטערנס. האָט שוין דער פּסוק דאַרויף געזאָגט: „חושך שבטו שונא בנו״ (משלי) מיט פאַרמיידען דעם רוט ווערט מען באַטראַכט אַלס דעם קינד׳ס שונא...

ג) ה י ג ר: ווען מען הינקט אונטער, ניטאָ קיין פעסטער כאַראַקטער און קיין פעסט באַשטימטע שטעלונג צום קינד׳ס חנוך דאַן קענען די עלטערען ערוואַרטען די ערגסטע רעזולטאַטען און די שולד וועט

זיין זייער אייגענע און ניט דעם קינד׳ס. דאָס קינד וועט אַזוי אַרום פאַר קיין סורר ומורה ניט קענען באַטראַכט ווערען.

ד) ח ר ש   ע ו ר   א ל ם : ווען עלטערען בלייבען ט ו י ב צו דאָס וואָס מ׳דערצעהלט זיי וועגען זייער קינד׳ס שלעכטער אויפ־פיהרונג און מאַכען זיך ניט הערענדיג; בלייבען ב ל י נ ד צו דאָס וואָס זיי זעהען מיט זייערע אייגענע אויגען און מאַכען זיך ניט זעהענדיג; און בלייבען ש ט ו ם זאָגען דעם קינד גאָר ניט, מוסר׳ן איהם ניט, אָט ווי די גאַנצע זאַך וואָלט זיי לחלוטין ניט אָנגעגאַנגען — זיינען די אַלע אַזעלכע זאַכען פון וועלכע מען קען קוים ערוואַרטען צו זעהן אַ גוט־ערצויגענעם קינד און די עלטערן זיינען די גורמים דערצו און ניט דאָס קינד.

ה) ו ש ו י ן   ב ק ו מ ה : טאַטע־מאַמע זאָלען זיין פון איין גלייכע „הויך". עס דאַרף הערשען אַ געגענזייטיגער רעספּעקט פון איינעם צום אַנדערען, איינער זאָל זיך ניט „גרויסען" איבער דעם צווייטען, דער מאַן זאָל זיך ניט האַלטען העכער פון דער פרוי און די פרוי זאָל זיך ניט „העכערען" פון דעם מאַן נור „שוין בקומה". ווען אָבער עס פעהלען אָט די געגענזייטיגע רעספּעקט־געפיהלען קומען דער־פון אַרויס אַלערליי קריגערייען, צאַנקערייען און קאָנפליקטען וואָס צושטערען דעם שלום בית און עס רופט זיך אָפּ זעהר שלעכט אויף דעם קינד׳ס ערציהונג און ווער, אויב ניט זיי, די עלטערן, דאַרפען געהאַל־טען ווערען פאַראַנטוואָרטליך דערפאַר?

ש ו י ן   ב ק ו מ ה — זיי דאַרפען אין פאַמיליען לעבען שטעהן אויף דער זעלבער הויך ווי זיי שטעהן אויסערהאַלב די גרענעצען פון דער אייגענער פאַמיליען הויז. טרעפט עס טאַקע אָפט אַז אין שוהל אָדער אין געזעלשאַפט שטעלט מען זיך אַרויס אַלס אַ „דזשענטלמאַן", מען איז דער ערשטער זיך אָפּצורופען מיט אַ פיינע נדבה, דער דאָלאַר שפּיעלט קיין ראָלע ניט סיי אין שוהל און סיי אין אַנדערע סאָרט געזעלשאַפטען, אומעטום אַ נדבן, אַ פילאַנטראָפּ, אַ מענש מיט אַן אָפענער האַנט און אַ „ספּאָרט" פון ערשטען ראַנג — נור אַז עס קומט צום „הויז", דאָ ווערט מען שוין אויס־פיינער־מענש, די קאַרגשאַפט איז שוין אָהן אַ ברעג, מען ציגיינערט זיך איבער אַ סענט, מען צעהלט אויס יעדער פעני און מען

וואָרט און צייט

מאָהנט רעכענונג פאַר יעדער פּרוטה וואָס ווערט אויסגעגעבען אויף דער הוצאה.

ער איז אין דער בחינה פון „צדיק ורע לו", ערשיינט אין געשטאַלט פון אַ צדיק אין דער פרעמד אָבער „ורע ל ו", צו אים אליין, צו זיין אייגענער פאַמיליע איז ער אַ „רע"... איז עס געוויס אַ שלעכטע מדה און איז ניט בעסער פאַר דעם אַנדערען פאַרקעהרטען טיפּ וואָס איז אַ „רשע וטוב לו", שלעכט פאַר דער געזעלשאַפט און גוט נור פאַר זיך אליין — וטוב ל ו...

דאָס אונשולדיגע נאַאיווע קינד וואָס קוקט זיך צו דערצו און זעהט פאַר זיך אַ טאַטען אין צוויי געגענזעצטע ראָלען, זויגט אויך אין זיין בלוט איין אָט די היפּאָקריסטווע באַצילען וואָס פאַר'סם'ן זיין נשמה און פאַרברייטען איהם צו זיין סורר־ומורה־קאַריערע.

אברהם אבינו האָט גע'טענה'ט צו גאָט: „מה תתן לי ואנכי הולך ערירי". דאַרויף זאָגט דער מדרש: „אָמר לפניו רבונו של עולם אם עתיד אני להעמיד בנים ולהכעיסך מוטב לי ואנכי הולך ערירי".

דער מדרש דריקט זיך אויס „להעמיד" בנים, ניט „להוליד" בנים. להעמיד בנים מיינט, „אויפשטעלען" קינדער, ע ר צ י ה ע ן זיי און אברהם האָט דערמיט געמיינט צו זאָגען: אויב איך בין ניט פעהיג צו ערציהען קיין קינדער, אויב עס פעלט מיר די אייגענשאַפט פאַר דעם, די פּעדאַגאָגישע סגולה און די ערציהערשע חכמה, דאַן איז מיר שוין בעסער גאָר קיין קינדער ניט צו האָבען.

אברהם האָט פאַלגלייך געפיהלט אַז שלעכטע קינדער איז אַ רע־זולטאַט פון אונפעהיגער ערציהערשאַפט און די עלטערען טראָגען די שולד דאַפיר, און געוואָלט האָט ער נאַטירליך אַ קינד וואָס זאָל זיין אין איהם געראָטען ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט: „מה תתן ל י", אַ קינד וואָס זאָל זיין „לי", מיינס, אַז אַלע זאָלען קענען זאָגען „אברהם הוליד את יצחק" און דערצו דאַרף מען באַזיצען די פעהיגקייט פון ל ה ע מ י ד בנים...

ווען גאָט האָט איהם געזאָגט: „הבט נאַ ה ש מ י מ ה וספור ה כ ו כ ב י ם און דערביי פאַרזיכערט: „כה יהיה זרעך" וואָס מיינט אַז זיינע קינדער וועלען זיין ה י מ ל י ש ע, וועלען דערגרייכען די

וירא

העכסטע הימלישע הויך און וועלען לייכטען ווי די הימלישע שטערען, האָט עס אברהם אָנגענומען פאר אַ באַוויִיז אַז ער באַזיצט יאָ די פעהיג־קייט פון קינדער ערציהונג, און דערפאר ווען עס איז געקומען צו דער עקדה האָט עס אברהם באַטראַכט פאַר אַ ריכטיגען „חנוך טעסט" וואָס זאָל איהם איבערצייגען ווי וויִיט דער „כה יהיה זרעך" וואָס ער האָט געקראָגען אַלס ענטפער צו זיין חנוך פראַגע האָט ווירקליך דערגרייכט דעם ציעל צו וועלכען אברהם האָט געשטרעבט מיט זיין קינד'ס ערציהונג.

אויב יצחק זאָל קענען ביישטעהן אָט דעם נסיון איז דאָך טאַקע אַ באַוויִיז אַז ער האָט איהם מיט זיין ערציהונג געבראַכט צום העכסטען שטאַפּעל און דאַן איז דאָך צו זיין שמחה קיין גרעניץ ניטאָ.

אָט דאָס האָט ער געזאָגט: „נלכה עד כה — אראה היכן הוא מה שאָמר לי המקום כה יהיה זרעך", איך וויל זעהן און איבערצייגט ווערען ווי ווייטגעהענד מיין חנוך איז געווען און צו עס האָט ווירקליך דערגרייכט צום „כה יהיה זרעך" אַזוי אַז „ואני והנער נלכה עד כה" אַז ביידע איך און מיין קינד זאָלען געהן אַזוי וויִיט אַזש ביז'ן עקדה־נסיון... אויב יאָ איז דאָך מיין ציעל ערגרייכט געוואָרען און דער „תתן ל י" מקוים געוואָרען האָב איך דאָך באַוויזען מחנך זיין אַ קינד וואָס זאָל קענען זיין מיין יורש מיין שטעל פאַרטרעטער.

האָט אַלזאָ אברהם ניט געמיינט דערמיט חלילה צו צווייפלען אין גאָט'ס הבטחה. דאָ איז בלויז געווען, ווי געזאָגט, אַ טעסט־קייס אויף זיך אַליין, אויף זיינע ערציהערשע פעהיגקייטען.

און אַז די פראָבע איז געווען אַ העכסט געלונגענע ווייסען מיר דאָך פון דעם אויסגאַנג, אָבער די תורה זאָגט עס נאָך באַצייטענס אָן: „וילכו שניהם יחדו", מיט דער זעלבער אויפריכטיגקייט, מיט דער זעלבער שמחה.

און דאָ איז די באַשטעטיגונג פון דעם פעסטגעשטעלטען כלל אַז אום צו קענען ערציהען אַ קינד ווי געהעריג, דאַרף דער טאַטע אַליין זיין אַ געהעריג ערצויגענער. אַנדערש געהט עס ניט. עס מוז זיין — וילכו שניהם יחדו!...

חיי שרה

חשבון הרכוש וחשבון הנפש

מאה שנה ועשרים שנה ושבעים שנה — כולן שוין לטובה.
(רש״י).

צדיקים כשם שהם תמימים כך שנותיהם תמימים.
(מדרש).

אין דעם יהי־רצון פאַר תהלים־זאָגען געפינט זיך פאָלגענדער זאַץ: „ואל תקחנו מעולם הזה קודם זמננו עד מלאת שנותינו בהם שבעים שנה באופן שנוכל לתקן את אשר שחתנו״.

און די פראַגע שטעלט זיך: זאָגען דאָך די זעלבע תפלה אויך אַזעלכע זקנים וואָס האַלטען שוין ווייט אַריבער די זיבעציג און ווי קלינגט עס ביי זיי דער „עד מלאת שנותינו בהם שבעים שנה״?

אין אַנדערע עהנליכע פאַלען ווערט כאָטש צוגעגעבען אַ הערה אַז נור די וואָס זיינען שייך דערצו זאָלען עס זאָגען, ווי אַשטייגער ביים „הרחמן הוא יברך את אָבי מורי״ פון ברכת־המזון אָדער „ותאריך ימי אָבי ואמי״ ביי די תפלה פון ברכת־כהנים. דאָ אָבער איז אַזאַ הערה ניט פאַראַן, משמעות אַז אויך זקנים דאַרפען דעם זאַץ ניט אויסלאָזען, טאָ מיט וואָס ערקלעהרט זיך עס?

אויך דאָס וואָרט „בהם״ אין דיזען זאַץ וואָס געפינט זיך אגב אויך אין תהלים גופא: „ימי שנותינו בהם שבעים שנה״ (תהלים צ) קוקט אויס ווי אַן איבעריגער אוננויטיגער וואָרט?

רעדענדיג אָבער וועגען ל ע ב ע ן דאַרף צום אַלעם ערשטען קלאָהר ווערען דער צ י ע ל פון לעבען. אַלע בעטען אויף לעבען איז עס דאָך אַ באַווייז אַז דאָס לעבען איז אַ טייערע געווינשטע זאַך, און דאָך הערען מיר מעהערערע מאָל ווי מענשען דריקען זיך אויס:

חיי שרה

„לאָמיר אַביסעל פאַרטרייבען די צייט". צייט מיינט דאָך לעבען, און אויב דאָס לעבען איז ליעב און טייער, טאָ פארוואָס עס וועלען פאַרטרייבען?

דערפאַר טאָקע אַז מיר זיינען מתפלל „זכרנו לחיים" ווערט דערביי אונטערשטראָכען: „ל מ ע נ ד אלהים חיים" אום דערמיט צו באַטאָנען אַז בלויז אַזאַ לעבען וואָס האָט פאַר זיך אַ העכערען ציעל, אַן אידעאַלער לעבען, אַ געטליכער לעבען, אַ לעבען פון „למענך", נור אַזאַ סאָרט לעבען האָט אין זיך אַן אינהאַלט וואָס מען דאַרף געהרען האָבען און ניט וועלען איבערקומען און „פאַרטרייבען די צייט". די אָבער וואָס לעבען אָהן אַ העכערען אידעאַלען ציעל, פאַר זיי איז דאָס לעבען ווירקליך ניט מעהר ווי אַ זאַך וואָס מען דאַרף עס „איבערקומען" און דערפאַר פיהלען זיי ווי „די צייט צו פאַרטרייבען".

מען דערצעהלט וועגען צוויי שכנים קבצנים וואָס האָבען ביידע געהאַט דערוואַקסענע טעכטער אויף „אויס-צו-געבען" און די מיטלען דערצו זיינען ניט געווען, האָבען זיי צווישען זיך באַשלאָסען זיך ארויס־לאָזען אויף דער וועלט וואו קיינער קען זיי ניט און פשוט ווערען „חוזרים על הפתחים" ביז וואַנען זיי וועלען אין משך פון אייניגע יאָהרען צונויפזאַמלען דעם נויטיגען קאַפּיטאַל אויף קענען חתונה מאַכען די קינדער. יעדערער פון זיי האָט זיך גענומען אַ באַזונדער ריכטונג אין האָבען זיך צושיידט איינער פון אַנדערען. איינער פון זיי האָט געזאַמעלט פרוטה צו פרוטה, אויסגעטוישט די קופערנע מטבעות אויף זילבערנע, די זילבערנע אויף גאָלדערנע און אָפּגעלייגט דעם קאַפּיטאַל פאַר'ן באַ־שטימטען צוועק. דער צווייטער אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט אָנגעזאַ־מעלט פון די איינציגע פרוטות אַ מטבע פאַר וועלכעס מען קען שוין באַ־קומען אַ „טרונק", האָט ער עס פאַרטרונקען און אַזוי אַרום צו'פּטר'ט דאָס ביסעל אויפגעשנאָרטע געלט און געבליבען מיט גאָרניט. אַם ענדע קומענדיג צוריק אַהיים האָט דער ערשטער טאָקע מיטגעבראַכט די נויטיגע סומע און באַזאָרגט זיינע טעכטער אויף אַ געהעריגען אופן, וועהרענד דער צווייטער איז געקומען דער זעלבער קבצן וואָס ער איז געווען.

דוכט זיך ביידע גליך געזאַמעלט, איינער אָבער האָט שטענדיג אין זינען געהאַט דעם ציעל און דערפאַר ניט צו'פּטר'ט דאָס קליין געלט

וואָרט און צייט

נור עס אויסגעטוישט אין גרעסערע מטבעות, דער צווייטער אָבער האָט אין ציעל פאַרגעסען און פאַרטאַכלעוועט די פרוטות אַז צו קיין גרעסערע מטבעות האָבען זיי קיינמאָל ניט דערגרייכט.

דער לעבען איז אויך צוזאַמענגעשטעלט פון „קליין געלט". עס פאַנגט זיך אָן מיט סעקונדען, פון סעקונדען ווערען מינוטען, פון מינוטען — שטונדען, דאַן — טעג, וואָכען, מאָנאַטען און יאָהרען. דער וואָס לעבט מיט חשבון און שטרעבט צו אַ ציעל, פיהרט זיך ווי אַ רימאַן נומער איינס. ער טוישט אויס סעקונדען אויף מינוטען, מינוטען אויף שטונדען און אַזוי ווייטער, און אַז עס קומט צו אַ יאָהר, האָט ער פאַלגליך אין זיין באַזיץ אַ פולען יאָהר פון וועלכען עס פעלט גאָר ניט, און אַזוי געהט עס כסדר ביז צו די זיבעציג ווען ער קען פאַרצייכענען אויף זיין לעבענס-אַקאונט פולע זיבעציג יאָהר.

פאַראַן אָבער אַזעלכע וואָס פיהרען אַ לעבענס-שטייגער ווי אַרעמאַן נומער צוויי, פאַרטאַכלעווען די צייט און האָבען דערפאַר ניט וואָס אויס-צוטוישען און ווען זיי דערגרייכען שוין אפילו די זיבעציג איז עס נומעריש ניט קיין זיבעציג, מאַנכעס מאָל אפילו ניט קיין צוואַנציג, ווייל דאָס פאַרגאַנגענע פון וועלכעס דער ציפער דאַרף צונויפגעשטעלט ווערען איז שוין לאַנג „הלך לעולמו", פאַרלאָרען געגאַנגען אין תהום פון פאַר-געסענהייט, „פאַרטריבען די צייט" און געבליבען מיט גאָרנישט...

אָט דאָס איז דער זין פון תהלים: „ימי שנותינו", די טעג פון אונזערע יאָהרען, „בהם" מיט זיי, מיט די דאָזיגע טעג, „שבעים שנה" קענען צוזאַמענגעשטעלט ווערען די זיבעציג יאָהר, אָהן דעם „בהם" אָבער, אָהן די טעג קענען קיין יאָהרען ניט ווערען און ווען די טעג ווערען צו'פטר'ט און פאַרלאָרען בלייבט מען מיט גאָרניט און אפילו צו זיבעציג האַלט מען נאָך אויך ערשט ביי צוואַנציג אָדער נאָך ווייניגער.

קען שוין דערפאַר אפילו אַ זקן נאָך די זיבעציג אויך מתפלל זיין: „ואל תקחנו מעולם הזה קודם זמננו עד מלאת שנותינו בהם שבעים שנה", דער טראָפּ ווערט פאַלגליך געשטעלט אויף די צוויי ווערטער פון „מלאת" און „בהם" וואָס מיינט פולע זיבעציג וואָס ווערען צוזאַ-מענגעשטעלט דורכ'ן בהם, דורך די טעג וואָס זיינען געהאַלטען

געוואָרען אין רעזערוו און זיינען ניט פאַרטריבען געוואָרען אין „פאַר־טרייבן די צייט"...

איז עס ווירקליך אַ מוסר השכל אין באַצוג צו חשבון־הנפש. די וועלט מאַכט נאָכאַנאַנד פראָגרעס אויף אַלערליי געביטען. געווען אַמאָל אַ צייט ווען די „חכמת החשבון", מאַטעמאַטיקע, איז פאַר'ן דורכשניטליכען מענשען געווען זעהר אַ באַגרענעצטע. דער העכסטער גראַד אין חשבון צו וועלכען אַ דורכשניטליכער אינגעל האָט דערגרייכט איז געווען ביז איבער מאַלטיפליקאַציע אָדער אין דעם „חדר'שען" טערמין „חילוק". פראַקציאָנעלע מאַטעמאַטיק, אָדער „תשבורת" איז שוין געווען דאָס אייגענטום פון גרויסען „קאָפּ־מענש", די גרויסע „בוכהאַלטערס" און באַנקירען. היינט האָט מען שוין אַזוי וויט פּראָגרעסירט אַז מען לערנט שוין „תשבורת" אין פערטען קלאַס פון אַן עלעמענטאַרישע שולע און אַ צעהן יאָריגער אינגעל ווייסט שוין זאַגאַר פון „אַלגעברא".

זיינען מיר הייסט עס דורך דער ציוויליזאַציע געוואָרען גאָר גרויסע בעלי־חשבון, אָבער אין דער צייט וואָס מיר קענען אויסרעכענען דעם אַ נ ד ע ר ע נ ס חשבונות ביז ביליאָנען און מיליאַרדען באַנוצענדיג זיך מיט די וויטעגעהנדסטע מעטאָדען פון חכמת־החשבון, צו דער זעלבער צייט זיינען מיר אָבער היבש הינטערשטעלינג ווען עס קומט צו אונזער א י י ג ע נ ע ם חשבון. דאָ האַלטען מיר נאָך ניט אפילו ביים אלף, עס פעלט אונז נאָך אפילו דער „חיבור", מיר ווייסען ניט ווי מ ח ב ר צו זיין מינוטען צו שטונדען, טעג צו וואָכען און מאָנאַטען צו יאָהרען, און דער סך־הכל קומט ביי אונז זעהר אָפט אַרויס פון גאָלע „נולען" גאָר אָהנע ציפערען...

אַלע אַנדערע רעכענונגען ווייסען מיר ווי צו מאַכען נור ניט די צ י י ט רעכענונג. וואָלטען מיר דאָס אויך געוואוסט וואָלטען מיר דאָך גלייך אויסגערעכענט ווי קורץ און קליין עס איז דער ציפער פון לעבען און ממילא וואָלטען דאָך אויסגעמיטען געוואָרען די אַלע איבלען פון לעבען: גזילה, גניבה, נאַרעריי און באַטרוג. דען צו וואָס רויבען און נאַרען, גנב'נען און באַטריגען ווען דאָס אָנגערויבטע קען ביי אונז סיי ווי לאַנג ניט אָנהאַלטען ווען דער לעבען איז אַזוי קורץ?

וואָרט און צייט

זאָגט טאַקע דוד המלך: „למנות י מ י נ ו כ ן הודע ונביא לבב חכמה". וואָלטען מיר נור „אָזוי" געוואוסט צו צעהלען אונזערע „טעג" ווי מיר וויסען צו צעהלען און רעכענען אַנדערע חשבונות, וואָל־טען מיר דאָך דאַן „געבראַכט אַ האַרץ פול מיט חכמה" אַנשטאָט באַ־טרוג און פאַלשקייט.

אָבער לײדער, ווי געזאָגט, זיינען מיר נור פעהיג י ע נ ע מ ס חשבונות צו מאַכען אָבער ניט אונזערע אייגענע. דען די אַלע חשבונות פון „באַנק ביכעל" איז דאָך בלויז „יענעמס" חשבונות אפילו ווען דאָס דאָזיגע באַנק־ביכעל איז כלומר'שט אַן אייגענער, ווייל עס איז דאָך „ועזבו לאחרים חילם", און „אין מלוין לו לאדם לא כסף וזהב ולא אבנים טובות ומרגליות"...

אונזערע חז"ל זאָגען: „מת בערב שבת סימן יפה לו". בוכשטעבליך לאָזט זיך עס שווערליך ערקלערען. זיינען דאָך פאַראַן פיעל גרויסע צדיקים וואָס שטאַרבען ניט פונקט ערב שבת, וועלען דען יענע זיין אויסגעשטראָכען פון דעם „סימן יפה"? און קען מען דען בכלל באַ־שטעלען צו־אָרדער דעם יום־המיתה?

לויט דאָס אויבענגעזאָגטע ווערט עס אָבער יאָ פאַרשטענדליך. ערב שבת איז דער סימבאָל פון „טרחא" און „הכנה" ווי עס לויטעט אַ צווייטער מאמר: „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת". מת בערב שבת, מיינט אַלזאָ צו באַצייכענען דעם מענש וועמעס לעבען איז געווען אַן ערב־שבת־לעבען. ער האָט זיין צייט ניט פאַרשווענדט לבטלה, ער איז געווען אַ „טרח בערב שבת", האָט געזאַמעלט די צייט און צונויפגעלייגט די שטונדען, די טעג, די וואָכען, די מאָנאַטען און די יאָהרען און זיי רעזערווירט פאר'ן שבת, פאַר דעם עולם הבא, דער „יום שכולו שבת". אַזאַ מענש האָט דאָך געלעבט מיט חשבון און האָט דערפאַר אַ סך־הכל פון ציפערען און ניט פון נולען, איז ביי איהם טאַקע „סימן יפה לו". און אַט אַזאַ מין „מת בערב שבת" קען מען שוין טאַקע יאָ „באַשטעלען־צו־אָרדער"...

אָט אַזאַ אַרט לעבען האָט געלעבט די מוטער שרה. איהרע הונ־דערט זיבען און צוואַנציג יאָהר זיינען געווען פ ו ל ע יאָהרען ווייל זיי זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרען פון קליין צו גרויס; עס איז געווען:

חיי שרה

„מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים". דער גרויסער ציפער מאה איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון די קלענערע ציפערען, פון די עשרים און די עשרים פון די נאָך קלענערע, פון די שבע שנים. די קלענערע ציפערען זיינען ניט געגאַנגען לאיבוד נור — „שני חיי שרה — כולן שוין לטובה", האָט זיך דעריבער פון קליינעם ציפער געבילדעט דער גרויסער.*)

און דערפאַר איז: „צדיקים כשם שהם תמימים כך שנותיהם תמימים". דורך דעם רייגעם תמימות'דיגען לעבען פון צדיקים ווערען זייערע יאָהרען אויך גאַנצע — מ ל א ת שנותיהם...

אָט אויף אַזעלכע תמימים האָט עס דוד המלך געזאָגט: „יודע ה' ימי תמימים ונחלתם לעולם תהיה". דער וואָס האָט ביים לעבען געהאַלטען אין איין „פארטרייבען די צייט", ביי איהם איז דאָך שוין זיין לעבען געווען אַן אָפּגעשטאָרבענער נאָך פ אַ ר זיין שטאַרבען. אַזאַ איינער לאָזט שוין נאָך זיך ניט איבער קיין איין שפור פון לעבען איז דאָך ממילא ניטאָ פון איהם וואָס צו ירש'נען. די תמימים אָבער וועלכע האָבען זייער לעבען אויפגעהאַלטען ג אַ נ ץ און עס ניט „פאַרטריבען", ז י י האָבען דאָך וואָס איבערצולאָזען בירושה, איז „ונחלתם", די ירושה זייערע, „לעולם תהיה" בלייבט איבער אַ ירושה פאַר דער גאַנצער וועלט ווייל „תלמיד חכם שמת ה כ ל קרוביו", און ווי חז"ל קאָמענטירען דאָרויף: „הכל קרוביו סלקא דעתך? אלא הכל כקרוביו".

דאָס איז ווירקליך אַ שעהן כאַראַקטעריסטישע קאָמענטירונג. פיהרט זיך דאָך אַזוי אויך אין מאַטעריעלע ירושות. זאָל שטאַרבען אַן אָרעמאַן וועמעס יורשים דאַרפען צאָהלען קבורה געלט איז דאַן שווער אָפּצוזוכען די דאָזיגע יורשים. אפילו די גאָר נאָהנטע שאָקלען זיך אָפּ און פאַר־לייקענען זייער קרובה'שאַפט. שטאַרבט אָבער אַן עושר וואָס לאָזט איבער

*) ביי שרה'ן זאָגט רש"י: „בת ק' כבת כ' לחטא ובת כ' כבת ז' ליופי. קוקען מיר זיך אָבער צו צום היינטיגען לעבען זעהן מיר ליידער אַ פאַרקעהרטע פראָצעדורע. היינט איז עס צום באַדויערען בת ז' כבת כ' ל י ו פ י. זיבען יאָריגע מיידלאך פוצען זיך שוין ווי צוואַנציג יאָריגע מיט אַלע פליטערלאך די פודער מיט די רוזש די ליפּסטיק מיט די געפאַרבטע נעגעל אד"ג ובת כ' כבת ק' לחטא. אין צוואַנציג יאָהר זינדיגט מען זיך אָן מיט אַזוי פיעל זינד וואָס קלעקט פאַר אַ גאַנצען יאָהרהונדערט...

וואָרט און צייט

אַ גרויסע ירושה, דאָ יאַוועז זיך שוין קרובים פון אַלע זייטען און אפילו די גאַר ווייטסטע גיבען זיך אויך אָן פאַר נאָהנטע...

תלמיד חכם שמת און לאָזט איבער אַ גייסטיגע ירושה, דאָ איז „הכל כקרוביו", אַלע ווילען זיך רעכענען פאַר קרובים כדי צו נעהמען אַ טהייל פון דער דאָזיגער ירושה, איז טאַקע „ונחלתם" די ירושה פון די „תמימים" — „לעולם תהיה", אַ ירושה פאַר דער גאַנצער וועלט ווייל — „הכל כקרוביו".

דער רשע אָבער האָט ניט איבערצולאָזען קיין ירושה, ניט נור פאַר די „כקרוביו" נור אַפילו אויך ניט פאַר די „קרוביו", פון איהם טרייסלען זיך אָפּ אַפילו די אמת'ע קרובים ווייל ער האָט דאָך פאַר זיי קיין ירושה ניט איבערגעלאָזען.

איז דער דאָזיגער שרה־קאַפּיטעל איינע פון די שעהנסטע „מאַטע־מאַטישע" לעקציעס אין יענער חכמת־החשבון וואָס רופט זיך — חשבון הנפש . . .

תולדות

עצמאות ושותפות בעניני שמים

ויתן לך — יתן ויחזור ויתן לך.
(מדרש).

יתן ויחזור ויתן.
(רש״י).

ווי עס איז צו זעהן פון דאָס ציטירטע אין אונזער טעקסט איז רש״י׳ס נוסח עטוואָס אַנדערש פון דעם נוסח אין מדרש. רש״י זאָגט בלויז „יתן ויחזור ויתן״ אויסלאָזענדיג דעם „לך״ פון מדרש. איז עס נאַטירליך אַביסעל אויפפאַלענד.

בכלל אָבער איז דער דאָזיגער מאמר אַן־און־פאַר־זיך אַביסעל שווער־ליך. קענטיג אַז די חכמי המדרש האָט דאָ געדריקט דער וא״ו פון „ויתן״ וואָס איז אַ ווא״ו הנוסף, האָבען זיי דערפאַר גע׳דרש׳נט „יתן ויחזור ויתן״. אָבער הא גופא קשיא: אויב יצחק וויל בענטשען יעקב׳ן מיט גאָט׳ס ברכה „מטל השמים ומשמני הארץ״, טאָ וואָצו די שפּאָרזאַמקייט און די ראַטענווייזיגע צאָלונגען — „יתן ויחזור ויתן״, פאַרוואָס ניט אָפּ־צאָלען אין גאַנצען מיט אַמאָל, א י י ן נתינה און אַ רעכטע?

בשעת אַז דער נותן איז אַ בשר־ודם טרעפט עס טאַקע גאַנץ אָפט אַז די צאָלונגען ווערען געמאַכט ראַטענווייז: שווער אָפּצאָלען מיט אַמאָל, גיט מען אַרויס וועקסלען. ווערט מען טאַקע פאַרדרעהט און פאַר־פלאָנטערט מיט פּראָצענט און פּראָצענט פון פּראָצענט, ס׳איז אָבער קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ. אַנדערע זיינען זיך נוהג אז מ„כאַפּט ביי דעם און מען גיט יענעם, נאָכהער פאַרקעהרט: מען כאַפּט ביי יענעם און מען גיט דעם, וחוזר חלילה...

דערמאָנט עס אונז אין דעם אַנעקדאָט פון יענעם קליינשטעטעל׳דיגען סוחר וואָס האָט זיך גענויטיגט אין אַ גמילות־חסד, האָט ער אַנגעווענדעט די דאָזיגע פּראָצעדורע: געכאַפּט ביי ברוך׳ן אַ פופציגער ביז׳ן „ערשטען״,

וואָרט און צייט

דאָן געכאַפּט ביי זרח'ן אַ פּופּציגער ביז'ן „פּופּצענטען" און „אודך"..
מיט ברוך'ס פּופּציגער געצאָלט זרח'ן און מיט זרח'ס געצאָלט ברוך'ן.
איז עס אַזוי אַוועק אַ גאַנג פּאַר מאָנאַטען און מאָנאַטען. דער קרעדיט איז
געווען גוט ווייל ער איז אַלעמאָל געווען זעהר פּינקטליך. פּאַסירט אָבער
אַמאָל ווען דער „ערשטער" איז שוין לאַנג געווען אַריבער און אונזער
בעל־דבר מיט'ן פּופּציגער ווייזט זיך ניט. לויפט שוין ברוך אַריבער אַ
דערשראָקענער און פרעגט: מה היום מיומים? ענטפערט דער סוחר:
דער ענין איז גאַנץ פּשוט. האָב זיך איבערגערעכענט: עד מתי?
ווי לאַנג נאָך איז דער שיעור צו זיין אַן אומזיסטער משרת פּאַר דיר און
פּאַר זרח'ן, נעהמען פון דיר און טראָגען צו איהם, דאַן נעהמען פון איהם
און טראָגען צו דיר? גענוג! שוין צייט איהר זאָלט אליין טאָן די
דאָזיגע ארבייט...

איז ביי ערדישע בשר־ודם'ס, ווי געזאָגט, אַזאַ מין סחר־מכר־פּראָ־
צעס אַ נאַטירליכע ערשיינונג. ווען עס האַנדעלט זיך אָבער ביי „ויתן
לך האלהים", ביי ווענען עס איז „לי הכסף ולי הזהב" און „לה' הארץ
ומלואה", איז דאָך אַזאַ פּראָצעדורע פון „יתן ויחזור ויתן" גענצליך
אונוויטיג?

קומענדיג אָבער צוריק צו די נוסחאות פון מדרש און רש"י לאָזט
זיך נאָכדענקען אַז די דאָזיגע צוויי נוסחאות האָבען וואַרשיינליך דאָ גע־
מיינט צו באַצייכענען צוויי באַזונדערע טיפּען פון תלמידי חכמים וואָס
שיידען זיך פאַנאַנדער אין דעם אופן ווי צו געניסען פון גאָט'ס ברכה.

פאַראַן אַ תלמיד חכם וועלכער איז בבחינת יששכר און איז אַ
שותף מיט זבולנ'ן, ווי דער מדרש דריקט זיך אויס:

> „מאתים ראשי סנהדראות היה יששכר מעמיד — וכל השבח
> הזה מנין היה לו לישכר? משל זבולן שהיה עוסק
> בפרקמטיא שלו ומאכיל את יששכר שהיה בן תורה הה"ד
> זבולן לחוף ימים ישכון וכשבא משה לברך את השבטים
> הקדים ברכת זבולן לברכת יששכר: שמח זבולן בצאר־תך
> ויששכר באהליך — שמח זבולן בצאתך ממה שיששכר
> באהליך". (מד"ר ויצא ע"ב).

תולדות

עס הייסט אַלזאָ אַז זבולנ׳ס ערפאָלג „בצאתך" אין זיינע געשעפטליכע אונטערנעמונגען איז געווען צו פאַרדאַנקען דעם זכות פון יששכר׳ס „באהליך", יששכר׳ס תורה וועלכע איז געשטיצט געוואָרען פון זבולנ׳ן. און אַז יששכר׳ס תורה־זכות האָט געקענט האָבען אַ ווירקונג אויף זבולנ׳ס געשעפטסליכע ערפאָלגען, דאָס האָט שוין אפילו לבן הארמי צוגעגעבען ווען ער האָט געזאָגט צו יעקב׳ן: „נחשתי ויברכני ה׳ ב ג ל ל ך".

ביי אַזאַ סאָרט תלמיד חכם ווערט אָנגעווענדעט דער נוסח פון מדרש: „יתן ויחזור ויתן ל ך". ער אַליין קען דירעקט ניט געניסען פון דעם „טל השמים ומשמני ארץ" ווייל ער פאַרקעהרט דאָך דערמיט ניט. ער איז דאָך אָפּגעזונדערט אין זיינע ד׳ אַמות של הלכה. צו איהם קומט דעריבער די געטליכע ברכה דורך זבולנ׳ס פארמיטלונג. פריד־הער — „יתן" צו זבולן, און נאָכהער: „ויחזור ויתן ל ך", זבולן וועט פון זיינע פאַרדינסטען דיר, יששכר, אָפּגעבען אַ חלק. ער וועט זיך טהיילען מיט דיר זיין פאַרמעגען וויסענדיג אַז „שמח זבולן בצאתך ממה שיששכר באהלך".

אָט דער טיפּ תלמיד חכם איז טאַקע פון איין זייט איבערגליקליך, ער געניסט די ברכת ה׳ פון גרייטען, דאַרף אַליין ניט ארבייטען, זבולן באַזאָרגט איהם שוין מיט בכל־מכל־כל. פון דער אַנדער זייט אָבער בלייבט ער שולדיג זבולנ׳ן אַ טייל פון זיינע תורה־פאַרדינסטען לעולם־הבא.

איז טאַקע פאַראַן ערגעץ אַ מדרש אגדה וואָס מאָלט אַ בילד פון יששכר׳ס עולם הבא. עס ווערט אָנגעגעבען אַז יששכר האָט געלעבט הונדערט און צוויי און צוואַנציג יאָהר און אַז ער איז ארויפגעקומען אויפ׳ן „עולם האמת" האָט מען איהם דאָרט צוגעטיילט עולם־הבא בלויז פאַר איין און זעכציג יאָהר, ערקלערענדיג אַז דער חלק עולם־הבא פאַר דער צווייטער העלפט פון זיין לעבען קומט זבולנ׳ן, זיין געזעצליכען שותף. דאַגעגען ווען זבולון איז אַרויפגעקומען אויף „יענער וועלט" האָט ער געהאָט זעהר אַן אנגענעהמע איבערראַשונג ווען מ׳האָט איהם צוגעטיילט עולם־הבא פאַר גאַנצע איין און זעכציג יאָהר תורה־לערנען, כאָטש ער האָט קלאָהר געוואוסט אַז ער האָט קיינמאָל קיין צייט ניט

וואָרט און צייט

געהאַט צו לערנען, אימער פאַרטאָן געווען אין זיינע געשעפטען. ער האָט אָבער געקראָגען אַ גלייכען טהייל פון זיין שותף יששכר׳ס תורה.

פאַראַן אָבער אַ צווייטער טיפּ תלמיד חכם וועלכער האָט מיט זבולנ׳ן קיין שותפות ניט. יענער געהער צו דער קלאַס פון „יגיע כפך כי תאכל״, האָט ניט געוואָלט אָנקומען צו קיין קצבה און זיין „הנהנה משלחן אחרים״, האָט ער אַליין זיך געמאַטערט מיגיע כפיו און גלייכצייטיג אויך געלערענט תורה „מתוך לחץ ועוני״. ער האָט זאָגאַר ניט געוואָלט נהנה זיין מכתרה של תורה און טאָמער האָט מען איהם אַמאָל אָנגעבאָטען אַ בגד אָדער אַ פּאָר שיך פאַר אַ ביליגערען פרייז מיט דעם מוכר׳ס באַמערקונג אַז ער באַטראַכט עס פאַר אַ גרויסען כבוד ווען אַזאַ תלמיד חכם קומט אריין צו איהם אין געשעפט, האָט ער זיך דערפון קאַטעגאָריש אָנטזאַגט מיט דער באַהויפּטונג אַז ער איז געקומען קויפען פאַר ג ע ל ט און ניט פאַר ת ו ר ה . . .

נאַטירליך אָט דער דאָזיגער תלמיד חכם וואָס וויל פון קיינעם ניט נהנה זיין, און וויל צו דער זעלבער צייט אויך ניט אויפגעבען זיין תורה־לערנען, אַזאַ איינער מוז זיך שוין היבש צופּלאָגען, דאַרף שוין זיין אַ מסתפק במועט און מוז זיך שוין אָנטזאָגען פון אַ רחבות׳דיגען לעבען. דאָס אַרט איהם אָבער לחלוטין ניט. ער ווייסט פון דעם פסוק: „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך — אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא״. קוים איז איהם „וטוב לך לעולם הבא״ ווייל ער וועט זיך דאַרטען מיט קיינעם ניט דאַרפען טהיילען, איז שוין ממילא ביי איהם דערפון גופא „אשריך בעולם הזה״...

איבריגענס פעלט איהם כלל ניט דער לוקסוריעזער לעבען. ביי איהם איז „פת במלח ומים במשורה״ אויך „אשריך וטוב לך״, אָט ווי דוד המלך דריקט זיך אויס: „ודורשי ה׳ לא יחסרו כל טוב״ און דוד האָט דאָך ניט געקענט מיינען, אַז די „דורשי ה׳ ״ זיינען אַלע „גבירים״, דער פאַקט איז דאָך ניט אַזוי. ער האָט אָבער געמיינט אַז ביי די „דורשי ה׳״ פ ע ל ט גאַר ניט דער „כל טוב״, זיי קענען זיך באַגעהן אָהן דעם...

אָט אויף דעם טיפּ תלמיד חכם איז אָנגעווענדעט רש״י׳ס נוסח: „יתן ויחזור ויתן״. אין דעם פאַל מיינט עס — יתן אויף דער וועלט אין

„יחזור ויתן" אויף „יענער וועלט" וואו ער וועט קריגען די פולע מאָס עולם הבא און זיך מיט קיינעם ניט דאַרפען איינטיילען...

דער דורכשניטלי‍כער מענש איז אָבער מיטביידע אופנים ניט פאָלשטענדיג צופרידען. עס ווילט זיך געניסען פון ביידע גליקען מיט אַמאָל — ניט אָנקומען צו יענעם בעולם הזה און פונדעסטוועגען האָבען „כל טוב" פון אייגענער פראַצע און צו דער אייגענער צייט אויך געניסען דעם פולען חלק „עולם הבא". דאָס קען נאַטירליך געשעהן אין פאַל אַז דער עולם־הזה קומט אָן אַזוי גרינג אַז עס בלייבט נאָך גענוג צייט אויף קונה־שלמות זיין לעולם הבא מיט דער פולער מאָס.

בעטען מיר דערפאַר אין דער תפלה פון ברכת־המזון: „הוא יגמלנו לעד לחן ולחסד ולרחמים ולרוח הצלה והצלחה ברכה וישועה נחמה פרנסה טובה וכלכלה ורחמים וחיים ושלום" — אויסגערעכענט פאַלגליך אַ גאַנצען צעטעל מיט אַלע גוטע זאַכען, און מורא האָבענדיג טאָמער איז חלילה עפּעס אויסגעלאָזען געוואָרען, „פאַרבייסט" מען נאָך מיט אַ „וכל טוב", און נאָכדעם אַלעמען ערשט פאַרענדיגט מען נאָך מיט „ומכל טוב לעולם אַל יחסרנו". איז וואָס אייגענטליך קומט אָט דער לעצטער „ומכל טוב" מוסיף זיין אויף דעם נור וואָס געענדיגטען „וכל טוב"?

אָבער דאָ איז, ווי געזאָגט, דער אויסדרוק פון אונזער וואונש, פון אונזער גרויסען „אַפּעטיט": מיר זאָלען האָבען אַ רחבות'דיגען לעבען איינשליסענדיג אַ טערמין פון „וכל טוב" וואָס איז כולל אַלעס, אָבער בתנאי אַז „ומכל טוב ל ע ו ל ם", פון יענעם כל־טוב וואָס איז צפון „לעולם הבא" — „אַל יחסרנו" זאָל דערפון גאָר ניט פעלען. דער טוב עולם־הזה זאָל קומען דורך אייגענע ערווערבונג ניט אָנקומענדיג צו די זבולנ׳ס, וועט מען זיך ממילא ניט דאַרפען טהיילען מיט זיי מיט עולם־הבא.

איז עס אפשר אַ שווערע זאַך אין דער פּראַקטיק, אַ גוטער און פרומער וואונש אָבער איז עס אַ ודאי און אַ ודאי יאָ...

ויצא

אבני יעקב לפנים, ואבני בניו היום

והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך.

רבנן אמרי על הכל השיבו ועל הפרנסה לא השיבו: אם יהיה אלקים עמדי אמר לו הנה אנכי עמך. ושמרני בדרך הזה שנאמר ושמרתיך בכל אשר תלך; ושבתי בשלום אל בית אבי, והשיבותיך אל האדמה הזאת, ועל הפרנסה לא השיבו.

(מדרש ויצא פ׳ סט)...

פיער זאַכען האָט יעקב פאַרלאַנגט פון גאָט ווען ער איז געווען אויף זיין וועג צו לבנ׳ען: א) אַז גאָט זאָל זיין מיט איהם, דארויף האָט ער געקראָגען די פאַרזיכערונג „והנה אנכי עמך״; ב) גאָט זאָל איהם היטען אויף דיזען וועג, האָט ער דארויף אויך באַקומען אַ גינסטיגען ענטפער: „ושמרתיך בכל אשר תלך״; ג) ער זאָל צוריק קומען בשלום אין פאָטער׳ס הויז, און דער ענטפער איז געווען „והשיבותיך אל האדמה הזאת״; ד) גאָט זאָל איהם געבען „לחם לאכול ובגד ללבוש״ וואָס מיינט פשוט „פרנסה״, דאַרויף אָבער האָט יעקב קיין תשובה ניט באַקומען.

אויף די פסוקים „ויקח מאבני המקום — ויקח את האבן״, אין ערשטען „מאבני״ לשון רבים, אין צווייטען „האבן״ לשון יחיד, ברייננט רש״י אַ מאמר חז״ל וואָס זאָגט: „התחילו מריבות זו את זו זאת אומרת עלי יניח צדיק את ראשו וזאת אומרת עלי יניח מיד עשאן הקב״ה אבן אחת וזהו שנאמר ויקח את האבן״ (רש״י).

מעגליך אַז דיביידע ציטירטע מאמרי חז״ל ציעלען צו איין געדאַנק ושניהם עולים בקנה אחד.

ויצא

דער שטיין ווערט על פי רוב באַנוצט אלס דער סימבאָל פון אַ צרה: „אַ שטיין אין וועג", אַראָפּ „אַ שטיין פון האַרץ" און עהנליכע אויסדריקע מיט וועלכע דער שטיין דריקט אויס אַן אומגליק.

יעקב, אַנטלויפענדיג פון זיין היים צוליב עשו׳ס רדיפות, האָט זיך געפונען אין אַ לאַגע פון „כי בא השמש", די זון איז פאר איהם אונטערגעגאַנגען און איז פון אַלע זייטען געווען אַרומגערינגעלט פון אַ דיקע פינסטערניש. פון איין זייט, דאָס פאַרלאָזען דעם טאַטענס הויז; פון צווייטען זייט די סכנת הדרך; דריטענס, די מורא׳דיגע שנאה פון זיין ברודער עשו וואָס האָט געדראָהט מיט „ואהרגה את יעקב אחי"; און פיערטענס: זיין אָרעמקייט ביי וועלכעס ער איז געבליבען נאָכדעם ווי אליפז האָט איהם אויף עשו׳ס באַפעל נאָכגעיאָגט צו ערמאָרדען און יעקב האָט זיך, לויט חז״ל, גערעטעט דורך אָפּגעבען איהם זיין גאַנץ פאַרמעגען, ערקלערענדיג אַז „עני חשוב כמת" איז שוין גלייך ווי ער וואָלט איהם דער׳הרג׳עט און דורכגעפיהרט זיין מיסיאָן.

אָט די אַלע צרות זיינען עס געווען די שטיינער וואָס יעקב האָט אָנגעטראָפען אין וועג. און „האבנים מריבות זו את זו, זו אומרת עלי יניח צדיק את ראשו וזו אומרת וכו׳". בדרך מליצה הייסט עס ווי די דאָזיגע צרות וואָלטען געטענה׳ט צום רבש״ע: פאַרוואָס קומט עס יעקב׳ן אַזוי פיעל צרות מיט אַמאָל. איז דען ניט גענוג — טענה׳ט איין צרה — אַז „עלי יניח צדיק את ראשו", אז דער ראש צדיק וואָס דאַרף זיך בגזירת המקום אַנשלאָגען אין אַ שטיין, זאָל ער אָפּקומען מיט „עלי יניח", מיט א י י ן שטיין, מיט א י י ן צרה און פאַר וואָס אַזוי פיעל שטיינער? „מיד עשאן הקב״ה אבן אחת". די בקשות פון יעקב׳ס מליצי יושר זיינען טאַקע אָנגענומען געוואָרען און די געטליכע פאַרזיכערונג איז געקומען אויף דריי פון די דערמאָנטע פיער צרות אַז זיי וועלען באַזייטיגט ווערען, ווי דער ערשטער מדרש באַטאָנט עס אַז „על הכל השיבו" און פון אַלע שטיינער איז טאַקע בלויז איין שטיין געבליבען, איין צרה, און דאָס איז געווען די צרה פון זיין אָרעמקייט — „ועל הפרנסה לא השיבו"...

און פאַרוואָס גראַדע איז די פרנסה פראַגע געבליבען ניט פאַרענטפערט? קענטיג הפנים אַז דאָ איז יעקב׳ן אָנגעוואונקען געוואָרען אַז

וואָרט און צייט

ווען עס האַנדעלט זיך אין פּרנסה איז דער געטליכער רצון אַז דער מענש זאָל זיך ניט פאַרלאָזען בלויז אויף תפלה און דאַדורך בלייבען מיט פאַרלייגטע הענט און אַליין גאָר ניט טהון. איז עס אין אנקלאנג מיט דעם באַקאַנטען מאמר חז״ל: „יכול ישב בטל תלמוד לומר וברכתיך בכל אשר ת ע ש ה״. דער אשר תעשה קומט צו ערשט און נאָכ־דעם דער „וברכתיך״...

ברייננגט טאַקע דער מדרש אין דער זעלבער פּרשה אַ מאמר לויט וועלכען די מלאכה ווערט אַוועקגעשטעלט ברום המעלה: „רבי ירמיה אמר חביבה היא המלאכה מזכות אבות שזכות אבות הצילה ממון ומלאכה הצילה נפשות. זכות אָבות הצילה ממון שנאמר לולי אלהי אָבי וגו׳ כי עתה ריקם שלחתני (מיינט עס אַז זכות אָבות איז איהם בייגעשטאַנען צו ראַטעווען זיין געלט) ומלאכה הצילה נפשות שנאמר את עניי וארת י ג י ע כ פ י ראה אלהים וגו׳״ (הייסט עס אַז אין זכות פון „יגיע כפי״ זיינען יעקב׳ס נפשות גערעטעט געוואָרען).

און נאָכדעם ווי יעקב האָט אין חלום באַקומען אָט די דאָזיגע הבטחות, דערצעהלט די פּרשה וויטער:

ויקץ יעקב משנתו ויאמר אכן יש ה׳ במקום הזה ואנכי לא ידעתי.

בוכשטעבליך לאָזט זיך עס גענצליך ניט פאַרשטעהן. היתכן, יעקב זאָל זאָגען „ואנכי לא ידעתי״, דער הייליגער יעקב אבינו דער בחיר־האבות זאָל ח״ו ניט האָבען געוואוסט אַז „מלא כל הארץ כבודו״? אַזוי איז אויך אומפאַרשטענדליך זיין נאָכגעפאָלגטער נדר מיט׳ן תנאי פון „אם יהיה אלהים עמדי ושמרני בדרך הזה וגו׳ והיה ה׳ לי לאלהים״. נו, און אויב די אַלע זאַכען וועלען ניט מקוים ווערען איז חלילה ניט „והיה ה׳ לי לאלהים״?

אַ מעהר איינדרינגענדער בליק אין יעקב׳ס לעבען וואַרפט אַ העלע שיין אויף אָט דעם גאַנצען ענין.

אויב יעקב אבינו האָט, לויט׳ן מדרש, געלייענט אויף זיך דעם איוב־פסוק פון „לוא שלותי ולא שקטתי ולא נחתי ויבא רוגז״, איז דערפון אַ באַוויז אַז צו יעקב׳ס צרות איז גאָר קיין ברעג ניט געווען, און לויט ווי די תורה גיט געשיכטליך איבער וועגען איהם שאַפט זיך דער איינדרוק ווי יעקב אבינו וואָלט גאָר פאר קיין אַנדער צוועק ניט

געבוירען געוואָרען ווי נור צו זיין אַ ציעל־ברעט פאַר מענשליכע ליידען מכל המינים. נאָך איידער ער איז אויף דער וועלט געקומען, זייענדיג נאָך אין זיין מאַמעס בויך האָט ער דאָך שוין אָנגעהויבען שפּי־רען דעם עשו־טעם דורכ׳ן „ויתרוצצו״... יעקב׳ן ברייגגט דער גורל אין בית־המדרש, ער ווערט אַ „יושב אוהל״, אַן אָרט וואָס איז ניט אַזוי שטאַרק מסוגל פאַר פרסום און פּאָפּולאַריטעט און בלייבט דעריבער אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, איזאָלירט פון דער גרויסער וועלט, קיינער ווייסט ניט פון איהם און קיינער פאַראינטערעסירט זיך ניט אין איהם.

דאַגעגען עשו איז פון נאַטור אַ „יודע ציד״, אַ „יודע לרמות את הבריות״. אין מאָדערנעם לשון וואָלט עס הייסען: אַן ערשט קלאַ־סיגער פּאָליטישען וואָס מיינט נאַטירליך, אַ „בלאָפער״ פון ערשטען ראַנג. אַזעלכער איז אַ מענש וואָס איז מיט אַלעמען אויסגעקאַכט און איז זעהר פּאָפּולאַר ביי זיינע מיט־מענשען. ער ווייסט אגב ווי אויסצונוצען זיין פּאָפּולאַריטעט פאַר זיינע עגאָאיסטישע צוועקען, און עס געדויערט ניט לאַנג ביז ער פאַנגט אָן צו פאַרפאָלגען זיין נאַאיווען ברודער און די פאַרפאָלגונג גרייכט אַזש ביז צום עקסטרעמען פּונקט פון: „יקרבו ימי אבל אָבי ואהרגה את יעקב אָחי״ וואָס ענדיגט זיך מיט יעקב׳ס אַנטלויפען אין גלות אום זיך צו רעטען „מחמת אחיו״.

אויף זיין גלות־וועג זייענדיג איינזאַם און עלענד באַטראַכט יעקב זיין פינסטערען גורל אין וועלכען ער זעהט בלויז דעם „מדת הדין״ ווי קיין „מדת הרחמים״ וואָלט גאַר פאַר איהם קיינמאָל ניט עקזיסטירט און בלייבט דעריבער שרעקליך פאַרצווייפעלט.

אין דער דאָזיגער פאַרצווייפלונג — „וישכב במקום ההוא״. יעקב שלאָפט איין און דאָ קומט דער זיסער חלום מיט די געטליכע הבטחות וועלכע זיינען פאַר יעקב׳ן נאַטירליך אַ זעהר אָנגענעהמע איבערראַשונג. נאָכ׳ן חלום — „ויקץ יעקב משנתו״. יעקב איז שוין וואַך אָבער די גאָלדענע פעדים וואָס האָבען געשפּינט דעם דאָזיגען חלום ביים שלאָפען שפּינען זיך נאָך איצט וואַכעדיגערהייט אויך. דאָס וואַרפט יעקב׳ן אריין אין אַן עקסטאַזנער שטימונג. ער גלויבט זיינע אויערען ניט און רופט אויס מיט באַגייסטערונג: „אָכן יש ה׳ במקום הזה״! איז עס ווירקליך אמת אַז אויך דער ״ה״, דער „מדת הרחמים״, איז דאָ מיט

וואָרט און צייט

מיר! „ו אָ נ כ י לא ידעתי״, פאַר מיין „איך״ האָב איך נאָך ביז היינט פון קיין מדת־הרחמים ניט געוואוסט, מיין גאַנצע לעבענס־געשיכטע ביז צום היינטיגען טאָג איז פאַר מיר געווען איין לאַנגע קייט פון בלויז „מדת הדין״...

און — „וידר יעקב נדר לאמר״, יעקב טהוט אַ נדר און זאָגט: „אם יהיה א ל ה י ם עמדי״, ווען אפילו דער מדת־הדין זאָל אויך ווייטער זיין מיט מיר, אויב נור „ושמרני ב ד ר ך ה ז ה אשר אנכי הולך״, דער מדת הרחמים וועט מיר באַגלייטען און באַשיצען אויף ד י ז ע ן ו ו ע ג וואו איך געה איצט, אויף מיין וועג צו לבנ׳ן, איז דאָס שוין פאַר מיר גענוג.

אין אַנדערע ווערטער הייסט עס אז יעקב׳ן מיט זיין גרויס צדקות קען דער מדת הדין ניט אָפּווייכען ח״ו פון זיין געטליכער אמונה. ער איז אַן אייניקעל פון אַ גרויסען זיידען אַ מלומד בנסיונות און קען דע־ריבער ביישטעהן נסיונות פון יעדער סאָרט. ד אָ אָבער, ב ד ר ך ה ז ה , אין „מדינת לבן״ וואו ער געהט איצט, דאָ גראַדע וואָלט ער זעהר צופרידען געווען מיט אַביסעלע מדת־הרחמים. דערביי אונ־טערשטרייכט ער טאַקע דעם „ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש״, ווייל קומענדיג אין לבנ׳ס מדינה פיהלט יעקב אינסטינקטיוו מיט וואָס פאַר אַ שוועריגקייטען ער וועט זיך אנטרעפען ווען ער וועט וועלען אָפּהיטען זיין אידישקייט. ער ווייסט גאַנץ גוט אז די לבנ׳ס וועלען איהם זאָגען: אויב היטען שבת און דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג איז דאָ פאַר דיר, ר׳ יעקב, קיין פּלאַץ ניט. ווילסטו זיין פרום, טאָ פאָהר, זיי מוחל, קיין ארץ ישראל, דאָ אין דיין פעטער לבנ׳ס אוראַלטע „אמעריקא״ קען מען ניט פראַקטיצירען קיין פרומקייט. דאָ דאַרף מען „מאַכען אַ לעבען״ און דער שבת, דער דאַוונען און נאָך אַזעלכע זאַכען שטעהען אין וועג.

פיהלט דעריבער יעקב וואָס פאַר אַ קדוש השם עס וואָלט געווען אַז די לבנ׳ס אָדער די „מתלבנים״ זאָלען זיך איבערצייגען אַז אויך אין זייערע אַמעריקאַ׳ס קען מען בלייבען אַ איד און דאָך געבענטשט ווערען מיט „לחם לאכול ובגד ללבוש״, מען קען דאָ אויך אָפּהיטען אידישקייט און דאָך „מאַכען אַ לעבען״.

ויצא

איז אויב פּאַר אַנדערשוואו איז אפילו רעכט אַז „על הפּרנסה לא השיבו״, ד אַ אָבער פארלאנגט עס יעקב יאָ כדי דערמיט צו דע־מאָנסטרירען שמירת היהדות אין לבנ׳ס אַמעריקאַ, אַ זאַך וואָס וואָלט געווען, ווי געזאָגט, אַ גרויסער קדוש השם.

„זעהסטו רבונו של עולם״ — פיהרט יעקב אויס — „ווען עס וועט זיין ו ש ב ת י ב ש ל ו ם א ל ב י ת אָ ב י, אַז איך וועל צוריק קומען צו מיין אַלטע היים, דאָרטען אַרט מיר ניט אויב אפילו עס זאָל צוריק ווערען „והיה ה׳ לי ל א ל ה י ם״, דער מדת־הרחמים וועט צוריק פארוואנדעלט ווערען אין מדת־הדין, ווייל דאָרט אין דער „אַלטער היים״ וואו אידישקייט ווערט אָפּגעהיט מיט דער גרעס־טער פּינקטליכקייט, איז ניט נויטיג קיין דעמאָנסטראַציעס, דאָרט איז עס ניט קיין קדוש־השם, לבנ׳ען אָבער איז עס יאָ נויטיג.

קענטיג אָבער אַז דער רבש״ע האָט גראַדע געוואָלט יעקב׳ן יאָ שטעלען אין נסיון אפילו אין לבנ׳ס מדינה אום דערמיט צו דינען אלסביישפּיל פאַר זיינע אייניקלאך וועלכע וועלען אין שפּעטערדיגע דורות פארוואָרפען ווערען אין די מאָדערנע מדינות־לבן און פאר זיי אויסטרעטען אַ וועג אַז מען קען און מען דאַרף זיין אַ איד אפילו ווען דאָס איז פאַר־בונדען מיט דער גרעסטער מסירות נפש צוליעב די פּראָבלעמע פון „לחם לאכול ובגד ללבוש״, און דעריבער איז יעקב׳ס בקשה אין דיזער הינזיכט אויך דאָרטען ניט אָנגענומען געוואָרען — „ועל הכל השיבו ועל הפּרנסה לא השיבו״...

און יעקב׳ס אייניקלאך וועלכע האַלטען זיך פעסט אין יעקב׳ס טראַדיציעס שטעהען־ביי טאַקע עד היום דעם דאָזיגען נסיון און על אַפּם ועל חמתם פון די לבנ׳ן און פון די „מתלבנים״ פּראַקטיצירען זיי אידיש־קייט אויך אין אַמעריקאַ מיט די גינסטיגע רעזולטאַטען פון „ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה״...

וישלח

יעקב ועשו — הבריחה והפגישה

ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה
ואשלחה להגיד לאדני למצא חן בעיניך.
(לב־ה).

יעקב'ס באגעגעניש מיט עשו'ן ווי זי ווערט געשילדערט אין היינ־טיגער פרשה, לאזט נאך זיך היבש נאכצודענקען. ס'איז עפעס כולה מוקשה. ערשטענס: וואס האט דא צווישענס אזעלכעס פאסירט וואס האט ביי יעקב'ן פלוצלונג אוועקגענומען די מורא פאר עשו'ס פארפאל־גונגען צוליב וועלכע ער איז לכתחילה געווען געצוואונגען צו אנטלויפען פון איהם? דורך דער גאנצער צייט וואס ער איז געוועז ביי לבנ'ען האבען מיר זיך בלויז באקענט מיט'ן קאפיטעל יעקב פון יענער עפאכע, מיר האבען אבער אין פארלויף פון דער צייט גאר ניט געהערט וועגען עשו'ן, אזעלכעס וואס זאל ענדערען די סיטואציע און אראפנעהמען די סכנה פון יעקב'ס צוריק־קערען זיך אהיים?

אמת, ווי עס זעהט אויס איז נאך יעקב אויך איצט ניט געוועז אין גאנצען זיכער. איצט אויך איז נאך געוועז „ויירא יעקב מאד ויצר לו" און האט דערפאר אנגענומען געוויסע סטראטעגישע מיטלען ווי זיך צו באשיצען. דער פאקט אבער אז ער האט דאך באשלאסען צו קומען אהיים באווייזט דאך אז יעקב'ס געמיט האט זיך טיילווייז יא בארוהיגט, טא וואס איז דא אייגענטליך געשעהן?

ניט וועניגער וואונדער רופט ארויס זיין „מעסעדזש" צו עשו'ן אין וועלכען ער זאגט איהם אן די בשורה וועגען זיין רייכקייט און שטיצט זיך דארויף צו געפינען דאדורך חן אין זיינע אויגען, וועהרענד מיר ווייסען דאך אז זיין גאנצער אנטלויפען איז דאך נור געוועז צוליב עשו'ס כעס פאר'ן אויסנארען די ברכות, טא ווי קען אלזא דער „ויהי לי שור

וחמור״ וואָס צייגט אַז די ברכות זיינען טאַקע מקוים געוואָרען דינען אַלס אורזאַך איינצושטילען עשו׳ס כעס?

מעהר פון אַלעס אָבער לאָזט זיך קוים ערקלעהרען יעקב׳ס באַגריסונג צו עשו׳ן מיט די ווערטער פון „כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלהים״. היתכן, יעקב זאָל וואַגען מיט זיין שמייכלען זיך צום רשע צו געהן אַזש אזוי וויט?...

אמת, דערפון לערענט טאַקע אַרויס ר׳ יהודה בר מערבא אז „מותר להחניף לרשעים בעוה״ז״ (סוטה מא). דאָס דערמאָנט אונז אגב אויך דעם אַנעקדאָט פון יענעם קליינשטעטעלדיגען יונגען רב וואָס פלעגט זעהר שטאַרק מוסר׳ן די בעלי בתים. די לעצטע האָבען זיך דאַרויף באַקלאָגט פאַר׳ן ראש-הישיבה וועלכער האָט פאַר זיי אויסגעקליבען דעם רב. האָט טאַקע דער ראש ישיבה פאַרגעהאַלטען דעם רב למאי ער מוסר׳ט אַזוי שטאַרק די בעלי בתים. אין געגענטייל — זאָגט ער צו איהם — אַ רב מעג אַמאָל אונטער׳חנפ׳ענען זיינע בעלי בתים. דערהערט חנפ׳נען, צוקאַכט זיך דער יונגער רב: סטייטש, חנפ׳נען, היתכן? „יאָ״ — זאָגט דער ראש ישיבה — ס׳איז אַ בפירוש׳ער דין אין „חיי אדם״. „אָבער אין חיי-אדם ווערט דאָך עס נור דערמאָנט ביי אַ חזן און ניט ביי אַ רב״ — קאָכט זיך ווייטער דער יונגער רבי. „פארשטעהסטו מיך״ — ענטפערט איהם דער ראש-ישיבה — „פאַר אַ חזן האָט מען עס געדאַרפט אַריינשטעלען אין חיי-אדם, אַ רב אָבער דאַרף האָבען געגוג שכל עס אליין צו פארשטעהן״...

איז טאַקע אפשר דאָ אַמאָל אַ היתר אויף חניפה אויך, אָבער אַז ס׳זאָל דערגעהן אַזוי ווייט ווי דאָ אין יעקב׳ס פאַל, דאָס לאָזט זיך שוין כלל ניט פאַרשטעהן.

לאָמיר אָבער קומען צוריק צום ערשטען פונקט וועגען די פּאַסירונגען אין יעקב׳ס לעבען אין צווישען דער צייט פון זיין אַנטלויפען פון עשו׳ן ביז איצט ביים צוריק-קעהרען זיך.

משמעות אַז די ענדערונג אין יעקב׳ס לעבען וואָס איז פאַרגעקומען אין צווישען דער דאָזיגער צייט, אָט דאָס גופא טאַקע האָט געדיענט אַלס גורם צו באַזייטיגען די מורא פאַר עשו׳ס שווערד.

וואָרט און צייט

דערצו איז אָבער נויטיג צו געהן אַביסעל ריקווערטס, צו יענעם מאָמענט ווען יעקב האָט גענומען אָפּשיעד פון זיין מוטער רבקה און צו די לעצטע ווערטער וואָס זי, רבקה, האָט איהם דעמאָלט געזאָגט:

קום ברח לך אל לבן אחי חרנה — וישבת עמו ימים אחדים
עד אשר תשוב חמת אָחיך — עד שוב אַף אָחיך ממך ושכח
את אשר עשית לו.

דער לעצטער זאַץ: „עד שוב אַף אחיך ממך" זעהט אויס לגמרי אונגויטיג זייענדיג ניט מעהר ווי אַ ווידערהאָלונג פון דעם פריהעריגען „עד אשר תשוב חמת אחיך"?

עס איז דאָך באַוואוסט דער פעסטגעשטעלטער כלל פון פסוק אַז פירוש צום פריהעריגען און אַז זי, רבקה, איז דערמיט אויסענגעווען צו געבען יעקב'ן געוויסע סימנים לויט וועלכע ער זאָל אינסטינקטיוו פיהלען דעם „אשר תשוב חמת אָחיך".

עס איז דאָך באַוואסט דער פעסטגעשטעלטער כלל פון פסוק אז „כמים פנים אל פנים כן לב האדם אל אדם" פון וואַנען עס שטאַמט דער פאָלקס שפריכוואָרט אַז „איין הארץ פיהלט די אַנדערע".

דוד המלך האָט דאָס זעלבע אויסגעדריקט אין דעם באַקאַנטען תהלים־פסוק: „שוא ידברו איש את רעהו שפת חלקות בלב ולב ידברו" וואָס מיינט צו זאָגען אַז ניט די ליפּען־שפּראַך איז די וועלכע בריינגט צום אויסדרוק די מענשליכע געדאַנקען. מען קען זאָגאר באַנוצען די שעהנסטע בלומען־שפּראַך, דעם שעהנסטען „שפת־חלקות" און דאָך זאָל עס זיין „שוא ידברו איש את רעהו"... די אמת'ע שפּראַך איז די וואָס „בלב ולב ידברו", די שפּראַך פון ה אַ ר ץ.

רבקה האָט פאָלגליך ערקלעהרט יעקב'ן אז דעמאָלט ווען עס וועט זיין „עד שוב אף אחיך מ מ ך", ווען דו וועסט פיהלען אַז ביי דיר אין האַרצען איז שוין אַוועק דער כעס אויף דיין ברודער, וועט דאָס זיין אַ סימפּטאָם אַז אויך עשו'ס כעס איז שוין געשטילט געוואָרען, „ושכח את אשר עשית לו" אַז אויך ער, עשו, האָט שוין פארגעסען וואָס דו האָסט איהם געטאָן. דער „שוב אַף אָחיך מ מ ך" איז אַ צייכען אויפ'ן „תשוב חמת א ח י ך".

וישלח

און אויב איצט האָט יעקב באַשלאָסען זיך צוריק־קעהרען אַהיים איז אַ באַווייז, אַז ער האָט שוין געפיהלט אַז זיין כעס אויף עשו׳ן איז שוין אַוועק און דערפון געדרונגען אַז אויך עשו׳ס כעס איז שוין איינגעשטילט געוואָרען.

וואָס אָבער האָט געבראַכט צו דעם גופא אַז יעקב׳ס כעס זאָל פּלוצים האָבען פאַרשוואונדען?

עס קען זיין אַז די צייט אַליין האָט געווירקט דאַרין. שוין דאָך אַוועק אַזוי פיעל יאָהרען, האָט זיך דער כעס שוין ביסלאַכווייז אויסגעלאָשען און דער צאָרן ווי עס איז איינגעשטילט. ס׳איז אָבער דערצו געווען נאָך אַ חשוב׳ע סבה.

ווייסען מיר דאָך דעם כלל ביי ליבשאַפט אַז „אהבה התלויה בדבר בטל דבר בטלה אהבה״, איז דיזער כלל פונקט אַזוי גילטיג ביי „שנאה״. יעקב׳ס שנאה צום ברודער איז דאָך אויך געווען אַ „שנאה התלויה בדבר״, זי איז דאָך געווען אַ רעזולטאַט פון עשו׳ס פאַרפאָלגונגען צוליב וועלכע יעקב האָט געמוזט עוקר זיין פון דערהיים, האָט געדאַרפט אַפּריכטען גלות און בלייבען בערום ובחוסר כל.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט זיך פאַר יעקב׳ן געמאָלען אַ שרעקליכע בילד אין פאַרבינדונג מיט זיין צוקונפט און אַ שרעקליכער פעסימיזם און פאַרצווייפלונג האָבען געגאָגט זיין נשמה, און ווייסענדיג, אַז פאַר דעם אַלעמען איז עשו פאַראַנטוואָרטליך, איז עס געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז ער זאָל טראָגען אויף איהם אַ שנאה אין האַרצען.

אַם ענדע אָבער, אַז אַלעס האָט זיך אויסגעלאָזט צום גוטען, יעקב׳ן האָט אָפּגעגליקט, האָט אויפגעבויט אַ שעהנע פאַמיליע־היים און דערצו אָנגעקליבען אויך אַ שעהנעם פאַרמעגען, איז איצט שוין ניט געווען מעהר קיין אורזאַך פאַר די אַמאָליגע שנאה. און קוים האָט יעקב געשפּירט אַז אין זיין האַרץ איז שוין מעהר קיין האַס ניטאָ, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין מאַמעס ווערטער: „עד שוב אַף אָחיך ממך״ און דערפון, ווי געזאָגט, געצויגען דעם קאָנזעקווענץ, אַז אויך עשו האָט שוין פאַרגעסען די אַלטע חשבונות און אַז ס׳איז שוין מעהר קיין סכנה ניט זיך אומקעהרען אַהיים.

וואָרט און צייט

אָט דאָס האָט יעקב אין זיין איצטיגען מעסעדזש צו עשו'ן אונטער־שטראָכען דיביידע דערמאָנטע פונקטען: ערשטענס: „עִם לבן גרתי ו א ח ר ע ד ע ת ה", שוין אַוועק זינט דעמאָלט זעהר אַ לאַנגע צייט און די צייט אַליין האָט שוין דעריבער טיילוויז אָפּגעקיהלט דעם כעס; און צווייטענס: „ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה", איך בין אין פאַרלויף פון דער צייט געוואָרען זעהר רייך אַזוי אַז די סיבה וואָס האָט גורם געווען צו מיין שנאה איז שוין אויך מיט דער צייט בטל געוואָרען און ממילא איז שוין די שנאה אויך אַוועק, און קוים איז ביי מ י ר די שנאה אַוועק פיהל איך אַז די צייט איז שוין געקומען אַז: „ואשלחה להגיד לאדני למצא חן בעיניך", אַז איך קען שוין אויך אין ד י י נ ע א ו י ג ע ן געפינען חן, אַז דיין כעס איז שוין אויך אַוועק *).

פון דעסטוועגען האָט יעקב ניט געוואָלט שפּילען בלויז אויף סענ־טימענטען. די מאַמע האָט איהם טאַקע איבערגעגעבען סימנים, אָבער גע־טרויען עשו'ן אויף סימנים איז נאָך אויך ניט אַזוי זיכער. זאָגט דאָך טאַקע די משנה: „והרמאי אף על פי שנותן סימנים אל יחזיר לו"... טאָ ווי קען מען אַזאַ רמאי ווי עשו געטרויען אויף סימנים? ווער ווייסט אויב דאָס וועט ניט זיין ווי יענע ר' יהודה'ס סימנים וואָס ברענגען גאַר

---

*) אגב איז אין דעם „ואשלחה להגיד לאדוני למצוא חן בעיניך" אויף פּאַראַן אַ וואונק אַז דעמאָלט ווען עס איז „ויהי לי שור וחמור", ווען מען איז אַ פאַרמעגליכער בעל־הבית, דעמאָלט קען מען אויך אויסאיבען אַן איינפלוס אויף אַ צווייטען. „חכמת המסכן בזויה", זאָגט דער קלוגער פּסוק, און „לבעל המאה, לו גם הדעה", זאָגט אַ קלוגער ווערטעל...

אַזעלכע פאַלען באַגעגענען מיר אין די הונדערטער אין אונזער אלטעגליכען לעבען. אָט זעהען מיר למשל ווי עס קומען נעבאַך אַריין אָרעמע רבנים אין די שוהלען בין־מנחה־למעריב, זאָגען זעהר טייערע זאַכען פאַר'ן עולם, אָבער ס'קלעפּט זיך ניט צו אַ וואָרט צו קיינעם, ווייל: „חכמת המסכן בזויה". דאַגעגען שטעהט זיך אַן אויס־געפּאַשעטער האַלב אָדער גאַנץ רעפאָרמירטער ראַביי און פּלוידערט אויס אַלערליי נאַרישקייטען, און קהל לעקט די פינגער, ווייל ביי איהם איז שוין „ויהי לי שור וחמור", איז שוין ממילא אויך „למצא חן בעיניך"...

טייטשט מען טאַקע בדרך מליצה: „טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף", ווען באַטראַכט מען די „תורת פיך" פאַר גוט אויב זי קומט אַרויס „מאַלפי זהב וכסף" פון איינעם וואָס פאַרמאָגט די אלפים... יעקב איז דערפאַר זיכער אַז איצט אַ דאַנק די שור וחמור צאן ועבד ושפחה וועט שוין עשו פאַר איהם מעהר דרך ארץ האָבען...

וישלח

מיט זיך — מכות... (דצ״ך עד״ש באח״ב). שרייט טאַקע יעקב אויס: „פ ן י ב ו א ו ה כ נ י״.

פאַרלאָזט זיך דעריבער יעקב ניט בלויז אויף סימנים. ער וויל אויך באַנוצען דעם צווייטען תלמוד׳ישען מיטעל וואָס רופט זיך „טביעת־עין״ און שיקט דעריבער אַלס פאַר־פּאָסט זיין מלאכים־דעלעגאַציע אום אַ שמעק צו טאָן מיט זייער טביעת־עין־חוש ווי האַלט עס מיט עשו׳ן, צי קען מען ווירקליך איהם געטרויען אויף׳ן חשבון פון דער מאַמעס סימנים אָדער ניט...

און אַז זיי, די מלאכים, קומען צוריק און גיבען אָפּ יעקב׳ן אַ גרוס אַז עשו קומט איהם אַנטקעגען מיט אַן אַרמיי פון פיר הונדערט, איז טאַקע „ויירא יעקב״, עס כאַפּט איהם אַ ציטער. דער טביעת־עין זאָגט שוין עפּעס אַנדערש... ער ווענדעט שוין דעריבער גלייך אָן אַן אַנדער סטראַטעגיקע. פון דעם „ו י ה י ל י שור וחמור ווערט שוין איצט אַ „מנחה ל ע ש ו״, אַ מעהר פּראַקטישער מיטעל ווי דער סענטימענטאַלער „בלב ולב ידברו״, אַנשטאָט רעדען מיט ה אַ ר ץ בעסער רעדען מיט ק ל י נ ג ע ר ס, זאָל בעסער זיין „מלה ב ס ל ע״... און באַפּוילט זיינע שליחים צו זאָגען עשו׳ן גאַנץ אָפען דעם „אכפרה פניו במנחה״ אַזוי שנעל ווי זיי וועלען פיהלען אַז עס איז נויטיג...

וואָס מיט די שליחים איז געוואָרען דערצעהלט ניט די תורה, אפשר איז עס נאָך גאָר ניט געקומען צום „כי ישאלך לאמר״. דערפאַר אָבער גיט די תורה יאָ איבער וועגען די פערזענליכע באַגעגעניש פון די ברידער: „וירץ עשו לקראתו ויחבקהו ויפל על צוארו וישקהו״. איז אמת טאַקע אַ „וישקהו״ מיט פּינטעלאַך, אָבער אַלץ בעסער אַ געפּינטעלטער ק ו ש ווי אַ גלאַטער ב י ס... יעקב זעהט דעריבער אין דעם ווירקליך אַ צייכען אַז די מאַמעס סימנים זיינען טאַקע געווען ריכטיגע, און דערפאַר ווען עשו פרעגט איהם: „מי לך כל המחנה הזה אשר פגשתי״, איילט זיך שוין יעקב ניט איהם אָנבאָטען די „מנחה״. ער דענקט אַז עשו האָט איהם שוין דורך׳ן וישקהו געצייגט אַז זיין כעס איז שוין סיי ווי פאַרשוואונדען, ווענדעט ער דעריבער זיין ענטפער אין דער ריכטונג פון זיין מאַמעס סימנים און זאָגט: „למצא חן בעיני אדוני״, דאָס הייסט, עס איז בלויז אַ דאַנק אָט „די גאַנצע מחנה״, די גרויסע עשירות דורך

וואָרט און צייט

וועלכע מ י י ן כעס איז אַוועק און האָב דאַדורך אויך געקענט ציהען שליסע אויף דעם „למצא חן בעיניך״...

עשו׳ן נאַטירליך פּאַסט ניט יעקב׳ן צו קאָרעגירען, מאַכט ער אַן אַנשטעל ווי אויף צו באַשטעטיגען יעקב׳ס באַהויפּטונג און זאָגט צו איהם: „יש לי רב״, יאָ, ברודער, ביזט גערעכט, אויך ביי מיר איז דער כעס שוין אַוועק, ווייל מיין כעס איז דאָך אויך נור געווען אַ רעזולטאַט דערפון וואָס כ׳האָב מורא געהאַט אַז מיט דיין אויסנאַרען די ברכות האָסטו ביי מיר מיין גליק אַוועקגענומען. איצט אָבער אַז „יש לי רב״, אַז איך פאַרמאָג אַזוי פיל איז שוין ניטאָ קיין אורזאַך פאַר קיין שנאה. אָבער „אחי״, ברודער מיינער, ווי קומסטו בכלל צו די דאַ־זיגע זאַכען, דו ביזט דאָך אַן „עולם־הבא־איד״, טאָ: „יהי לך אשר לך״, האַלט זיך ביי דאָס דייניגע, ביי עולם־הבא, עולם־הזה אָבער לאָז אין גאַנצען פאַר מיר. אויף עולם־הזה האָב א י ך אַ מאָנאָפּאָל און ניט ד ו ! . . .

יעקב, דערהערענדיג אַזעלכע ווערטער פאַרשטעהט שוין דערפון, אַז ער איז נאָך מיט עשו׳ן ניט פאַרטיג און אַז דער „געפינטעלטער וישקהו״ ענטהאַלט נאָך היבש גיפט אין זיך, פאַרקירעוועט ער דעריבער אין אַ זייט און שלאָגט שוין אָן אַן אַנדער טאָן ווען ער זאָגט: ״אל נא״! אָה, ניין, ברודער! מאַך ניט קיין טעות אַז מיט מיין פאַרמעגען בין איך פאַרקראָכען אין דיין טעריטאָריע — „אם נא מצאתי חן בעיניך ולקחת מנחתי מידי״, פון מיין פאַרמעגען וועסטו עשו סיי ווי סיי געניסען. די יעקב׳ס וועלען אימער שטעהן גרייט מיט זייער „מנחה״ פאַר די עשו׳ס מיט וואָס זיי וועלען זיך דאַרפען אויסקויפען פון אַלע צרות און גזירות אין אַלע צייטען און אין אַלע ערטער. דען צו וואָס די יעקב׳ס וועלען זיך וועלען אַ נעהם־טאָן וועלען גלייך ערשיינען די עשו׳ס מיט זייערע „אויסנאַמס געזעצען״, וואָס וועלען שטערען די יעקב׳ס יעדער ריהר און יעדער באַוועגונג; מ׳וועט שאַפען פאַר זיי אַ „תחום המושב״, דאָ מעגט איהר יאָ וואוינען און דאָרט ניט; מען וועט זיי באַגרעניצען זייער האַנ־דעל, מיט דעם מעגט איהר יאָ האַנדלען און מיט דעם ניט.

און ווען די עשו׳ס ערשיינען פאַר די יעקב׳ס, איז: „כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלקים״, ווילט זיך יעקב׳ן אַנקוקען עשו׳ן פונקט

וישלח

„כראות פני אלקים״, ביי וועמען עס שטעהט געשריבען: „וראית את אחורי ופני לא יראו״, אין דעם פאַל זיינט איהר עשו׳ס ביי אונז אויך „כראות פני אלקים״, מיר ווילען אייך שוין אויך זעהן „מאחורי״, פון דער אַנדער זייט טיר... און כדי פטור צו ווערען פון אייך וועט די „מנחה״ (גרעפט בלע״ז) זיין דער איינציגער מיטעל צום „ותרצני״, אויף אונז צורוה־צו לאָזען... און אויב אַזוי וועט דאָך סיי ווי אונזער פאַר־מעגען אַריינפאַלען צו אייך עשו׳ס אין די הענט אַריין, טאָ צו וואָס די אומזיסטע קאָכעניש...

עשו פאַרשטעהט דעם דאָזיגען וואונק און — „ויפצר בו ויקח״ — עשו נעמט...

און אַ דאַנק אָט דעם „ויפצר־ויקח״ געלינגט יעקב׳ן עד סוף כל הדורות זיך צו ר׳עטען פון עשו׳ס הענט . . .

וישב

עדות ביהוסף שמו

ויתנהו אל בית הסוהר — ויהי שם בבית הסוהר.
(לט).

ענו בכבל רגלו ברזל באה נפשו.
(תהלים קה).

ווען מיר לייענען די דאָזיגע דראַמע פון מכירת־יוסף רופט עס ביי אונז אַרויס אַ מאָדנעם געפיהל. אַזוי פשוט, לאָזט זיך עס גאָר ניט ערקלעהרען. ווי די פאַקטען ווערען איבערגעגעבען הייסט עס אַז די גאַנצע שנאה פון די ברידער איז אַרויסגעקומען צוליעב'ן: „ויראו אחיו כי אותו אהב אביהם מכל אחיו". איז דאָך אָבער די דאָזיגע ליעבע געווען אַ נאַטירליכע. פון איין זייט איז דאָך יוסף געווען דאָס קינד פון יענער פרוי פאַר וועלכע יעקב האָט זיך אַזוי פיעל מקריב געווען: אָפּגעאַרבייט שווערע פערצעהן יאָהר ביי לבן'ען אַלס „נדן" פאַר זיין געליעבטע רחל, ווי דעמאָלט פלעגט זיין דער מנהג אַז ניט די כלה נור דער חתן האָט געדאַרפט געבען דעם נדן, אַ מנהג וואָס ווערט נאָך אויך היינט צו טאָג פראַקטיצירט ביי די מזרח פעלקער.

פון אַנדערען זייט ווידער איז דאָך יוסף געבליבען אַ יתום קטן פון זיין מוטער און יעקב האָט זיך נאַטירלעכערווייזע געדאַרפט מיט איהם אָפּגעבען מעהר ווי מיט די אַנדערע קינדער וועלכע זיינען שוין עלטער געווען און האָבען נאָך געהאַט דער מאַמען לעבען זיך. היינט טאַקע דער פאַקט וואָס „כי בן זקונים הוא לו", אַ בן זקונים כפשוטו וכמדרשו (בר חכים הוא ליה) איז דאָך דאָס אויך אַ געוועהנליכע סיבה אויף צו געווינען דעם פאַטער'ס ליעבע — טאַ פאַרוואָס האָט דערפון געדאַרפט אויסוואַקסען אַזאַ שרעקליכע שנאה וואָס זאָל פיהרען צו אַזאַ מיזאַרעבעלען אויסגאַנג?

אפילו דאָס וואָס יוסף האָט געבראַכט „את דבתם רעה אל אביהם" איז

אויך ניט געווען געגוג אורזאַך פאַר דער דאָזיגער שנאה. דען עס גלויבט זיך קוים אַז יעקב וועלכער האָט שוין אַליין געהאַט אַזאַ ביטערע ערפאַהרונג וועגען שנאת אחים, זאָל ער פאַר די קינדער איבערדערצעהלען דאָס וואָס יוסף זאָל האָבען אויף זיי געמסר׳ט און דערמיט זיין אַ גורם אויף אַרויסרופען ביי זיי שנאה און האָס! וואַרשיינליך האָבען זיי עס ערפאַהרען פון אַן אַנדער קוועלע און אויב אַזוי האָבען זיי דאָך געקענט האָבען אַן אורזאַך צו גלויבען אַז די גאַנצע זאַך איז ניט מעהר ווי אַ פלאַטקע, אַ רכילות׳ל וואָס יעמאַנד איז אויסגעגעווען צו אינטיריגירען אויס קנאה מאָטיווען און דאָמיט אונטער־גראָבען דעם שלום־בית פון דער שעהנער נאָבעלער פאַמיליע.

עס שיינט דאַריבער אַז אין הינטערגרונט פון דיזען מיסטעריעזען קאַ־פיטעל ליגט עפּעס אַזוינס פון וואָס מיר קענען פיעל לערנען, און אַט די לעהרע, וואָלטען מיר זאָגען, איז אויף׳ן געביט פון דאָס שעהנסטע וואָס דער איד פאַרמאָגט — זיין געטליכע אמונה.

דען וואָס איז דען אמונה גופא אויב ניט אַ זאַך פון מיסטעריעזען כאַ־ראַקטער. דער טערמין פון „גלויבען" דריקט דאָך מיט זיך אויס אַזעלכעס אין וועלכעס עס פ ע ל ט די איבערצייגונג. אין זאַכען וואָס מען איז איבערצייגט דאַרף מען דאָך ניט גלויבען דאָרט איז דאָך פאַראַן „ידיעה" און וואו י ד י ע ה דאַרף דאָך ניט זיין קיין א מ ו נ ה.

ידיעה וואָס מיינט איבערצייגונג איז אַ זאַך וואָס קומט ש פ ע ט ע ר ווערענד „אמונה" קומט פ ר י ה ע ר. איבערצייגונג קומט ווען דאָס ערוואַרטעטע ווערט שוין אַ געשעהעניש, אַ פאַקט, ווען עס איז שוין אַ „דבר שבא לעולם", אמונה אָבער באַציהט זיך אויף אַ זאַך וואָס דאַרף ערשט קומען, אויף אַ „דבר ש ל א בא לעולם".

זעהט מען אַ סך מאָל זאַכען וואָס קוקען אויס אין גאַנצען אומפאַרשטענד־ליך און רופען צומאָל אַרויס אונצופרידענהייט, פאַרדרוס און תרעומות און דער דאָזיגער פאַרדרוס און תרעומות איז טאַקע געצילט כלפי שמיא, כלפי השגחה־עליונה. קומען קומט עס אָבער דערפון וואָס מען באַזיצט ניט די געהעריגע מאָס פון אמונה. וואָלט די אמונה געווען אַ פעסטע וואָלט מען ניט געווען קיין „מהרהר אחרי מדותיו של הקב"ה" און מ׳וואָלט פאַרשטאַנען אַז „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" און אַז געוויס איז דאָס וואָס מען זעהט איצט ניט מעהר ווי אַ פאַר־שפּיעל צו דאָס וואָס דאַרף ש פ ע ט ע ר

געשעהן, און אויב דאָס איצטיגע קוקט אויס אומצופרידענשטעלענד וועט זיך עס אָבער ענדיגען צום גוטן; אויב עס איז דער „ראשיתך מצער" וועט אָבער זיין דער „אחריתך" — ישגא מאד".

און באַזיצט מען אַזאַ אמונה דאַן איז אויס תרעומות און אויס פאַרדרוס.

ביידע, סיי דוד און סיי שלמה, האָבען עס געבראַכט צום אויסדרוק אין צוויי פסוקים פון תהלים און קהלת. דוד זאָגט: „ואני תמיד איחל", איך טהו שטענדיג האָפען אויף'ן „שפעטער", און דאַן ווען דער שפעטער קומט איז „ה ו ס פ ת י על תהלתך" (תהלים עא). געגלויבט גאָט האָב איך פריהער אויך אפילו ווען דאָס געשעהענע האָט אויסגעקוקט צו זיין פון אַ ניט־גינסטיגען כאַראַקטער, ווייל איך האָב אויך דעמאָלט געגלויבט אַז עס וועט זיך ענדיגען צום גוטען. ווען אָבער די ענדע איז געקומען און דער „לטב עביד" איז געוואָרען אַ פאַקט דאַן „ ה ו ס פ ת י על תהלתך", איז מיין לויב „פאַרמעהרט" געוואָרען...

שלמה ווידער זאָגט: „אל תבהל את פיך ולבך אל ימהר להוציא דבר לפני האלקים" (קהלת ה). זיי ניט צו־איבעראײלט אַרויסצוטראָגען אַ זיג־דיגען וואָרט אָדער אַ זינדיגע מחשבה געגען די השגחה, האָב אָביסעל געדולד ביז די איבערצייגונג וועט קומען...

די ענדע פון דער יוסף־דראַמע האָט פעסטגעשטעלט די דאָזיגע פונדאַ־מענטאַלע אמונה. עס איז דאַן קלאָהר געוואָרען אַז „נסתרים דרכי ה'" און אַז די אַלע פריהערדיגע פאַסירונגען וואָס האָבען בשעתם אַרויסגערופען פאַרדרוס און אומצופרידענהייט זיינען אָבער געווען ניט מעהר ווי אַ פאַר־שפיעל צו דאָס שפעטער געשעהענע.

געוויס! ניט ער אַליין, יוסף, און ניט וועֶר פון די ברידער האָבען געקענט פאָראויס זעהן די אַנטוויקלונגען און דעם קלימאַקס מיט וואָס די געשיכטע וועט זיך ענדיגען. אָבער ער, יוסף, די סאַמע טראַגישע פיגור אין צענטער פון דער דראַמע, האָט ניט מתרעם געווען, איז ניט געווען קיין „מהרהר אחרי מדותיו"; ער האָט אַלץ מקבל באהבה געווען און אינסטיק־טיוו געפיהלט דעם „כל מה דעביד לטב עביד" ווי ער האָט עס אַם ענדע אַליין דייטליך אונטערשטראָכען: „ואתם חשבתם עלי רעה אלקים חשבה לטובה".

ווי עס האָט זיך נאָכהער אַרויסגעצייגט איז דאָך דער גאַנצער ענין

וישב

פון מכירת יוסף געווען ניט מעהר ווי דער „פראלאג” צום קאפיטעל גלות־מצרים; און אנגעפאנגען האט זיך עס אין אמת׳ן ניט מיט די ברידער נור מיט יעקב׳ן אליין. ער, יעקב, האט געשריבען די איינלייטונג צו דער דראמע מיט זיין: „וישלחהו מעמק חברון” אויף וואס חז״ל זאגען: „א״ר אחא הלך להשלים אותה עצה העמוקה שנתן הקב״ה לאברהם אבינו שהיה קבור בחברון — ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה” (ב״ר פד).

איז קענטיג געווען דער רצון פון די השגחה עליונה אז יוסף זאל זיין דער ערשטער שליח פאר דער דורכפיהרונג פון דער דאזיגער מיסיע. מ׳האט געדארפט האבען אזא וואס מען זאל זיין זיכער אז ער וועט דעם עקזאמען אויסהאלטען און וועט חלילה ניט זיין קיין „מתרעם על מדותיו”.

פיהרט זיך דאך אזוי אויך אין ערדישען לעבען. פאר א מוסטער און סאמפעל שטעלט מען שטענדיג ארויס דאס שטארקסטע און דאס בעסטע. דער סוחר פון טעפ צום ביישפיל וועט זיין קונה אימער צייגען אלס מוס־טער דעם שטארקסטען טאפ וואס פרובירענדיג זיין גאנצקייט מיט׳ן פינגער־קלאפ וועט זיכער אויסהאלטען די פראבע; דער פרוכט הענדלער וועט אלס מוסטער שטענדיג צייגען די בעסטע און שעהנסטע פרוכט, כדומה דער קרע־מער, דער שוסטער אד״ג.

כביכול דער רבש״ע פיהרט זיך אויך אזוי: „ה׳ צ ד י ק יבחן”. דארט וואו מ׳דארף מאכען א פראבע, מאכט ער עס מיט א „צדיק” אויף וועמען מען קען זיך פארלאזען אז ער וועט די פראבע ערפאלגרייך אויס־האלטען. דען דער ע ר ש ט ע ר איז דאך אלעמאל מאסגעבענד פאר די נאכפאלגענדע דארף ער דעריבער זיין דער שטארקסטער און דער גע־זיכערטסטער.

איז עס אין פולער איינקלאנג מיט דער דרשת חז״ל אויף׳ן פסוק: „נורא אלקים ממקדשיך — אל תקרי ממקדשיך אלא ממקודשיך, כשהקב״ה עושה דין עם הצדיקים הוא מתירא ומתעלה ומתקדש (זבחים קטו). אום צו זיין א „עושה דין” און פונדעסטוועגען זאל דאך זיין „מתעלה ומתקדש” מוז עס נור זיין „עם הצדיקים” אזעלכע וואס וועלען דעם עקזאמען אויסהאלטען. און ביי יוסף׳ן איז טאקע דער „מתעלה ומתקדש” דעמאנסטרירט געווארען אויף׳ן שעהנסטען אופן ווען פרעה אליין האט אינספירירט אויסגערופען: „הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו”!

וואָרט און צייט

קלינגט טאַקע זעהר ריכטיג רשי"ס באַמערקונג אויף'ן ערשטען פסוק פון היינטיגער סדרה: „וישב יעקב — בקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רוגזו של יוסף". אין אמת'ן האָט נאָך יעקב געדאַרפט איצט זיצען „בשלוה", די צייט פאַר דער פאַרווירקליכונג פון דעם „ועבדום וענו אותם" איז נאָך אייגענטליך ניט געקומען, ס'איז אָבער געווען „ ק פ ץ עליו רוגזו של יוסף". די ערשיטערונג פון מכירת־יוסף איז געווען בבחינת „קפיצה" — פאַר דער צייט, ווייל יוסף איז דאָך, ווי געזאָגט, נור געווען אַלס „מוסטער" פון דעם „ועבדום וענו אותם" און אַ מוסטער ווייזט מען אין מעהרסטע פאַלען דעם קונד אַ סך פריהער איידער דער גאַנצער אָרדער ווערט גע־ליפערט..

איז עס טאַקע אַ גרויסער געטליכער קאָמפּלימענט פאַר יענעם וואָס ווערט אויסגעקליבען ביי דער השגחה עליונה צו זיין דער מוסטער און מאָדעל. האָט שוין דעם דאָזיגען קאָמפּלימענט דוד המלך פאַרצייכענט אויף יענעמס חשבון ווען ער האָט געזאָגט: „אשרי הגבר אשר שם ה' מבטחו" (תהלים מ) און דער מדרש קאָמענטירט דאַרויף און זאָגט: „זה יוסף" (ב"ר פט).

וואָלט דאָך אייגענטליך געווען מעהר גראַמאַטיקאַליש ווען עס שטעהט „אשר שם בה' מבטחו" ווי עס שטעהט אויף אַן אַנדער פּלאַץ „אשרי הגבר אשר יבטח בה'"? איז אָבער אפשר דאָ פאַראַן אַן אַנדער כונה. עס מיינט דאָ ניט צו באַצייכענען דעם בטחון פון מענש אין גאָט, נור פאַרקעהרט: דעם בטחון פון גאָט אין מענש... און עס ווערט אַזוי אויסגעטייטשט: „אשרי הגבר — גליקליך אין דער מענש — אשר שם ה' מבטחו", וועמען גאָט האָט באַשטימט פאַר זיין פאַרטרויענסווערטען פאַר זיין „נאמן" אויף וועמען ער קען זיך פאַרלאָזען.

און דאָס שטעלט דער מדרש צו צו יוסף'ן וועלכער איז דאָס ווירקליך געווען און האָט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען פון אלף ביז תי"ו. קוים האָט ער געזעהן אַז דאָס איז דער רצון פון דער השגחה, איז ניט נור וואָס ער האָט ניט חלילה מתרעם געווען נור אדרבה ער האָט נאָך מצרף געווען זיין איי־גענעם רצון צום רצון־הבורא, אַזוי אַז ס'זאָל ניט זיין בעל־כרחו'דיג נור מיט'ן אמת'ן רצון. אַזוי למשל דערצעהלט דער פסוק: „ויתנהו אל בית הסוהר — ויהי שם בבית הסוהר". איז דאָך דאָ אייגענטליך אַ כפל לשון? אָבער דאָ ווערט אונטערשטראָכען דער דערמאָנטער כאַראַקטער שטריך אין יוסף'ס

וישב

אמונה אז ווען עס איז געווען „ויתנהו אל בית הסוהר״, מ׳האָט איהם אַריינ־געזעצט אין תפיסה, איז גלייכצייטיג אויך געווען „ויהי שם בבית הסוהר״ ווי ער וואָלט דאָרט אַליין אַריין מיט אַן אייגענעם רצון, ניט דורך אַ „ויתנהו״ נור דורך אַ „ויהי״, ווייל זיין אמונה האָט איהם געשטויסען פאָרוועךטס זייענדיג איבערצייגט אַז דאָס גוטעס וועט שפּעטער קומען.

דער זעלבער געדאַנק ווערט מעהר אויספיהרליך אויסגעדריקט אין דעם פסוק: „ענו בכבל רגלו ברזל באה נפשו עד עת בא דברו שלח מלך ויתירהו״ (תהלים קה). בשעת ס׳איז געווען „ענו בכבל רגלו״ אַנדערע האָבען זיין פוס אין קייטען איינגעשמידט איז דאַמאָלט אויך געווען „ברזל באָה נפשו״, זיין נפש, זיין „רצון״ האָט זיך גלייכצייטיג אויך איינגעשמידט אין דעם אייזען ווייל ער האָט פעסט געגלויבט אַז דאָס איז בלויז אַ פאַר־שפּיעל „עד עת בא דברו שלח מלך ויתירהו. ער האָט געגלויבט אַז דער „ויתירהו״ וועט ענדליך קומען...

און ווי שעהן קלינגט דעריבער דער דערמאָנטער ציטירטער מדרש: „הלך להשלים אותה עצה העמוקה שנתן הקב״ה לאברהם אבינו שהיה קבור בחברון, ועבדום וענו אותם״. יוסף איז געווען דער מוסטער מיט וועמען די פּראָבע פון דעם „ועבדום וענו אותם״ האָט געדאַרפט געמאַכט ווערען, און אויב אַלס מוסטער האָט דאַך די גאַנצע פּראָבע מיט איהם געדאַרפט געמאַכט ווערען, ניט בלויז דער טייל פון „וענו אותם״ נור אויך דער צווייטער טייל פון „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול״... און מיט יוסף׳ן איז דאַך טאַקע אַזוי געווען. מיט איהם איז טאַקע די ג אַ נ צ ע פּראָבע געמאַכט געוואָרען: דער „ענו בכבל רגלו״ האָט פּרעזענטירט דעם „ועבדום וענו אותם״ וועהרענד דער „שלח מלך ויתירהו״ האָט פּרעזענטירט דעם „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול״...

איז ווי געזאָגט דער דאָזיגער קאַפּיטעל איינער פון די ערהאַבענסטע אין דעם סטודיום פון אמת׳ע אמונה. מעגען די געשעהענישען אין אָנפאַנג זיין אומפאַרשטענדליך און אַרויסרופען פיעל תמיהות, טאָר מען פונדעסט־וועגען ניט בלייבען סקעפּטיש, מען דאַרף בליקען צום צוקונפט. דער לעבענס־גאַנג דאַרף געהן אין דער ריכטונג פון „פריהער־צו־שפּעטער״ און ניט פאַר־קעהרט — פון „שפּעטער־צו־פריהער״. אין ערשטען פאַל איז מען אַ מאמין, אין צווייטען פאַל — ניט.

וואָרט און צייט

און ווען יתרו האָט דעמאָנסטרירט זיין אמונה נאָכ'ן „וישמע יתרו את כל אשר עשה", האָט ער געזאָגט: „עתה ידעתי כי גדול ה'", און רש"י גיט דערצו אַ פּאַרטרעפליכע קאָמענטירונג: „מכירו הייתי לשעבר ועכשו ביותר". ביז איצט האָב איך געקענט די געטליכקייט בלויז דורכ'ן „לשעבר" קוקענדיג אויף דאָס וואָס איז שוין געווען, ס'איז ביי מיר געווען „ויבא יתרו" נאָכ'ן „וישמע את כל אשר עשה" — „ועכשו ביותר". איצט אָבער האָב איך שוין דערגרייכט אַ העכערע מדרגה, אַ מדרגה פון אַן אמת'ן מאמין וואָס זיין אמונה איז ניט באַרוהט אויף'ן „לשעבר" נור אויך אויף'ן „לעתיד"...

איז דער קאַפּיטעל מכירת־יוסף אַ וואונדערבאַרע לעקציע אין הלכות אמונה!

מקץ

האמונה והפגנתה לטב ולמוטב

את האלקים אני ירא.

(מב־יח).

„ודובר אמת ב ל ב ב ו וישכם ו י א מ ר !"

„מחשבה" און „מעשה" זיינען ווי באַוואוסט צוויי פאַקטאָרען וועלכע זיינען ענג פאַרבונדען איינס מיט דאָס אַנדערע. יעדער מצוה למשל ווייסען מיר איז בלויז דעמאָלט פאָלקאָם ווען עס אָפערירען ביי איהר אָט דיביידע זאַכען מיט אַמאָל. מען קען ניט יוצא זיין מיט די מצוות פון: שופר, סוכה, תפילין, ציצית אד"ג אויב מען וועט זיי מקיים זיין בלויז מיט דער מחשבה אַליין, מען מוז זיי אויך טאָן במעשה; דאַגעגען מעשה אַליין אָהן מחשבה, איז אויך ניט גענוג — „תפלה בלי כונה, כגוף בלי נשמה".

און אַזוי איז עס אויך דער פאַל ביי אַן עבירה וואָס בלויז דאַן ווען זי ווערט געטאָן סיי במעשה און סיי במחשבה, נור דאַן הייסט עס אַ ריכ־טיגע עבירה.

צו מעשה און מחשבה איז אָבער אויך פאַראַן אַ דריטער פאַקטאָר וואָס גיט אויך צו געוויכט און דאָס איז — „ד ב ו ר". מ'דאַרף ניט נור ט ר אַ כ ט ע ן און ט אָ ן נור אויך ר ע ד ע ן; צום „אמת ב ל ב ב ו" דאַרף אויך זיין „וישכם ו י א מ ר". דאָס רעדען ברענגט מיט זיך אַרויס אַ טאָפעלע פונקציע: פאַר ז י ך און פאַר י ע נ ע ם. יאָ, פאַר זיך אַליין דאַרף מען אויך נוצען דעם „דבור" כדי מען זאָל זיך אַליין קענען דערהערען. עס טרעפט אַמאָל אַז די מחשבה ווערט ביי זיך גופא אויך ניט דערהערט, זי ווערט פאַרלאָרען און דאַן קומט זי דאָך במילא אויך ניט לידי מעשה. דער „דבור" אָבער מאַכט די מחשבה צו זיין דערהערבאַר און דינט אַזוי אַרום אַלס פאַרמיטלונג צווישען מחשבה און מעשה, ער איז דער בריח התיכון וואָס איז מחבר די דאָזיגע צוויי זאַכען.

וואָרט און צייט

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט רבי אהרן קאַרלינער פאַרוואָס זיינע חסידים שרייען אַזוי שטאַרק ביים דאַווענען, קען מען דען ניט יוצא זיין מיט דאַווענען שטיל? און בכלל: פיהלט מען דען שטענדיג ווי צו שרייען, טאָ ווי קען מען דאָס מאַכען צו אַ סדר? זאָל ער דאַרויף האָבען געענטפערט: „יאָ, מ׳דאַרף אימער שרייען ביים דאַווענען, איז ממה נפשך: שרייט זיך, איז דאָך אודאי גוט, שרייט זיך ניט, דאַרף מען דאָך אודאי און אודאי שרייען למאי עס שרייט זיך ניט, שרייט מען אַזוי לאַנג ביז עס שרייט זיך שוין"...

איז דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרען אַ טיעפער חסידיש־קלאַסישער געדאַנק וואָס דריקט אויס דאָס פריהער געזאָגטע אין באַצוג צום „דבור". דורכ׳ן דבור, דערוועקט מען זיך אָדער דערשרייט מען זיך ביז מען דערהערט זיך אַליין...

אָבער מעהר וויפיל דער דבור ווירקט אויף זיך ווירקט ער אויף׳ן צווייטען. דער דבור איז אַזוי צו זאָגען דער אַגענט פון דער מחשבה וואָס פּאָפּולאַריזירט דעם געדאַנק און „פאַרקויפט" איהם אויך צו אַנדערע, און איז פון דיזען שטאַנדפונקט אַ זעהר וויכטיגער פאַקטאָר ווען עס האַנדעלט זיך אין דער גוטער זייט.

דען אין טאָן גוטעס האָט דאָך יעדער מענש אַ טאָפּעלע פליכט. עס דאַרף דאָך זיין ניט נור „ללמוד" נאָר אויך „ללמד", מ׳דאַרף דאָך זיין אַ „מזכה את הרבים" וואָס קומט הויפטזעכליך דורכ׳ן „ממני יראו וכן יעשו". אויב נישט, הייסט מען דאָך אַ גייסטיגער עגאָאיסט וועלכער שטעהט ניט העכער פון אַ מאַטעריאַליסטישען עגאָאיסט.

דער באַקאַנטער פאָלקס אויסדרוק: „אַ צדיק אין פעלץ", שטאַמט דאָך אויך פון דער דאָזיגער קריטיק געגען יענע גייסטיגע עגאָאיסטען וועלכע האָבען בלויז זיך אַליין אין זינען און פאַר אַ צווייטען קימערט זיי גאָר ניט. ווען אין הויז איז ניט געהייצט און מען פיהלט קאַלט איז דאָ צוויי וועגען ווי זיך צו באַשיצען פון די קעלט, ענטוועדער איינהייצען דעם אויווען אָדער זיך אָנטאָן אַ דיקען וואַרעמען פעלץ. אין ערשטען פאַל מאַכט מען די אַנדערע הויז מענשען אויך וואַרעם, אין צווייטען פאַל מאַכט מען וואַרעם בלויז זיך אַליין. אַ „צדיק אין פעלץ" איז אויך דער וואָס זוכט מיט זיין צדקות בלויז זיך אַליין אָנצוואַרעמען, דער צווייטער קימערט איהם ניט...

מקץ

מ׳דערצעהלט אויף רבי מאָטעלע טשאַרנאָבילער ווען ער איז אַריין אין בית המדרש און געטראָפען אַ אידען זיצען און לערנען, האָט ער געזאָגט: „ווען איך זעה אַ איד זיצט און לערענט בין איך זיך שטאַרק מחיה ווייל מסתמא לערענט ער דאָך „בשם כל ישראל״, האָב איך דאָך אויך אַ חלק אין זיין לערנען, אלא ניט, לערענט בלויז פאַר זיך, ווייל איך איהם ניט קענען מיט זיין לערנען״...

דער „דבור״ איז פאָלגליך יענער פאַקטאָר וואָס העלפט מקנה צו זיין דאָס גוטעס צו אַ צווייטען אויך.

יוסף האָט זיך אין דעם הינזיכט שטאַרק אויסגעצייכענט. ער האָט ביי יעדער געלעגענהייט געזוכט צו „פאַרקויפען״ זיין יראת־שמים צו אַ צווייטען אויך און האָט פאַר דעם צוועק איינגעשפאַנט אין דינסט דעם דבור־אַפּאַראַט. ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין „ירא שמים ב ס ת ר״ וואָס דריקט זיך אויס אין „דובר אמת ב ל ב ב ו״, נור איז אויך געווען אַ „וישכם ו י א מ ר״ און האָט אַלעמאָל דעמאָנסטרירט זיין יראַת־שמים:

> „את האלקים אני ירא״ — ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלקים״ — „הלא לאלקים פתרונים״ — את אשר האלקים עושה הראה את פרעה״ — כי נכון הדבר מעם האלקים״.

אגב האָט ער דערמיט אויך דעמאָנסטרירט דעם העכסטען גראַד פון יראת־אלקים און דעת־אלקים אַז סיי אין גוטע צייטען און סיי אין שלעכטע צייטען דאַרף מען אַלץ געדענקען אין דער השגחה־עליונה און קיינמאָל דערפון ניט מסיח דעת זיין. איז ער געווען אין בור־האסירים איז: „הלא לאלקים פתרונים״; איז ער שוין געשטאַנען אַ באַפרייטער פאַר פרעה׳ן איז ווידער: „את אשר האלקים עושה הראה את פרעה״; און ווען ער איז שוין גאָר דערהויבען געוואָרן אל רום פסגת גדולתו, איז אויך דעמאָלט: „את האלקים אני ירא״.

דערמיט איז ער געווען דער איינציגער צווישען די שבטים. די ברי־דער דאַגעגען האָבען זייער יראת־שמים בלויז פאָפולאַזירט נור דעמאָלט ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אין אַן עת צרה: „מה זאת עשה לנו אלקים״ — „האלקים מצא את ע ו ן עבדיך״ — „ועתה שא נא פ ש ע עבדי אלקי אביך״.

וואָרט און צייט

קען די דאָזיגע פּאָפּולאַריטעט ווען זי ווערט אָנגעווענדעט בלויז איינ־זייטיג, שלעכט אויסגעטייטשט ווערען און קען שאַפען דעם איינדרוק אַז בלויז אויף דאָס שלעכטע ליגט דער שטעמפּעל פון די גאָטהייט, און דאָס נאַטירליך קען ח"ו ברענגען צו „הטחת דברים כלפי מעלה".

שרייט טאַקע דאַרויף דער נביא (ירמיה ב): „כה אמר ה' מה מצאו אבותיכם בי ע ו ל כי רחקו מעלי — — ולא אמרו איה ה' המעלה אותנו מארץ מצרים — ואביא אתכם על ארץ הכרמל".

אין מ י ר — זאָגט דער נביא אין גאָט'ס נאָמען — געפינט מען נור דעם „עול"... דאָס שלעכטע — זאָגט מען — איז פון מ י ר. ווען עס קומט אָבער צו דאָס גוטע, צום „המעלה אתכם מארץ מצרים", צום „ואביא אתכם אל ארץ הכרמל", דאַ איז שוין „כי רחקו מ ע ל י — — „ולא אמרו איה ה'"...

„האומרים לעץ אבי אתה ולאבן את ילדתני כי פנו אלי עורף ולא פנים ובעת רעתם יאמרו קומה והושיענו".

דיזער לעצטער פּסוק איז זעהר אָנגעמאָסטען אויף דעם סאָרט אידישקייט וואָס מען באַגעגענט דאַ אויף דעם אַמעריקאַנער באָדען. אין גוטע און נאָרמאַלע צייטען זעהט מען זיי ניט, אַט די „קאָלאָמבוס־אידען", אין אַ מקום־קדוש; נור בלויז דעמאָלט ווען „האומרים לעץ אבי אתה", ווען זיי קו־מען צום „עץ", צום הילצערנעם טויטען־קאַסטען פון טאַטענס „לויה" שרייען „אבי אתה" אָדער „ו ל א ב ן את ילדתני", ווען זיי קומען צום „שטיין", צו אַ מצבה־אויפדעקונג שרייען את ילדתני, אַט דעמאָלט באַווייזען זיי זיך אין דער הייליגער שוהל אָדער אויף'ן „הייליגען אָרט"... אין נאָרמאַלע צייטען איז: „כי פנו אלי עורף ולא פנים", גלאָנצען זיי מיט זייער אָב־וועזענהייט, נאָר ובעת רעתם (אין ש ל ע כ ט ע צייטען) יאמרו קומה והושיענו".

יוסף אָבער האָט דעמאָנסטרירט געטליכקייט „בעת טובה כבעת רעה". ביי איהם איז געווען ווי די מפרשים טייטשען: „ויהי ה' את יוסף" (גאָט'ס נאָמען איז געווען ביי יוסף'ן, סיי ווען) „ויהי בבית אדוניו המצרי" (אין אַן עת צרה, און סיי ווען) „ויהי איש מצליח" (בעת טובה).

און פאַרשפּרייטענדיג דעם דאָזיגען יראת־שמים־געדאַנק אויף דער גאַס, האָט ער דערמיט ערפילט די פולע פליכט פון „ללמוד וללמד" וועמעס פונק־

ציע ווערט ווי געזאָגט הויפּטזעכליך דורכגעפיהרט דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם „דבור״.

„והצנע לכת עם ה׳ אלקיך — זו הוצאת המת והכנסת כלה״. סיי אין צייטען פון עקסטרעמען טרויער ווי הוצאת המת און סיי אין צייטען פון עקסטרעמען פרייד ווי הכנסת כלה, דאַרף אַלץ זיין: „לכת עם ה׳ אלקיך״.

מעגליך טאַקע אַז חז״ל האָבען די דאָזיגע דרשה גענומען פון דעם אויסדרוק „ ה׳ — א ל ק י ך ״ וואָס באַצייכענט בײדע, מדת־הרחמים און מדת־הדין, האָבען זיי דערפון גע׳דרש׳נט די צוויי זאַכען: „הוצאת המת״ וואָס ווערט רעפּרעזענטירט דורך „אלקיך״ (דין) און „הכנסת כלה״ וואָס ווערט רעפּרעזענטירט דורך „ה׳״ (רחמים).

יוסף האָט מיט זיין אַרט לעבען פּאַלגליך אויסגעטראָטען דעם וועג פאַר אמת׳ע יראת־שמים און איז אין דיזען הינזיכט אויך געווען דער „כי למחיה שלחני א ל ק י ם לפניכם״. יוסף מיט זיין „אלקים־פּאָליסי״ איז געשיקט געוואָרען אַלס וועג־ווייזער פאַר אַלע דורות, עס זאָל זיין „ממנו תראו וכן תעשו״ און אויך אויף יעדער זאַך פּראָקלאַמירען דעם: — „את האלקים אני ירא!״

ו י ג ש

הדרמה והאפילוג במכירת יוסף

אני יוסף העוד אבי חי — ולא יכלו אחיו
לענות אותו כי נבהלו מפניו.
(מה־ג).

האַלט מען שוין ביים סאַמע לעצטען אַקט פון דער דראַמע, ביים קלי־מאַקס, און מען קען זיך פאַרשטעלען ווי טראַגיש דער דאָזיגער קלימאַקס איז געווען. אָבער דאָס אויפפאַלענדסטע אין דער לעצטער סצענע איז יוסף׳ס פראַגע: „העוד אָבי חי״? דוכט זיך שוין געשטעלט איינמאָל די דאָזיגע פראַגע גלייך אין אָנפאַנג פון דיזער צווייטער באַגעגעניש: „ויאמר השלום אביכם הזקן אשר אמרתם העודנו חי״? און האָט דאַרויף באַקומען אַ קלאָהרען און דייטליכען ענטפער: „ויאמרו שלום לעבדך לאבינו עודנו חי״. דאָס זעלבע האָט זיך אויך איבערגע׳חזר׳ט עטליכע מאָל אין פאַרלויף פון יהודה׳ס לעצטען אַרויסטריט: „ועתה כבואי אל עבדך אָ ב י״ — „וחטאתי ל א ב י כל הימים״ — „כי איך אעלה אל א ב י״ — טאָ צו וואָס נאָכאַמאָל די אייגענע פראַגע?

נאָך מעהר: איצטיגעס מאָל איז איהם די פראַגע ניט געענטפערט גע־וואָרען. „ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו״, און נאָכ׳ן באַ־רוהיגען זיי איז שוין די פראַגע מעהר ניט באַריהרט געוואָרען. קענטיג אַז די ברידער׳ס ענטפער „עודנו חי״ איז פאַר יוסף׳ן געווען גענוג און איבער־צייגענד, און אויב אַזוי, נאָכוואָס ווידערהאָלען די פראַגע איצט ביים דער־קענען זיך צו זיי?

משמעות אָבער אַז יוסף האָט עס כלל ניט געשטעלט אַלס פראַגע, ס׳איז גאָר גיכער געווען אַלס ענטפער אין פאַרבינדונג מיט אַ פריהעריגען גע־שפרעך. דער פאַקט איז טאַקע אַז ביים אָנהויב פון דער איצטיגער פגישה שטעהט „ו י ש א ל להם״, איצט אָבער שטעהט שוין ניט „וישאל״ נור־

ויגש

„ויאמר" וויל, ווי געזאָגט, איז עס ניט געווען בגדר שאלה נור גראַדע בגדר תשובה.

דערצו איז אָבער נויטיג זיך מעהר אויספיהרליך באַקענען מיט'ן פריי־העריגען געשפרעך וואו יהודה האָט דאָס וואָרט און פאַרנעמט דעם אויבענאָן. פון יהודה'ס לאַנגע רעדע, פון איהר אינהאַלט אַזוי גוט ווי פון איהר טאָן איז קענטיג אַז ער האָט זיך דאָ פאַרמאָסטען אויף אַ יוריסטישען שטייגער אויסצופעכטען זיין ווערטער קאַמפף מיט דעם שטרענגען הערשער צו גונסטען בנימין'ס באַפרייאונג.

אָבער דאָס אומפאַרשטענדליכע אין דעם איז, די ניט־אויסגעהאַלטענקייט אין יהודה'ס שטעלונג אין דער גאַנצער אַנגעלעגענהייט. דוכט זיך ער, יהודה אַליין, ווען ער איז נאָך אין וועג פאַרהאַפטעט געוואָרען, האָט ער דאָן אַליין אַרויסגעגעבען אַ פסק־דין נאָך אַ פיעל שטרענגערער ווי יוסף'ס איצטער. יהודה'ס פסק האָט געלויטעט: „אשר ימצא אתו מעבדיך ומת וגם אנחנו נהיה לאדוני לעבדים"; שטעהענדיג נאָכהער פאַר יוסף'ן איז ער שוין געוואָרען עטוואָס מילדער. ער האָט אָבער אויך דאָן געזאָגט: „הננו עבדים לאדוני גם אנחנו גם אשר נמצא הגביע בידו".

טאָ וואָס האָט דאָ פלוצלונג געשען וואָס מיט אַמאָל האָט ער געביטען די גאַנצע שטעלונג, און אַרויס מיט זיין לאַנגער פאַרטיידיגונגס רעדע? דוכט זיך פאַרקעהרט: יוסף אַליין איז דאָך אין זיין אורטייל געווען פיעל מילדער פאַר יהודה'ן; ער האָט זיי דאָך אַלעמען אין גאַנצען באַפרייט און בלויז בנימין'ען געהייסען פאַרהאַלטען, איז דאָך ניט געווען קיין אורזאַך אויפצוברויזען אַזוי שטאַרק און תוך כדי דבור חרטה האָבען פון זיין אייגענעם פסק?

הפנים טאַקע אַז אַט דער מילדער פסק־דין פון יוסף'ן איז עס געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר יהודה'ס געביטענער שטעלונג און פאַר זיין לאַנגער אַראַטאַריש־יוריסטישער רעדע. און דאָס לאָזט זיך טאַקע לייכט ערקלעהרען.

ווי מיר ווייסען נאָך פון די ברידער'ס ערשטען וויזיט ווען זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרען אַלס פאַרדעכטיגע מרגלים, האָבען זיי צווישען זיך אויף זיי מצדיק דין געווען און האָבען עס אָנגענומען אַלס שטראָף „על אחינו אשר ראינו צרת נפשו בהתחננו אלינו ולא שמענו על כן באה אלינו הצרה הזאת". יעקב'ס קינדער האָבען אויפריכטיג געגלויבט אַז עס איז געווען די

וואָרט און צייט

שטראָף פון גאָט, מדה כנגד מדה. זיי האָבען יוסף׳ן פארקויפט פאר אַן עבד, דאַרפען זיי איצט צאָהלען מיט דער זעלבער מטבע. ביים סאָמע ענדע אָבער אַז יוסף האָט ניט אָנגענומען יהודה׳ס פסק פון „הננו עבדים לאדוני גם אנחנו גם אשר נמצא הגביע בידו״ און דוקא געוואָלט בנימין׳ען אַליין פאַרהאַלטען: „האיש אשר נמצא הגביע בידו הוא יהיה לי עבד ואתם עלו לשלום אל אביכם״ — דאָ האָט יהודה מיט אַמאָל דערפיהלט אַז ס׳איז אַ טעות צו דענקען אַז דאָס איז די געטליכע שטראָף פון מדה כנגד מדה, ווייל אויב אַזוי טאָ ווי קומט עס אַז זיי, די שולדיגע, זאָלען באַפרייט ווערען און גראַדע בנימין וואָס איז גאָר ניט געווען ביי מכירת יוסף און האָט אין דעם גאָר קיין האַנט ניט געהאַט, גראַדע ער זאָל דאַרפען צאָהלען די שטראָף... איז דאָך אַ סימן אַז דער איצטיגער אומגליק האָט גאָר ניט צו טאָן מיט יענע זינד, איז אויב אַזוי: —

„ויגש אליו יהודה—אדני שאל את עבדיו—מתחילה בעלילה באת עלינו״ (רש״י) ס׳איז בלויז אַ בלבול אַ צוטשעפעניש און ס׳האָט גאָר ניט צו טאָן מיט אונזערע זינד.

יהודה האָט זיך דעריבער געפיהלט פרייער און געקענט איינרייכען זיין אַפיעל וועלכער איז געווען דורכגעוועבט פון אָנהויב ביז׳ן סוף מיט סענטימענטאַליטעט און איז אין גאַנצען געווען באַזירט אויף דער פאָטער־ליכער טראַגעדיע. יהודה האָט געשפיעלט אויף די סטרונעס פון פאָטער־ליעבע און האָט אגב אויך אַרויסגעוויזען היבש יוריסטישען טאַלאַנט באַווייזענדיג די אונגעזעצליכקייט פון יוסף׳ס פסק־דין.

ס׳איז פאַראַן אַן אַלט באַקאַנטע פאָלקס מעשה׳לע וועגען צוויי געשוואָרענע פריינד וואָס איינער פון זיי איז צוליעב אַ געוויסען פאַרברעכען פאַר־משפט געוואָרען צום טויט. די עקזעקוציע האָט געדאַרפט פאַרקומען פונקט דריי טעג נאָכ׳ן אורטייל. האָט זיך דער פאַראורטיילטער אָפגעבעטען מ׳זאָל איהם ערלויבען פאַר די דריי טעג אַהיים געהן צו קענען איינאָרדנען זיין צוואה, פאַרזיכערענדיג אַז ער וועט צו דער באַשטימטער צייט זיין צוריק צו צאָהלען די העכסטע שטראָף וואָס איז אויף איהם אַרויפגעלייגט געוואָרען. אַלס גאַראַנטי האָט ער אָנגעגעבען זיין פריינד וועלכער האָט אויפריכטיג געאָפפערט זיין גרייטקייט היינגעריכטעט צו ווערען אויף זיין חבר׳ס פלאַץ אין פאַל יענער וועט ניט קומען צוריק צו דער באַשטימטער צייט. צוליב אַ

ויגש

געוויסע סיבה האָט זיך דער חבר פאַרשפּעטיגט און דערוויל האָט אָנגעיאָגט די לעצטע שטונדע. מ׳האָט גענומען מאַכן די נויטיגע הכנות פאַר דער הינריכטונג. דאָס האָט אָבער דעם חבר גאָר ניט באַאומרוהיגט, ניט געווען קענטיג אויף איהם קיין נערוועזיטעט און ווען ס׳איז געקומען די צייט פון דער הינריכטונג איז ער זיך גאַנץ רוהיג און געלאַסען געגאַנגען צו דער תליה. אין דער סאַמע לעצטע מינוט אָבער ווען דער שטריק איז שוין געווען פאַרצויגען אויף זיין פריינד׳ס האַלז, איז אָנגעלאָפען דער שולדיגער. מיט אימפּעט איז ער צוגעלאָפען צו דער תליה און גענומען רייסען דעם שטריק פון יענעמס האַלז אויף זיינעם. דאָס האָט געמאַכט אַ גוואַלדיגען איינדרוק אויף די גרויסע מאַסע וואָס איז זיך אָנגעלאָפען בייצוואוינען די עקזעקוציע, און דער קעניג וואָס איז אויך געווען דערביי האָט געהייסען דערוויל אָפּהאַלטען די הינריכטונג. ער האָט צוגערופען דעם חבר און געוואָלט פון איהם דערגעהן די סיבה פון זיין גרייטקייט צו שטאַרבען פאַר זיין פריינד; איבערהויפּט האָט דער קעניג געוואָלט ער זאָל איהם ערקלעהרען פון וואַנען עס קומט אַזא רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט דעמאָלט ווען דער טויט איז איהם געשטאַנען צו קאָפּענס. דאַרויף האָט איהם דער פריינד געענטפערט: „אדוני המלך, ס׳איז גאַנץ פּשוט. מיר זיינען אַזעלכע פריינד וואָס קענען ניט לעבען איינער אָהן דעם אַנדערען, ס׳איז מיר דעריבער אַלץ איינס געווען ווער פון אונז עס וועט געהן צו דער תליה, דער צווייטער וואָלט איהם סיי ווי נאָכגעגאַנגען ווייל אַליין בלייבען לעבען אויף דער וועלט וואָלט געווען אוממעגליך פאַר אירגענד וועלכען פון אונז״.

דערהערענדיג אַזעלכע דבורים, האָט דער קעניג אין גאַנצען בטל גע־מאַכט דעם פּסק־דין. ער האָט עס מאָטיווירט דערמיט וואָס דער אורטייל איז בלויז אויף איינעם אַרויסגעגעבען געוואָרען און אויב דורכדעם זאָל אויך אַן אונשולדיגער דאַרפען ליידען וואָלט עס געווען דער גרעסטער אומרעכט.

יהודה האָט זיין גאַנצען אַפּיעל אויך געבויט אויף די זעלבע יסודות אויפצייגענדיג יוסף׳ן אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט בלויז אין דעם שולדיגען בנימין׳ען נור אויך אין דעם אונשולדיגען טאַטען ביי וועמען עס איז „ונפשו קשורה בנפשו״, און קוים וועלען מיר צוריק קומען אָהן בנימין׳ען איז „והיה

וואָרט און צייט

כראותו כי אין הנער — ומת״, און אויב אַזוי באַשטראָפסטו דאָך אַן אומ־שולדיגען מענשען און דאָס איז דאָך ניט געזעצליך.

איז עס ווירקליך געווען אַ העכסט געלונגענער פאַרטיידיגונגס אַקט. דאָס האָט אָבער יוסף׳ן שרעקליך אויפגעבראַכט: „ולא יכול יוסף להתאפק״. מעהר האָט זיך שוין יוסף ניט געקענט קאָנטראָלירען און איז אַרויסגעקומען מיט אַן ענטפער אָפּצושלאָגען יהודה׳ס אַרגומענט: „ויאמר יוסף אל אחיו אני יוסף העוד אבי חי״! דער גאַנצער יסוד פון דיין אַרגומענטאַציע, יהודה, איז דאָך פאַלש. דו זאָגסט אַז דער טאַטע אַזוי שנעל ווי ער וועט זעהן אַז בנימין איז ניטאָ וועט ער שטאַרבען, אָבער: זאָג מיר נור יהודה, ווער איז געווען דעם טאַטענ׳ס ליעבלינג, ניט „אני יוסף״, דער קרבן פון דעם „כתנת פסים״ וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון „וישראל אהב את יוסף מ כ ל בניו״, און דאָך — „העוד אבי חי״! לעבט ער נאָך אַלץ, כאָטש פון דאַן אָן זיינען שוין אַריבער מעהר פון צוויי צעהנדליג יאָהר אַז ער האָט מיר ניט געזעהן און דאָ קומסטו און זאָגסט אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט ניט זעהן בנימין׳ען וועט ער שטאַרבען?!

„ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו״, דאַרויף האָבען זיי טאַקע ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען, עס איז געווען נסתמו טענותיהם. מיט די פינף געצעהלטע ווערטער האָט יוסף צוקלאַפּט יהודה׳ס גאַנצע לאַנגע רעדע. אָבער סיי ווי איז שוין דער איינפלוס פון דער רעדע ניט נויטיג געווען, ווייל דאָ איז שוין מיט אַמאָל דער גאַנצער פּלאַנטער קנויל אויפגע־וויקעלט געוואָרען. די דראַמע איז צו ענדע און דער פאָרהאַנג פאַלט...

**
*

דעם עפּילאָג צו דער דאָזיגער דראַמע שרייבט אָבער רבי אבא כהן ברדלא אין מדרש פון דער היינטיגער פרשה ווען ער פאַרקירעוועט זיך אין דער מוסר־גאַס פאַנגט אָן מיט אַ טאָן פון אַ שטרענגען מוכיח. ער זאָגט:

„אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום תוכחה—יוסף קטנן של שבטים היה ולא היו יכולים לעמוד בתוכחתו הה״ד ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו. לכשיבא הקב״ה ויוכיח לכל אחד ואחד לפי מה שהוא — על אחת כמה וכמה״.

ויגש

אין יוסף׳ס תוכחה: „העוד אבי חי״ זעהט רבי אבא כהן ברדלא אויך אַ שטאַרקען פאַרוואורף פאַר אַלע מאָדערנע יוסף׳ס וואָס ווערען פאַרוואָרפען אין די פאַרשידענע מאָדערנע מצרים׳ס און פאַרגעסען דאָרטען אין גאַנצען אין זייער אַלטען טאַטען יעקב. אָט די מאָדערנע יוסף׳ס דאַרפען זיך אַליין שטעלען די דאָזיגע פראַגע: „העוד אבי חי״? לעבט נאָך דער אַלטער טאַטע אין אונז? אָט דער ליעבער טאַטע מיט וועמען מיר שטאָלצירען אַזוי שטאַרק, וועמעס נאָמען מיר דערמאָנען מיט אַזאַ יראת הכבוד, דערצעהלען נאָך מיט אַזאַ דרך ארץ זיינע גוטע מעשים, יחס׳נען זיך מיט זיין תורה, מיט זיין יראת שמים, מיט זיינע גוטע מדות — אָט דער טאַטע לעבט ער נאָך אין אונז אויך? דערקענען מיר אין אונז אַז מיר זיינען טאַקע זיינע קינדער? געהען מיר נאָך אין זיינע וועגען וואָס ער האָט פאַר אונז אויסגעטראָטען, און זיינען נאָך זיינע טראַדיציעס ביי אונז הייליג און טייער?

ווען מיר וואָלטען זיך שטעלען די דאָזיגע פראַגע וואָלטען מיר פילייכט אויך געבליבען אַנטוישט און פאַרשעהמט. ביי אונז וואָלט אפשר אויך געווען „ולא יכלו לענות אותו כי נבהלו מ פ נ י ו״; מיר וואָלטען זיך דערשראָקען „מ פ נ י ו״, פאַר דעם „דמות דיוקנו של אבא״...

קינדער זיינען דער שפיגעל פון דעם טאַטען. אין זיי דאַרף זיך אָפּ־שפיגלען דעם טאַטענס גייסטיגער געזיכט. ס׳דאַרף זיין „קלסתר פניו של יצחק דומה לשל אברהם״.

ניט אַלע שפיגלען זיינען אָבער גלייך. פאַראַן גרויסע שפיגלען אין וועלכע עס שפיגעלט זיך אָפּ דער גאַנצער מענש פון קאָפּ ביז די פיס. פאַראַן אָבער קלענערע שפיגלען וואו בלויז אַ האַלבער קערפּער קען זיך אַרויסזעהן; און פאַראַן גאָר קליינע אין וועלכע מען קען בלויז זעהן דעם געזיכט און צומאָל ניט מעהר ווי אַ טייל פון געזיכט.

אמת׳ע גוטע קינדער זיינען די גרויסע פול־מאָסיגע שפיגלען אין וועמען עס שפיגעלט זיך אָפּ דער אַלטער טאַטע במלא קומתו, מיט זיין תורה, חכמה, פרומקייט און מדות טובות. פאַראַן אָבער קינדער אין וועמען עס שפיגעלט זיך שוין בלויז אָפּ אַ טייל פון דעם טאַטענס פיזיאָנאָמיע, און פאַראַן נאָך קלענערע ביי וועמען עס איז שוין קוים קענטיג עטוואָס פון יענעם דמות דיוקנו של אבא; עס זיינען אָבער ליידער אויך פאַראַן

וואָרט און צייט

אַזעלכע וואָס „נבהלו מפניו״, זיי דערקענען שוין גאָר ניט דעם טאַטענס פנים, ער איז צו זיי אין גאַנצען פרעמד, אומבאַקאַנט...

אַט צו די אַלע „קליינגעוויקסיגע״ קינדער, די „קטנן של שבטים״ ווענדעט זיך דער מוכיח רבי „אבא״ אין געשטאַלט פון דעם דמות דיוקנו של אבא און זאָגט: „לכשיבא הקב״ה ויוכיח לכל אחד וחד לפי מה שהוא״, ווען מען וועט יעדען איינעם מוכיח זיין לויט זיין שפיגעל־מאָס, למאי ער איז געבליבען דער „קטנן של שבטים״ און ניט אויסגעוואַקסען צו דער גרויסער הויך פון זיין טאַטען — על אחת כמה וכמה, וועט דאַן געוויס זיין „ולא יכלו לעמוד בתוכחתו״...

גיט דער דאָזיגער עפּילאָג פון רבי אבא כהן ברדלא געוויס צו פאַרב צו דער גאַנצער דראַמע. די סצענע איז שוין טאַקע געענדיגט, די העלדען שוין פאַרשוואונדען פון דער ביהנע, אָבער דער איינדרוק איז נאָך אַלץ פאַרבליבען. עס זשומען נאָך אין די אויערן די לעצטע קלאַנגען פון די ליריש־דראַמאַטישע טענער מיט וועלכע דער פאַרהאַנג איז אַרונטער גע־פאַלען —

ה—ע—ו—ד אָ—ב—י ח—י!!!

ויחי

זקנה, יסורים וחולי

ויאמר ליוסף הנה אביך חולה.
(מח־א).

אברהם תבע זקנה אמר לפניו רבש"ע אדם ובניו נכנסים למקום אחד אין העולם יודעים למי יכבד ומתוך שאתה מעטרו בזקנה ושיבה אדם יודע למי מכבד. א"ל הקב"ה חייך דבר טוב תבעת וממך הוא מתחיל. מתחלת הספר ועד כאן אין בו זקנה וכיון שעמד אברהם אבינו נתן לו זקנה ה"ד ואברהם זקן.
(ילקוט כד־קה).

לויט דעם דאָזיגען ציטירטען מאמר הייסט עס אַז אברהם אבינו האָט פאַרלאַנגט ביים רבש"ע זקנה אום דאָמיט זאָל מען קענען אונטערשידען צווישען טאַטען און זוהן, און מכבד זיין דעם טאַטען מעהר פאַר'ן זוהן און דער רבש"ע האָט אַנערקענט דעם פאַרלאַנג אַלס גערעכטען און האָט די בקשה ערפילט.

לאָזט זיך עס אָבער שווערליך פאַרשטעהן. אברהם, דער מוסטער פון „ענִיוּת" (הי חסיד הי עניו מתלמידיו של אברהם אבינו) זאָל ע ר גאָר פאַרלאַנגען אַ מיטעל דורך וועלכען צו קענען זיך ערווערבען כ ב ו ד ? איבערהויפּט ווען דאָ האַנדעלט זיך וועגען טאַטען און זוהן און עס שאַפט זיך דער איינדרוק פון אַ מין קנאה טאָמער וועט דעם זוהן מעהר כבוד צוגעטיילט ווערען ווי דעם טאַטען. איז עס דאָך אין געגענזאַץ צום פעסטגע־שטעלטען כלל אַז „בכל מתקנאין חוץ מ ב נ ו ותלמידו" ?

און בכלל אויב ביז אברהם'ן איז ווירקליך קיין זקנה ניט געווען, איז דאָך אַ פאַרלאַנג פאַר דעם אַ מין אויסזעצונג געגען די בריאה ווי זי וואָלט ניט געווען פאַלקאָם און נויטיגט זיך אין אַ תקון און חלילה אַזעלכעס צו דענקען אויף אברהם אבינו ?

וואָרט און צייט

די פּראַקטיק פון לעבען ווידער ווייזט גראַדע דעם היפך. זקנה איז גאָר ניט אַזאַ טייערער אַרטיקעל נאָך וועלכעס מען דאַרף זיך אַזוי שטאַרק יאָגען. אין געגענטייל, ס׳איז גאָר אַ היבשער חסרון און דורך איהר, די זקנה, שטויסט מען זיך אָן אויף אַ סך מכשולים אין לעבען. קומט מען למשל זוכען אַרבייט אין אַ שאָפּ, אין אַ פאַבריק אָדער אַנדערשוואו שטעהט די זקנה אין וועג; מעג מען זיין דער בעסטער בעל־מלאכה קוים האָט מען שוין דערגרייכט די עלטער וועט עס זיין אַ היבשע שטערונג צו קענען קריגען אַרבייט. צו אַ שידוך איז עס דאָך אודאי אַ חסרון, און פאַר קיין סאָלדאַט טויג מען דאָך אויך ניט, טאָ צו וואָס די יאָגעניש נאָך דעם?

ווי ווייט די עלטער ווערט באַטראַכט אַלס חסרון, פּשוט אַלס מום, באַווייזט דער פאַקט וואָס מיר האָבען שוין היינט אַ גאַנצע אינדוסטריע פון פאַברי־צירטע „פאַראינגערונגס״ מיטלען אויף צו פאַרדעקען די עלטער...

אמת, דאָ אין אַמעריקא האָט זיך דער קורס פון „זקנה״ לעצטענס אַבי־סעל אַ הויב געטאָן אַ דאַנק דעם „סאָשיעל סעקיוריטי״ געזעץ לויט וועלכען דערגרייכענדיג צו אַ באַשטימטען עלטער באַקומט מען שוין אַ געוויסע פענסיע פון דער שטאָדטישער קאַסע; ביי אברהם׳ן אָבער האָט דער פאַל ניט געקענט זיין, ווייל לויט זיין עשירות וואָלט ער געוויס גע׳פסל׳ט גע־וואָרען דורך די אינוועסטיגאַטאָרען און די דאָזיגע פּריווילעגיע וואָלט איהם זיכער ניט געגעבען געוואָרען... איז דאָך הדרא קושיא לדוכתיה, נאָכוואָס אַזוי שטאַרק פאַרלאַנגען זקנה?

דערמיט איז אָבער דער מדרש נאָך ניט פאַרטיג. פון אַברהם׳ן געהט ער איבער צו יצחק׳ן און זאָגט:

> יצחק תבע יסורים — — אמר לו הקב״ה חייך דבר טוב תבעת וממך הוא מתחיל. מתחלת הספר עד כאן אין כתיב יסורים וכיון שעמד אָבינו יצחק נתן לו יסורים דכתיב ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות. (ילקוט שם)

איז יצחק׳ס פאַרלאַנג אויף יסורים אויך ניט אין אַנקלאַנג מיט כמה וכמה מאמרים לויט וועלכע „געהויבענע״ אידען האָבען זיך גרייליך ניט אַזוי שטאַרק געיאָגט נאָך דעם. ביי זיי איז גאָר אדרבא די לאָזונג געווען אַז „לא הן ולא שכרן״?... און ווען דער רבש״ע זאָגט איהם „ח י י ך

דבר טוב תבעת״, איז גראַדע אָט דער „דבר טוב״ מיט׳ן „חייך״ ניט אַזאַ פּאַסענדער זיווג. יסורים מיט לעבען זיינען גאָר אַ תרתי דסתרי ווייל: „שלשה ח י י ה ם אינם חיים ואחד מהם מי שיסורים מושלים עליו״ (ביצה לב). איבערהויפּט די יסורים אין יצחק׳ס פאַל וואָס איז געווען „בלינדקייט״ ווערט דאָך בפירוש געזאָגט: „סומא חשב כמת״ (נדרים סד), טאָ ווי גראַמט זיך עס מיט׳ן „חייך״ ?...

צום שלוס קומט דער מדרש צו יעקב׳ן און זאָגט:

> יעקב תבע את החולי אמר לפניו רבון העולמים אדם מת בלוא חולי אינו מיישב בין בניו ומתוך שהוא חולה שנים או שלשה ימים הוא מיישב בין בניו אמר לו חייך דבר טוב תבעת וממך הוא מתחיל הה״ד ויגד ליוסף הנה אביך חולה (שם).

מיט יעקב׳ן איז שוין אַביסעל אַנדערש דער פאַל. ער האָט שוין אונטערשטראָכען „שנים או שלשה ימים״. דאָס איז שוין מעהר פאַרשטענדליך. קראַנקהייט איז טאַקע אויך ניט פון די זאַכען נאָך וועלכע מען דאַרף זיך אַזוי נאָכיאָגען און אין אונזערע תפלות בעטען מיר גראַדע דעם היפך: „והסר ממני ומכל עמך בית ישראל כל מיני חולי וכל מיני מדוה״ און — „רפאנו ה׳ ונרפא״, אָבער ווען עס האַנדעלט זיך בלויז וועגען „ב׳ וג׳ ימים״ פאַר דעם שטאַרבען האָט עס שוין יאָ אַ זין, איבערהויפּט ווען דער מאָטיוו איז צו זיין אַ „מיישב בין בניו״.

מיט וואָס אָבער ערקלעהרט זיך די בקשה פון אברהם׳ס זקנה און יצחק׳ס „יסורים״ ?

עס שיינט אָבער אַז אַלע דריי אבות האָבען געציעלט צו איין זאַך און איין הויפּט־געדאַנק איז געשטאַנען אין צענטער פון זייערע בקשות.

עס האָט זיך דאָ קענטיג געהאַנדעלט וועגען דעם תכלית פון לעבען און וועגען די מיטלען דורך וועלכע מען זאָל דעם דאָזיגען תכלית קענען דערגרייכען.

דער מענש אין זיין מהות איז דאָך אַ הרכבה פון ג ו ף און נ פ ש וועלכע אין זייער באַהעפטונג קומען ביידע אויף דער וועלט אין איין צייט; ווערהענד אָבער דער גוף קומט פאָלקאָם מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים ושס״ה גידים, איז אָבער מיט דער נשמה ניט דער זעלבער פאַל. זי, די נשמה, דאַרף

וואָרט און צייט

ערשט דאָ אויף דער וועלט פאַרפאַלקאָמט ווערען; דאָ דאַרף זי ערשט איהר תקון קריגען.

און נאָך עפּעס: פאַר׳ן גוף און פאַר זיינע אַלע באַדערפעֿנישען דאַרף אייגענטליך דער מענש אַליין גאַר ניט זאָרגען, וויל: „מאן דיהיב חיי יהיב מזוני״ און דער ענין פרנסה איז דאָך, לויט חז״ל, אין גאַנצען בידי הקב״ה: „ואמר ר״י קשין מזונותיו של אדם יותר מן הגאולה דאילו בגאולה כתיב המלאך הגואל אותי מכל רע, מלאך בעלמא ואילו במזונות כתיב האלקים הרועה אותי״ (פסחים קיח). פאַר די צרכי הנפש אָבער דאַרף דער מענש אַליין זאָרגען וויל: „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים״.

און טאַקע דערפאַר וואָס די עניני הנפש זיינען איבערגעגעבען צום מענשען אַליין, מוזען זיי דאַריבער דורכמאַכען אַ פּראָצעס פון אַנטוויקלונג; מען דאַרף „האַרעווען״ אויף אידישקייט און שטייגען ממדרגה למדרגה. דאָס איז דאָך אייגענטליך דער אונטערשיד צווישען מענש און בהמה און וועהרענד ביי דער בהמה איז: „שור בן יומו קרוי שור שנאמר שור או כשב או עז כי יולד״ איז אָבער ביים מענש ניט אַזוי, ביים „כי יולד״ איז ער נאָך ניט בבחינת מענש. עס דאַרף נעהמען היבש צייט ביז ער ווערט רייף און גרייכט דעם ציעל פון „כי לכך נוצרת״.

די צרה איז אָבער וואָס מען פאַרבייט די יוצרות. אויף די אינטערעסען פון גוף וואו די יגיעה איז, ווי געזאָגט, גראַדע ניט אַזוי נויטיג, דאַרט איז די יגיעה גאַר אַ שטאַרקע און די יגיעה פאַר די נשמה אינטערעסען ווערט ליידער היבש פאַרנאַכלעסיגט.

מאַכט טאַקע שלמה המלך דאַרויף אַ שטאַרקען פאַרוואורף ווען ער זאָגט: „אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה״ (משלי ב), הלואי וואָלט מען באַנוצט יגיעה פאַר תורה און אידישקייט מיט אַזאַ מאָס ווי מען באַנוצט עס פאַר „כסף״ און „מטמונים״, וואָלט דאַן געווען: „אָז תבין יראת ה׳ ודעת אלקים תמצא״ (שם).

די סיבה צו דער דאָזיגער פאַרנאַכלעסיגקייט נעהמט זיך דערפון וואָס וועהרענד די צרכי הגוף שטעהען דעם מענשען פאַר די אויגען, עס איז אַן ענין לשעה, פאַר די חיי עולם הזה, זיינען אָבער די צרכי הנפש אַן ענין „לעתיד״ פאַר די חיי העולם הבא, און דאָס זעהט מען ניט פאַר די אויגען. וואָלט דערפאַר נויטיג געווען געוויסע סימנים וואָס זאָלען איהם דערמאַנען

אין יענעם „עתיד" כדי ער זאָל ניט דענקען אַז ד י וועלט איז אַן אייביגקייט.

און אַט פאַר אַזעלכע סימנים האָבען עס די אבות העולם געבעטען ביים רבש"ע.

„אברהם תבע זקנה" — אַלטקייט, האָט אברהם באַטראַכט פאַר אַ זעהרווירקזאַמען מיטעל צו דערמאָנען דעם מענשען אין דעם עולם־הבא און ממילא וועט עס העלפען רעספעקטירען די נשמה אפשר נאָך מעהר ווי דעם גוף. זאָגט אברהם בדרך מליצה: „אָדם ובניו נכנסים למקום אחד אין העולם יודעים למי יכבד". טאַטע און זוהן מיינט איינפאך — „גאָט" און „מענש", ווייל מיר זיינען דאָך די ב נ י ם למקום, און די צרה איז, זאָגט אברהם, וואָס „אין העולם יודעים למי יכבד", אנשטאט מכבד זיין דעם „טאַטען", דאָס געטליכקייט, די נ ש מ ה, איז מען גאָר מכבד דעם „זוהן", דאָס מענשליכע, דעם ג ו ף. איז עס דאָך דערפאַר וואָס מען פאַרגעסט זיך אין נשמה זאַכען. אַז עס וועט אָבער זיין „ז ק נ ה" איז „מתוך שאתה מעטרו בזקנה ושיבה אדם יודע למי יכבד". די זקנה ושיבה וועלען זיין די צייכענס וואָס וועלען איהם דערמאָנען אין דעם „מאָרגען" ער וועט דאַן פיהלען אַז וועהרענד דער גוף איז בלויז אַ צייטווייליגע ערשיינונג, „כצל עובר וכחלום יעוף", איז אָבער די נשמה אַן אייביגקייט און וועט דערפאַר וויסען די נשמה מעהר מכבד צו זיין ווי דעם גוף.

האָט דער רבש"ע מסכים געווען און די בקשה איז דערפילט געוואָרען — „וממך הוא מתחיל".

איז טאַקע „עשרה דורות מנח ועד אברהם שהיו מכעיסין ובאין לפניו" ווייל עס האָט יענע דורות געפעלט „זקנה", די סימנים צום נפש און אָהן „סימנים" איז די נשמה געבליבען אַן „אבדה שאינה חוזרת"...

האָט טאַקע אפשר אין אברהם'ס צייטען די זקנה יאָ געווירקט. די וועלט פראָגרעסירט דאָך אָבער. יצחק לעבט שוין אין אַ שפּעטערדיגע תקופה. די וועלט איז שוין מעהר ציוויליזירט, די זקנה ווירקט שוין ניט אַזוי שטאַרק. איהרע אויסערליכע סימנים ווערען צומאָל אויך פאַרשוואונדען: די בערד ווערען ארונטערגעשניטען, די ווייסע האָר פון קאָפּ ווערען קינסטלעריש אָפּגעפאַרבט דורך די מאָדערנע קאָסמעטישע מיטלען; די אַלטע אַרויסגעפאַלענע ציינער ווערען אומגעביטען אין נייע מעכאַנישע „ברי־

טשעס" און כמעט ווי ס'איז שוין צו זקנה קיין סימן ניטאָ. פּיהלט דעריבער יצחק אַז מ'דאַרף שוין צוגעבען נייע סימנים וואָס זאָלען זיין ווירקזאַם אויך פאַר דער נייער מאָדערנער צייט, און בעט דעריבער אויף — יסורים.

יסורים, דענקט יצחק, וועט שוין יאָ דערמאָנען אין חשבון־הנפש. עס וועט זיין די תלמוד'ישע סגולה פון: „הרואה אדם שיסורים באים עליו יפשפש במעשיו"... מ'וועט פאַרשטעהן אַז „לא חשיד קוב"ה דעביד דינא בלא דינא". און דערצעהלט דאָך טאַקע די גמרא וועגען חזקיה המלך מיט זיין זוהן מנשה אַז: „מכל טורח שטרח בו ומכל עמל שעמל בו לא העלוהו למוטב אלא יסורין (סנהדרין קא).

און — אויך יצחק'ס בקשה איז ערפילט געוואָרען.

קענטיג אָבער אַז אין יעקב'ס צייטען איז שוין ד ע ר מיטעל אויך געווען אויסגעשפּילט. די וועלט איז געוואָרען „פרייער" און אַלע געשע־הענישען און פאַסירונגען וואָס מ'האָט דורכגעמאַכט האָט מען אַלץ צוגע־שריבען צו דער נאַטור, אַלץ איינגעהילט אין אַ דרך הטבע; דאָ האָט מען אָן איבעריגען ביסען געכאַפּט און קאַליע געמאַכט דעם מאָגען, דאָ איז געווען אַ דרעפּט און מ'האָט זיך צוגעקיהלט. שוין אָבגערעדט פון אומגליקס צו־פאַלען ווי: דער'הרג'ט געוואָרען פון אַן אָטאָמאָביל, אומגעקומען אין אַ פייער און עהנליכעס דאָס איז דאָך געוויס בדרך הטבע...

און אַז מ'האָט אַלץ אַריינגעלייגט אין נאַטור האָבען שוין יסורים אויך אויפגעהערט צו ווירקען; מ'האָט זיך שוין דורך יסורים אויך ניט דער־מאָנט אין טויט, ווי יצחק דריקט זיך טאַקע אויס: „לא ידעתי יום מותי", אַ טרעפליכע סימבאָלישע מליצה אויף'ן חשבון פון יענער תקופה וואָס טראָץ די יסורים וואָס יצחק האָט אויסגעבעטען איז נאָך אַלץ „לא ידעתי יום מותי"...

זיינען טאַקע יענע יסורים אַן־און־פאַר־זיך וואָס האָט אין יצחק'ס פאַל געמיינט „בלינדקייט" אויך געווען זעהר סימבאָליש דאַפיר. ס'איז געווען „ותכהין עיניו מראות", מ'איז ב ל י נ ד געוואָען צו די יסורים גופא, מ'האָט אויפגעהערט צו זעהן אין זיי די געטליכע צייכענס, די הימלישע סימנים אויף וועלכע יצחק האָט אַזוי שטאַרק געבעטען. עס איז געווען ווי יענער וואָס מאַכט אַ קניפּעל אין „ארבע כנפות" פאַר אַ צייכען זיך צו דערמאָנען אין עפּעס, לסוף ווערט דער קניפּעל אַליין אויך פאַרגעסען...

ויחי

און אויב אפילו בשעת מעשה ווען די יסורים זיינען געקומען אויף איהם, האָט ער אפשר יאָ געהאַט אַ שטיקעל הרהור־תשובה, איז אָבער דער דאָזיגער הרהור־תשובה פאַרשוואונדען אַזוי שנעל ווי די יסורים זיינען אַוועק און דער רוטינער לעבען האָט צוריקגעקעהרט צו זיין נאָרמאַלען גאַנג.

איז דאַן געקומען יעקב און געבעטען אויף „חולי", צוויי אָדער דריי טעג פאַר דעם שטאַרבען.

יעקב, אויף'ן גרונט פון די פריהערדיגע ערפאַרונגען האָט שוין קוים געגלויבט אויב אירגענד וועלכער מיטעל זאָל שוין קענען זיין ווירקזאַם פאַר'ן מענשען אין דער צייט ווען ער איז נאָך אין סאַמע מיטען פון זיין לעבען און האָט נאָך ניט בדעה צו רעזיגנירען. בעט דעריבער יעקב בלויז אויף „ב' וג' ימים" פאַר דעם שטאַרבען אַזוי אַז מיט די דאָזיגע יסורים זאָל ער שוין פאַרענדיגען זיין לעבען און ס'זאָל שוין פאַר איהם ניט בלייבען מעהר קיין צייט זיך צוריק צוקעהרען צום אַלטעגליכען לעבען. דעמאָלט, ביי זיין „שקיעת החמה" וועט שוין דער מיטעל זיכער ווירקזאַם זיין; עס וועט זיין אַ מין „סאַמאַנס" וואָס רופט אין געריכט און אַ סאַמאַנס טאָר מען ניט איגנאָרירען...

„אברהם תקן תפלת שחרית, יצחק תקן תפלת מנחה, יעקב תקן תפלת ערבית".

יעקב, זעהענדיג אַז אברהם'ס און יצחק'ס תפלות אויף „זקנה" און „יסורים" האָבען ניט געהאַט קיין שטאַרקען ערפאָלג, האָט ער יענעם מיס־ערפאָלג צוגעשריבען אויף'ן חשבון פון דער צייט אויף וועלכע יענע תפלות זיינען אַנגעווענדעט געוואָרען. קוים איז עס אַ צייט פון „שחרית" אָדער „מנחה" ווען די ליכט פון לעבען שיינט נאָך אין פולער קראַפט, איז עס נאָך ניט מסוגל פאַר דעם אמת'ן הרהור־תשובה. האָט ער דעריבער זיין תפלה געווענדעט אין דער ריכטונג פון „ערבית", ווען מען האַלט שוין ביים „כי בא השמש" און וואָס פאַרענדיגט זיך מיט'ן „וישכב במקום ההוא"... אויף יענער צייט איז ער געווען זיכער אַז די חולי וועט ווירקען, און ניט נור ווירקען פאַר זיך אַליין נור אויך פאַר די קינדער. און דאָס איז אייגענטליך געווען יעקב'ס הויפּט כונה צו געפינען אַ מיטעל וואָס זאָל זיין פון אַ פער־מאַנענטען כאַראַקטער און זאָל זיך איבערטראָגען פון איין דור צום צווייטען

וואָרט און צייט

און ניט פון אַ צייטווייליגען כאַראַקטער וואָס איז גוט בלויז פאַר איין דור ווי עס איז געווען דער פאַל מיט די מיטלען פון אברהם׳ן און יצחק׳ן.

די „חולי ב׳ וג׳ ימים״ פאַר׳ן טויט, איז אַזא מיטעל וואָס וועט אויך ווירקען אויף די קינדער: „מתוך שהוא חולה שנים או שלשה ימים הוא מיישב בין בניו״. אַזוי ליגט עס שוין אין דער נאַטור אַז דאָס וואָס ווערט געזאָגט אין דער צייט ווען מען איז „הנפטר מחבירו״ איז „מתוך כך זכרהו״... דאָס ל ע צ ט ע ווערט איינגעקריצט אין זכרון, און אויב די קינדער וועלען זעהן דעם טאַטען אין לעצטען אַקט פון זיין לעבענס-דראַמע אַלס אַ חוזר בתשובה, וועט אַט דער „דמות דיוקנו של אבא״ שטענדיג שוועבען פאַר זייערע אויגען און וועט האָבען אויף זיי די געהעריגע ווירקונג.

און ווען דער רבש״ע זאָגט אונז: „וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור״, קען דאָס אין ליכט פון דאָס פריהער געזאָגטע אויסגעטייטשט ווערען אומגעפעהר אַזוי: אַמווייניגסטענס דאַרף זיין „וזכרתי את בריתי י ע ק בֿ״, זיך דערמאָנען כאָטש ווען מ׳האַלט ביי יעקב׳ס תפלה,ביים „ערבית״ פון לעבען: „ו א ף את בריתי י צ ח ק״, בעסער אָבער אַז מ׳הויבט אָן פון נאָך פריהער, פון יצחק׳ס תקופה: „ו א ף את בריתי א ב ר ה ם״, נאָך בעסער איז אַז מען הויבט זיך אָן צו דערמאָנען אין סאַמע פריהעסטען יוגענט, אין א ב ר ה ם ׳ס תקופה — אינ׳ם ש ח ר י ת פון לעבען...

שמות

שמות

העברי בלבוש המצרי

ותאמרן איש מצרי הצילנו מיד הרועים.
(ב־יט).

וכי מצרי היה משה? אלא לבושו מצרי
והוא עברי.
(ש״ר פא־לט).

ניטאָ קיינער וואָס זאָל וואָגען אָפּלייקענען דעם אידענ׳ס בייטראָג צו דער מענשליכער אַנטוויקלונג אויף אַלערליי געביטען. פון דעם ערשטען איד אברהם אבינו ביז דעם לעצטען פון זיינע אור־אייניקלאַך היינט צו טאָג איז איין לאַנגע קייט פון שאַפונגען און בייטראָגען צו דער אַלגעמיינער מענשהייט. ניטאָ קיין איינציגער געביט וואו דער איד זאָל ניט האָבען געווען פאַרטראָטען: קולטור און אינדוסטרי, פילאָזאָפיע און מוזיק, קונסט און מעדיצין אַזוי גוט ווי אין אַלע אַנדערע צווייגען פון מענשליכען אויפ־שטייג, אין יעדער זאַך דער איד האָט פאַרנומען דעם אויבענאָן און זיינע לייסטונגען זיינען געווען און זיינען ביז היינט פון אַ קאָלאָסאַלער באַדייטונג.

און אַ דאַנק זיינע פיעלע וואַנדערונגען אין זיין צוויי טויזענט יאָהריגער גלות געשיכטע זייענדיג צושפּרייט אין אַלע פיער עקען וועלט, איז אויך ניט אויסענגעבליבען קיין איין ווינקעלע אויף׳ן גאַנצען ערד קוגעל וואו עס זאָל ניט זיין קענטיג דעם אידענ׳ס אויפטהו.

און נאַטירליך זיינעס עס אַלץ געווען שאַפונגען ניט פאַר זיך נור פאַר יענעם. אַלס אַ גלות פאָלק איז ער דאַך בכלל באַרויבט געוואָרען פון דעם „זיך״. זיין אייגענער „איך״ איז דאַך בטל געוואָרען און כמעט ווי פאַר־שוואונדען.

אָבער אפילו אויך דעמאָלט ווען דער איד איז ניט געווען היימלאָז, ווען ער האָט געהאַט זיין אייגענע מלוכה און איז געווען אַ פאָלק צווישען פעל־

וואָרט און צייט

קער, אויך דעמאָלט איז דער איד ניט געווען קיין נאַציאָנאַלער עגאָאיסט. ער איז אַלעמאָל געווען דער פאַקעל טרעגער פאַר דער גאַנצער מענשהייט, זיין מיסיע איז שטענדיג געווען דער „והיה לאור גוים", אפילו זיין בית המקדש איז פון די נביאים געשטעמפּעלט געוואָרען אַלס אַ „בית תפלה יקרא לכל העמים" און שלמה המלך אין זיין היסטאָרישע תפלה ביים חנוכת הבית האָט ער מעהר ווי איין מאָל אונטערשטראָכען דעם „והנכרי אשר יבא מארץ רחוקה".

עס איז געקומען אַזוי ווייט אַז די דאָזיגע מענשענליעבע האָט שוין דערגרייכט אַזאַ עקסטרעמען פונקט וואו דער „פרעמדער" איז שוין כמעט געוואָרען דער עיקר און דער איד אַליין ניט מעהר ווי אַ טפל, דער „מיר" איז געוואָרען פון אַ צווייטער מדרגה אַנטקעגען דעם „זיי". דאָס האָט שוין אַרויסגערופען אַ מין פּראָטעסט פון דער השגחה עליונה אין געשטאַלט פון א פארוואורף צום אידישען פאָלק למאי ער איגנאָרירט זיך אַליין און אָפּפערט זיך אין גאַנצען בלויז פאַר די אַנדערע פעלקער פון דער וועלט.

דיזער געטליכער פּראָטעסט איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם באַ־קאַנטען מדרש פון דעם פר שמיני עצרת וואו גאָט זאָגט צו אונז: „אַ גאַנץ יום טוב סוכות האָט איהר געבראַכט קרבנות פאַר די שבעים אומות. שוין צייט צו ברענגען כאָטש איין קרבן פאַר אייך אַליין. פאַר די תפלות וואָס איהר בעט פאַר אַנדערע האָט איהר בלויז אומדאַנקבאַרקייט. „תחת אהבתי ישטנוני ואני תפלה". אַלס באַלוינונג פאַר מיין ליעבע האַסען זיי מיך, אָבער איך טהו טראָץ אַלעמען תפלה פאַר זייערטוועגען!

ווי שניידענד איז דער דאָזיגער פארוואורף און וואָס פאַר אַ ביטערער אמת איז דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרען. אַזוי איז עס אימער געווען און אַזוי איז עס אויך היינט; „דור הולך ודור בא והשנאה לעולם עומדת"!...

ערנסט און אויפריכטיג איז שטענדיג דער איד מיט זיינע תפלות פאַר דער טובה פון די פעלקער. תמיד זוכט ער בלויז דאָס גליק פון אַנדערע, אָפּפערט זיין בלוט אויף פרעמדע מזבחות אין דער האָפנונג אַז די וועלט וועט איהם פאַרשטעהן, און אויב אפילו ניט באַלוינט ווערען פון דער דאָ־זיגער וועלט מיט ליעבשאַפט, לפחות מיט טאָלעראַנץ — און לסוף וואָס זעהען מיר איצט?

תחת אהבתי ישטנוני!...

שמות

די אידישע לאַגע אומעטום און איבעראַל געהט פון שלעכט צו ערגער. ניט נור האָט מען זיך גענומען רואינירען אונזער פיזישען און מאַטעריעלען עקזיסטענץ נור מען פאַגראַמירט אויך אונזער גייסט, אונזער נשמה. מען באַמיהט זיך אָניאָגען שוואַרצע וואָלקענס אויף אונזער העל־ליכטיגען הימעל כדי צו פאַרשטעלען אונזער שעהנע ליכטיגע זון. מען מאַכט אונזערע גרויסע ליכטיגע גייסטער צו גאָרניט, מען זוכט זיי מבטל צו זיין, קליין צו מאַכען אין די אויגען פון דער ציוויליזירטער וועלט, פאַרלייקענען זייער גדלות און אונטערשעצען זייערע עראָאישע פאַרדינסטען און בייטראָגען צו דער ציוויליזירטער מענשהייט.

אַזוי האָבען די דייטשען געטאָן מיט אונזערע איינשטיינ׳ס און די רוסען מיט די טראָצקי׳ס וועלכע זיינען מיט אַמאָל, לשם ירידה צוועקען, געוואָרען ביי זיי אויס דייטשען און אויס רוסען כאָטש די זעלבע איינשטיינס און טראָצקיס בימי גדולתם האָט מען זיך מיט זיי דוקא יאָ געיחס׳נט אַלס דייטשען און רוסען... אַזוי איז שוין דער אידישער מזל: לטובה, פאַרגעסט מען דעם איד, לרעה — דערמאָנט מען זיך אין איהם; לטובה, איז ער פאַררוקט אין הינטערגרונד, לרעה — שטעהט ער אויף דער פלאַכע; לטובה, קוקט מען אויף אים מיט אַ פאַרקלענערונגס־גלאָז, לרעה — מיט אַ פאַר־גרעסערונגס־גלאָז. נאָך מעהר: לטובה, איז עס דער אַקט פון אַ י ח י ד, לרעה — פון כ ל י ש ר א ל...

ניט אומזיסט ווערט די שנאה צו אונז באַצייכענט אַלס „שנאת עולם לעם עולם". יאָ, ס׳איז אַ שנאת ע ו ל ם, אַ שנאה וואָס איז שוין אַלט ווי די אייביגקייט אַליין.

אַן אילוסטראַציע דערפון גיט אונז דער מדרש אין היינטיגער סדרה צו אונזער טעקסט־פסוק:

ותאמרן איש מצרי הצילנו מיד הרועים.

יתרו׳ס טעכטער זעהען אַן העלדישקייט פון משה׳ן. ער ראַטעוועט אָפּ פון די צעיושעטע פאַסטוכער׳ס העגט. זיי ווערען פאַרגאַפט פון דער דאָגיזער גבורה און קומען צו לויפען אַהיים מיט אַזאַ גדולה. אָבער ווען דער טאַטע פרעגט זיי, וואָס זיינען זיי עפּעס אַזוי פריה אַהיים געקומען, ענטפערען זיי: „איש מצרי הצילנו מיד הרועים". ניט אַלס ע ב ר י באַצייכענען זיי זייער רעטער נור אַלס מ צ ר י... אַ העלדענטאַט לאָזט

וואָרט און צייט

זיך ניט אָדער ווילט זיך ניט פאַרצייכענען אויף'ן אַדרעס פון אַ ע ב ר י...
ווען עס האַנדעלט זיך אין אַ גוטע זאַך, אין עפּעס אַן אויסצייכענונג, ווערט
דער עברי פאַרשטעלט און פאַרדעקט, ווי דער מדרש דריקט עס אַזוי טרעפ־
ליך אויס: „וכי מצרי היה משה? אלא ל ב ו ש ו מצרי והוא עברי".
כאָטש עס איז „והוא עברי" ווערט אָבער דער עברי פאַרדעקט און „ל ב ו ש ו
מצרי", ער ווערט מ ת ל ב ש אין אַ מצרי...

דאַגעגען ווען עס האַנדעלט זיך אין דער שלעכטער זייט, ווען מען דאַרף
דערנידעריגען דעם עברי, אין אַזעלכע פאַלען איז מען שוין גראַדע שטאַרק
מדגיש דעם עברי.

אין דער זעלבער פרשה היינטיגע ווען די ערשטע פּרעה־גזירות קומען
אַרויס צו טויטען די אידישע זכרים ביי זייער געבורט, דאָרט איז שוין
דייטליך באַטאָנט: „ויאמר מלך מצרים למילדות ה ע ב ר י ו ת", און
— „ויאמר בילדכן את ה ע ב ר י ו ת"...

האָט טאַקע פּרעה געכאַפּט אַן אָפּשניט פון די דאָזיגע ע ב ר י ו ת
ווען אין זייער פאַרטיידיגונג אויף דער אָנקלאַגע פון: „מדוע עשיתן כדבר
הזה ותחיין את הילדים" האָבען זיי געענטפערט: „כי לא כנשים המצריות
העבריות", ווי צו זאָגען: ביי דיר, פּרעה, איז דער נאָמען עבריות אַ שימפּף־
וואָרט, ביי אונז אָבער איז עס גראַדע אַן עהרע און אַ שטאָלץ „כי לא כנשים
המצריות העבריות". די ע ב ר י ו ת שטעהען פיעל העכער פאַר דיינע
מצריות — „כי חיות הנה", אפילו די דורכשניטליכע היימישע פּרוי איז אויך
אַ פּראָפעסיאָנעלע קינסטלערין...

דערמאָנט עס אין דעם אַנעקדאָט פון יענעם קליינשטעטעלדיגען אידען
וועלכער איז אויף דער גאַס אַטאַקירט געוואָרען פון קליינע שקצים'לאַך
וואָס האָבען אויף איהם שטיינער געוואָרפען און אין אַ באַלייגענדען טאָן
איהם נאָכגעשריען: „זשיד". דער איד האָט צוגערופען איינעם פון זיי און
איהם באַלוינט מיט אַ קופּערנע מטבע פאַר רופען איהם „זשיד", ערקלעהרענ־
דיג אַז דאָס איז פאַר איהם אַ גרויסער כבוד. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן
מיט אַ צווייטען, אַ דריטען א. אַ. וו. ווען ער איז אויף מאָרגען ווידער אַרויס
אין גאַס האָבען זיך חברה ווידער אָנגעקליבען און איהם ווידער נאָכגעשריען
„זשיד", ערוואַרטענדיג נאַטירליך אַז אויך היינט וועט ער זיי דערפאַר באַ־
לוינען. אַז זיי האָבען אָבער געזעהן אַז דער איד מאַכט זיך ניט וויסענדיג

האָבען זיי אויס פראָטעסט אויפגעהערט שרייען „זשיד". „אויב דו באַלוינסט דערפאַר ניט זיינען מיר דיר ניט מחויב אומזיסט כבוד צו געבען"...

עס איז ווירקליך אַ קלוגע האַנדלונג צו שטאָלצירען מיט דעם וואָס יענער מיינט דערמיט צו באַליידיגען. און דאָס, ווי געזאָגט, איז אויך געווען דער זין פון דעם קלוגען ענטפער: „כי לא כנשים המצריות העבריות"...

אויך משה רבינו איז יעדעס מאָל ווען ער האָט געדאַרפט ערשיינען פאַר פרעה'ן געאָרדערט געוואָרען אונטער צו שטרייכען דעם ע ב ר י און זאָגען: „כה אמר ה' אלקי ה ע ב ר י ם".

איז דאָך טאַקע דער „שלא שנו את לבושם" אָנגעגעבען אַלס איינע פון די פיער זאַכען וואָס האָבען געהאָלפען צו דער גאולת מצרים. ניט משנה זיין דעם ל ב ו ש, ניט פאַרדעקען דעם עברי מיט אַ לבוש פון אַ מצרי נור בלייבען אַ איד מבית ומבחוץ, בגופו ובלבושו, דאָס איז דער עלעמענטאַרער אַל"ף בי"ת פון אונזער נאַציאָנאַלען שלחן-ערוך, און אויב זיי, די גוים, האַלטען דעם „עברי" אָדער „יהודי" פאַר אַ שימף-וואָרט, זאָלען מיר אַליין לפחות עס האַלטען פאַר אַ כבוד און שטאָלץ און עס וועט אונז אויך היינט ווי אַמאָל דיענען אַלס גורם פאַר אונזער גאולה.

וארא

בין אדם למקום ולחבירו — במצות ובמדות

וירם במטה ויך את המים אשר ביאור.
(ז־כ).

בירא דשתית מיניה מיא לא תשדי ביה קלא.
(ב"ק צב).

מיר האָבען אַ תורה מיט געשריבענע געזעצען וואָס רופען זיך מצוות און עבירות, אָדער פאָזיטיווע און נעגאַטיווע געבאָטען; מיר האָבען אויך אונגעשריבענע געזעצען, אויך פוןביידע סאָרטען, פאָזיטיווע און נעגאַטיווע. דיזע זיינען באַקאַנט אונטער די טערמינען פון „מדות" — מדות טובות און מדות רעות.

איז אַקוראַט ווי די מצוות און עבירות זיינען ניט אַלע פון איין סוג, פאַראַן אַזעלכע פון „בין אדם למקום" און אַזעלכע פון „בין אדם לחבירו", אַזוי זיינען די מדות אויך פון צוויי סוגים: מדות שבין אדם למקום און מדות שבין אדם לחבירו.

גאוה למשל, כאָטש מ'טוהט קיינעם ניט וועה ווייל וואָס אַשטייגער אַרט עס פלוני ווען אלמוני איז אַ בעל־גאוה, איז אָבער דער גרויסהאַלטער פאַר־האַסט פון גאָט אַליין: „כאילו דוחק את רגלי השכינה" און: „המתגאה אומר הקב"ה אין אני והוא יכולים לדור בכפיפה אחת".

אויף'ן פסוק אין תהלים: „אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאם ה'", ווערט נאָכגעזאָגט פון בעש"ט הקדוש ער זאָל עס האָבען אויס־געטייטשט אַזוי: „אם יסתר איש במסתרים" ווען אַ מענש זאָל זיך אפילו אָבזונדערען פון אַלעמען און פראַווען התבודדות ווי אַ צדיק נסתר, ס'וועט אָבער זיין „ואני", ער וועט פיהלען ביי זיך אַז ער איז אַן „אני", אַ „איך", איז — לא אראנו, נאם ה'", אויף אַזאַ איינעם זאָגט גאָט איך וועל איהם ניט אָנקוקען... און אַזאַ וואָס פראַוועט התבודדות טשעפעט דאָך נאַטירליך

וארא

קיינעם ניט, ער איז דאָך גאָר אָבגעזונדערט פון אַלעמען, קען איהם אָבער כביכול גאָט אַליין אויך ניט ליידען.

און קיין בפירוש׳ע לא־תעשה אויף גאוה איז דאָך אייגענטליך ניטאָ. עס געהערט אָבער, ווי געזאָגט, צו די מדות רעות פון בין אדם למקום.

און אַזוי למשל אויך די מדה וואָס דער תנא דערמאָנט אין אָבות: „לא יתן ולא יתנו אחרים״ וואָס באַציהט זיך דאָך אפילו אויך אויף אַזעלכען ביי וועמען דער לא יתנו אחרים איז בלויז אַ וואונש אַזאַ צו זיין „איין געבער״ אָבער במעשה באַאיינפלוסט ער ניט קיינעם אויף ניט צו געבען. אין אַזאַ פאַל וועט דאָך פאַלגליך דער אָרעמאַן דערפון ניט ליידען און דאָך ווערט די דאָזיגע מדה פאַראַכטעט און אויך דערפאַר וואָס עס געהערט צום סוג פון די מדות רעות שבין אדם למקום, און עס גיבען מעהרערע עהנליכע מדות פון דיזען סאָרט.

און ס׳זיינען אויך פאַראַן מדות רעות וואָס געהערען צום סוג פון „בין אדם לחבירו״ ווי אַשטייגער: כעס, לצנות, שלעכטע זיטען אד״ג וואָס דער־מיט שעדיגט מען די געזעלשאַפט ווען מאַכנעס מאָל אפילו בלויז אין אַ מאָ־ראַלישען זין.

און אַקוראַט ווי ביי די געשריבענע געזעצען, ביי מצוות און עבירות איז דער סוג פון בין אדם לחבירו מעהר חמור פאַר דעם סוג פון בין אדם למקום אַזוי אַז וועהרענד אויף דאָס לעצטע העלפט תשובה און יום־כפור, העלפט עס אָבער ניט אויף׳ן בין אדם לחבירו — „עד שירצה את חבירו״, אַזוי איז אויך אין באַצוג צו מ ד ו ת. די פון בין־אדם־לחבירו זיינען פיעל ערגער פון די וואָס בין־אדם־למקום.

און איינע פון די ערגסטע מדות פון דעם מין איז די מדה פון אומ־דאַנקבאַרקייט, אָדער ווי עס איז באַקאַנט אונטער׳ן העברעאישען טערמין: „כפוי־טובה״.

אַ באַזונדער לאו האָט די תורה אַוועקגעשטעלט: „לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו״ (דברים כג) און רש״י באַמערקט דאַרויף: „אף על פי שזרקו זכוריכם ליאור כי היה לכם אכנסיא בשעת הדחק״; איז ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס די מצרים האָבען אונז אַזוי גרויזאַם באַהאַנדעלט און האָבען אויף דיזער גרויזאַמקייט קיין באַרעכטיגונג ניט געהאַט, דען אפילו מיר זאָלען אָננעהמען אַז זיי זיינען נור געווען די שליחים פון דער השגחה העליונה

וואָרט און צייט

דורכצופיהרען די גזירה פון „ועבדום וענו אותם", האָט דאָך אָבער דער ועבדום וענו ניט געדאַרפט מיינען אַזאַ באַרבאַריזם ווי וואַרפען קינדער אין טייך, איז ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעמען האָט מען פונדעסטוועגען אָנגעזאָגט „לא תתעב מצרי" ווייל „היה לכם אכסניא בשעת הדחק" און דעריבער טאָרען מיר קיין כפויי־טובה ניט זיין. אומדאַנקבאַרקייט איז זעהר אַ העסליכע מדה און מוז אונטער אַלע אומשטענדען אויסקאָסירט ווערען.

נאָך בולט'ער קומט די זאַך אַרויס ווען מיר נעהמען אין פּאַראַלעל צום „לא תתעב מצרי" דעם אַנדערן פסוק פון „לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה' עד עולם" וואָס ווערט מאָטיוויזירט מיט דעם „על אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים".

איז עס דאָך אייגענטליך אומפאַרשטענדליך, כמעט פּאַראַדאָקסאַל. מצרים וואָס האָט געוואָרפען קליינע קינדער אין טייך טאָר מען ניט פאַראַכטען, עמון ומואב וואָס זיינען בלויז געוועזן אונהעפליך, ניט „דשענטעלמעניש", לאָמיר צוגעבען אפילו גראָב געוועזן אָבער יעדענפאַלס נור דורך אַ פּאַסיווער האַנדלונג און אַ האַנדלונג מיט וועלכער זיי האָבען בלויז זיך אַליין געשטעלט אין ניט קיין שעהנער ליכט, דעם אידישען פאָלק האָבען זיי אָבער וועניג וועה געטהאָן דערמיט ווייל דער „מן" און דער „באר" האָבען זיי שוין באַזאָרגט מיט לחם ומים און האָבען זיך ניט גענויטיגט אין עמון ומואב'ס חסד, און דאָך האָט זיי די תורה אויף אייביג מחרים געווען.

און כאָטש די תורה גיט אויך אָן דעם צווייטען טעם פון „ואשר שכר עליך בלעם בן בעור" אָבער דעם פאַקט אַז דער „אשר לא קדמו אתכם" איז אָנגעגעבען אַלס ערשטע אורזאַך באַווייזט אַז דאָס איז טאַקע דער עיקר. און מיט וואָס אַנדערש ערקלערט זיך עס אויב ניט מיט דאָס פריהערגעזאָגטע אַז אומדאַנקבאַרקייט איז די ערגסטע מדה צווישען די מדות רעות פון ב"א לחבירו סיי ביים יחיד און סיי ביים צבור און ס'העלפט דאַרויף קיין כפרה ניט „עד שירצה" וואָס אין דיזען פאַל מיינט עס די אויסוואָרצלונג פון דער דאָזיגער מדה און אויב דאָס ווערט ניט געטאָן איז טאַקע „לא יבאו בקהל ה' עד עולם".

מיט'ן אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים זיינען עמון ומואב געווען כפויי־טובה צום אידישען פאָלק, דען ווער נאָך ווי זיי האָבען געהאַט צו פאַרדאַנקען אידען זייער גאַנצען עקזיסטענץ. וואָלט עס ניט געווען אברהם

וארא

אבינו וואָס האָט גערעטעט לוט׳ן וואָלט דאָך פון עמון ומואב קיין סימן אויף דער וועלט ניט געווען... און דערפאַר די פאַראַכטונג.

האָבען דעם דאָזיגען געדאַנק געבראַכט צום אויסדרוק אויף זעהר אַ טרעפליכען אופן די חכמי המדרש אין היינטיגער סדרה.

עס איז דאָך ווירקליך אַ מערקווירדיגע זאַך אַז וועהרענד אַלע אַנדערע מכות מיט וועלכע מצרים איז געשלאָגען געוואָרען, איז זייער פּראָצעס דורכגעפיהרט געוואָרען דורך משה׳ן אַליין, זיינען אָבער די ערשטע דריי מכות דורכגעפיהרט געוואָרען ניט דורך משה׳ן נור דורך אהרן׳ען.

דאַרויף זאָגען אונזערע חז״ל אין מדרש פאָלגענדעס:

ויאמר ה׳ אל משה אמור אל אהרן — א״ר תנחום למה לא לקו המים ע״י משה א״ל הקב״ה המים ששמרוך כשהושלכת ליאור אינו דין שילקו על ידך חייך לא ילקו אלא ע״י אהרן (ש״ר ט).

דאָס זעלבע זאָגט רבי תנחום אויך ביי די מכה פון צפרדעים וואָס איז אויך געקומען דורך שלאָגען די וואַסער, און דאָס זעלבע ווערט אויך געזאָגט ביי דער דריטער מכה:

ויאמר ה׳ אל משה אמור אל אהרן נטה את מטך והך את עפר הארץ — א״ר תנחום א״ל הקב״ה למטה עפר שהגין עליך כשהרגת את המצרי אינו דין שילקו על ידך, לפיכך לקו ג׳ מכות אלו ע״י אהרן (ש״ר י).

איז דאָ ווידער אונטערשטראָכען געוואָרען די מדה פון אומדאַנקבאַרקייט, ניט צו זיין קיין כפוי־טובה. פּרעה פאַרדינט טאַקע געשלאָגען צו ווערען דורך וואַסער און דורך ערד, אָבער ניט משה קען אין דעם זיין דער שליח; וואַסער און ערד האָבען משה׳ן באַשיצט אין אַן עת צרה און ס׳וואָלט דעריבער געווען אַן אומדאַנקבאַרער אַקט ווען משה זאָל איצט שלאָגען די דאָזיגע באַשיצער זיינע.

איז דאָס גלייכצייטיג אויך געווען אַ טריאומפירענדע דעמאָנסטראַציע געגען די פרעה׳ס וועלכע האָבען אַליין פון די מדה פון דאַנקבאַרקייט גאָר קיין אַהנונג ניט געהאַט, און אין דער צייט ווען זיי זיינען אַזוי פיעל דאַנק־באַרקייט שולדיג געווען דעם אידישען פאָלק ועמעס שטאַמפאָטער יוסף האָט

וואָרט און צייט

ממש געדעמעט זייער לאַנד ווען זי איז געשטאַנען אויף׳ן שוועל פון אונ־טערגאַנג, און צום סוף איז: „ויקם מלך חדש על מצרים אשר ל א י ד ע א ת י ו ס ף" אַלעס פאַרגעסען געוואָרען און געוואָרען כפויי־טובה פון ערגסטען סאָרט.

און די דאָזיגע ירושה איז איבערגעגאַנגען פון די ערשטע פּרעה׳ס צו זייערע קינדס־קינדער לדור דורות, פּונקט ווי דעם ערשטען יוסף׳ס ירושה איז איבערגעגאַנגען צו זיינע קינדס־קינדער לדורי דורות אין אַלע צייטען איז דער איד געווען דער רעטער פון די פאַרשידענע לענדער וואו זיין גלות שיקזאַל האָט איהם פאַרוואָרפען. ניטאָ קיין איין געביט אויף וועלכען דער איד מיט זיינע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען זאָל זיך ניט האָבען אויסגע־צייכענט און דאַמיט געהאָלפען גרויס מאַכען די לענדער אין וועלכע ער לעבט, צי דאָס איז געווען אויף דעם עקאָנאָמישען געביט אָדער אויף די געביטען פון פּאָליטיק, קולטור, קונסט אד״ג, אָבער אַלעמאָל איז „אשר לא ידע את יוסף", און אנשטאט דאַנקבאַרקייט באַצאָהלט מען אונז מיט פּאָגראָמען, גירושים, גזירות און רדיפות.

מיר אָבער האָט אונז די עטהישע לעהרע פאַרזאָגט מיט׳ן האַרבען וואָרט ניט צו זיין קיין כפויי־טובה. דו, משה, זיי ניט קיין שליח צו שלאָגען די וואַסער און די ערד וועלכע האָבען דיר אַזוי עהרליך באַשיצט: „בירא דשתית מיניה מיא אל תשדי ביה קלא"... דו, פאָלק ישראל, זאָלסט ניט פאַראַכטען די מצרים ווייל דו האָסט ביי זיי אַמאָל אַ שטיקעל אכסניא געהאַט.

און ניט קוקענדיג אויף די אַלע גרויזאַמקייטען מיט וועלכע די וועלט באַהאַנדעלט אונז, קוים געניסען מיר אַמאָל עפּעס גוטעס אויך, פאַרגעסען מיר עס ניט און בלייבען ניט קיין כפויי־טובה.

מיר ווייסען אַז מיר זיינען באַשטימט געוואָרען פון דער השגחה עליונה צו זיין „לאור גוים", מיר דאַרפען דיענען אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער מענשהייט און פיליכט וועט אַמאָל קומען די צייט ווען די „תלמידים" וועלען בעסער ווערען און וועלען זיין תלמידים מקשיבים לתורת רבים.

לאָמיר האָפען!!!

בא

אורות וצללים בדרכי החנוך

והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה
עשה ה׳ לי בצאתי ממצרים.
(שמות יג־ח).

בעבור זה לא אמרתי אלא בשעה שיש
מצה ומרור מונחים לפניך.
(ילקוט בא רכא).

עס זיינען פאַראַן צוויי כללים וואָס דיענען אַלס הויפּט עלעמענטאַרישע געזעצען אין די לעהרע פון חנוך־הבנים. אָהן די דאָזיגע עקרים קען ניט מעגליך זיין קיין ערפאָלג אויף דעם דאָזיגען געביט.

זיי זיינען: א) אַז דער פאָטער אָדער לעהרער וואָס פּרעדיגט די שעהנע לעהרע פון תורה און אידישקייט צו זיין קינד אָדער תלמיד, זאָל צום אַלעם ערשטען אַליין נאָכקומען די דאָזיגע לעהרע אין זיין אייגענעם לעבען; ער זאָל זיין ניט נור אַ „נאה דורש" נור אויך אַ „נאה מקיים", אַנדערש קענען זיינע ווערטער ניט אויסאיבען דעם מינדעסטען איינפלוס אויף'ן קינד. אויב מען דאַרף אַ צווייטען אָנווייזען אויף אַ „טול קיסם מבין שניך", דאַרף מען זיך פריהער פאַרזיכערען פון אַ קאָנטער־אַטאַקע אין געשטאַלט פון אַ „טול קורה מבין עיניך". האָט דאָך די תורה אַוועקגעשטעלט פאַר דעם „ולמדתם אותם את בניכם" דעם „ושמתם את דברי אלה על ל ב ב כ ם", און פאַר דעם „וזכרתם את כל מצוות ה׳" דעם „ ו ר א י ת ם אותו"... דען נור דעמאָלט ווען דאָס קינד ז ע ה ט דעם פאָטער אָדער לעהרער אַליין פּראַקטיצירען די דאָזיגע לעהרע וואָס ער וויל איהם מקנה זיין, נור דעמאָלט קען עס אויף איהם אויך האָבען אַ השפּעה. פון ה ע ר ע ן אַליין ווערט מען ניט אַזוי שנעל באַאיינפלוסט, ס'איז „אינו דומה שמיעה לראיה".

טייטשען דאָך מאַנכע אַזוי אויס דעם פּשט אין דער משנה פון אבות (פּב): „כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה", אַ תורה וואָס פעלט איהר

וואָרט און צייט

די מ ל א כ ה, די פּראַקטיק, זי איז בלויז אַ טעאָרעטישע תורה און ניט קיין פּראַקטישע, איז „סופה בטלה", אַזאַ תורה וועט פון איהר ענדליך גאַר־נישט ווערען, זי וועט זיך ניט צוקלעפּען און וועט שנעל פאַרגעסען ווערען...

איז עס, ווי געזאָגט, אַן אומבאַדינגטע נויטיגקייט אַז מ'זאָל אַליין טאָן דאָס וואָס מען הייסט דעם קינד טאָן, מ'דאַרף זיין אַ „אומר ועושה" צוזאַמען. דערצו איז אָבער נויטיג נאָך עפּעס און דאָס איז: ב) צו זיין אַ „עושה מתוך ש מ ח ה", עס דאַרף זיין קענטיג אַז די מצוה וואָס מ'טהוט, טהוט מען ניט מתוך כפיה ואונס אָדער סתם „מצוות אנשים מלומדה" נור אַז ס'איז אויך דאָ דערביי אַן אינערליכער רצון, ס'דאַרף זיין באַגייסטערונג און אינספּי־ראַציע, אויפריכטיגקייט און חדות הנפש, נור דאַן קען עס האָבען אַ וויר־קונג אויף'ן קינד.

דען נור דעמאָלט ווען עס איז: „וענתה השירה הזאת לפניו", ווען עס הערט זיך פון די תורה אָדער פון דער מצוה דער קלאַנג פון ש י ר ה, נור דאַן איז „כי לא תשכח מפי ז ר ע ו"... און דוד המלך דריקט דאָס זעלבע אויס אין זיין תהלים פּסוק: „נחלתי עדותיך לעולם כי ששון לבי המה", ווען קען זיין „נחלתי", ווען קען איך עס איבערגעבען אַלס נ ח ל ה וירושה צום קינד, בלויז דאַן ווען עס איז „כי ש ש ו ן לבי המה", ווען דאָס קינד פיהלט אַז ביי מיר אַליין איז עס אַ „ששון לב". ווען אָבער דאָס קינד זעהט ניט ביים פאָטער אָדער לעהרער קיין שמחה און האָט דעם איינדרוק אַז עס ווערט ביי זיי געטאָן בלויז אַלס אַ „מוז", אַ מין שטיקעל אַ ר ב י י ט וואָס מוז אָפּגעטאָן ווערען, דעמאָלט קומט ער און פרעגט מיט רעכט: „מה ה ע ב ו ד ה הזאות לכם"? אויב ס'איז בלויז אַן ע ב ו ד ה, טאָ צו וואָס דאַרף מען עס אין גאַנצען?...

און נאַטירליך דעמאָלט ווען עס דערוועקט זיך ביים קינד אַ ווידער־ווילען צו טאָן דאָס וואָס מ'הייסט איהם, קען מען איהם שוין דערצו אַזוי לייכט ניט באַוואויגען, מען מוז שוין נוצען צוואַנג־מיטלען: דאָרט וואו ס'איז פאַראַן אַ „מה העבודה הזאת", דאָרט מוז שוין אויך זיין אַ „הקהה את שניו", און דורך צוואַנג קען שוין קיין ערפאָלג ניט זיין. מעגליך אַז פאַר'ן פאָטער אין די אויגען וועט ער נאָך אויס מורא כלומר'שט טאָן דאָס וואָס מען הייסט, אונטער די אויגען אָבער וועט ער עס שוין ניט טאָן.

בא

און דעריבער קומען אונזערע חכמים און קאָמענטירען אויף דעם „והגדת לבנך" וואָס מיינט חנוך־הבנים און טייטשען אויס דעם „בעבור זה" אַלס הויפּט תנאי צום „והגדת" — „בעבור זה לא א מ ר ת י ", אַנדערש קען איך דעם קינד ניט ז אָ ג ע ן צו טאָן „אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים ל פ נ י ך ", נור דאַן ווען ער זעהט אַז די מצוות זיינען „מונחים לפניך" אַז דו אַליין טוסט זיי אויך. דו דאַרפסט ניט בלויז זאָגען איהם נור אויך צ י י ג ע ן איהם... בעבור ז ה . . .

אויב אָבער דו ווערסט איהם ז אָ ג ע ן אַז מ׳דאַרף לייגען תפלין, מ׳דאַרף אָנטאָן ציצית, מ׳דאַרף זיך וואַשען צום עסען, מ׳דאַרף בענשען און לייענען קריאת־שמע און דו אַליין ווערסט די אַלע זאַכען ניט טאָן, וועט ער זיך דאַן אויסלאַכען פון דיר און דיינע רייד וועלען זיין אַרויסגעוואָרפען. דער אַלטער כלל, אַז כדי ס׳זאָל זיין „נכנסים ללב" דאַרף אויך זיין „יוצאים מן הלב" און ניט יוצאים מן השפה ולחוץ און יוצאים מן הלב איז נור דע־מאָלט ווען דו פילסט וואָס דו זאָגסט אויף וואָס די פּראָבע איז צו מען טוט עס אַליין אויך...

און ווילסטו אַז דיין קינד זאָל ניט זיין אין דער קאַטעגאָריע פון רשע, דער „העלד" פון „מה העבודה" נור אין דער קאַטעגאָריע פון חכם, דאַן דאַרפסטו געדענקען, אַז „איזהו חכם הלומד מכל אָדם", אַ חכם קען מען זיין בלויז דאַן ווען מען איז „הלומד מ כ ל אדם", ווען מען לערענט פון דעם ג אַ נ צ ע ן מענש, ווען מען געפינט אין לעהרער אַ ג אַ נ צ ע ן מענש ביי וועמען עס איז „פיו ולבו שווין" און „תוכו כברו", אָבער ניט ווען מען לערענט איהם בלויז מיט׳ן מויל און ניט מיט׳ן האַרץ, ווען נור „בדבור" און ניט „במעשה", אָדער ווען אפילו במעשה אויך נור מ׳פיהלט אַז ס׳איז ניט מיט׳ן גאַנצען האַרצען, עס פעהלט די ש מ ח ה, די אויפריכטיגקייט.

און דאָרט וואו ס׳פעלט דער והגדת ל ב נ ך קען מען שוין פאַר זיך אַליין אויך קיין „מגיד" ניט זיין. עס האָט שוין קיין ווערט ניט דיין אייגענע פרומקייט, ווייל דער „והגדת לבנך" איז אויך אָוועקגעשטעלט געוואָרען אַלס תנאי צו דער גאַנצער גאולת מצרים. דער „למען שתי אותותי אלה בקרבו" געהט האַנט אין האַנט מיט׳ן „למען תספר באזני בנך ובן בנך".

וואָרט און צייט

אָט דערפאַר זאָגען אונזערע חכמים: „סומא פטור מלומד הגדה, כתיב הכא בעבור ז ה וכתיב התם בננו ז ה מה להלן פרט לסומא אף כאן פרט לסומא" (פסחים קטז). אַ סומא, אַ בלינדער וועמעס אויגען זיינען פאַר־מאַכט, עס פעהלט איהם די „עינא פקיחא" אַכטונג צו געבען אויף זיין קינד, איהם לערנען און מדריך זיין, דער איז פ ט ו ר צו זאָגען די הגדה, און אין דעם פאַל מיינט עס ניט בלויז פטור נור „פטור אבל א ס ו ר"... ער האָט אויך קיין רעכט ניט דערצו.

דען איז אַזאַ פאַל וואו ער איז דער גורם אויפצובערענגען אַ קינד וואָס זאָל דורך זיין „מה העבודה הזאת לכם" זיך אָוועקשטעלען אין דער קאַטעגאָריע פון אַ „כופר־בעיקר" איז דאַן דער טאַטע, אפילו ווען כלומר'שט פרום, אויך אַ „ כ ו פ ר ב ע י ק ר ", ווייל דער ע י ק ר פון דער ה ג ד ה איז דאָך דער ו ה ג ד ת, און אויב דאָס איז ביי דיר ניטאָ לייקענסטו דאָך אין דיזען ע י ק ר האָט דאָך דיין גאַנצע הגדה מיט דיין גאַנצע פרומקייט קיין ווערטה ניט.

דער „אָנכי ה' אלקיך" איז אָבהענגיג אין דעם „אשר הוצאתיך מארץ מצרים", דער אשר הוצאתיך איז אָבהענגיג אין דעם „למען תספר באזני בנך" און אויב דאָס לעצטע פעלט פעלען שוין ממילא אויך די ערשטע צוויי. עס איז אַ „חוט המשולש" וואָס „לא במהרה ינתק...

ו ה ג ד ת ל ב נ ך ! ! !

בשלח

שירת הים ושירת מתן תורה

ויושע ה׳ ביום ההוא — — — וירא
ישראל את מצרים מת — — — וירא
ישראל את היד — — — ויראו העם את
ה׳...

— יראה עלאה ויראה תתאה —

אין אונזער ספרות הקבלה ווערט יראת־שמים איינגעטיילט אין צוויי מדרגות: „יראה עלאה" און „יראה תתאה". יראה עלאה איז די וואָס ציהט איהר יניקה פון „אויבען", פון דער געטליכקייט אליין. עס איז אַ יראת הכבוד, אַן עהרן פורכט וואָס קומט פון גדלות הבורא, די גאַנצע בריאה ווערט איינגעשפּאַנט אין דיענסט צו דער דאָזיגער יראה: „שאו למרום עיניכם וראו מי ברא אלה" (ישעיה). בלויז אַ בליק צום הימעל און מען ווערט דורכגעדרונגען מיט אַן אינספּירירענדען גייסט וואָס וואַרפט אַריין אין אַן עקסטאַז פון אומבאַגרענעצטע באַגייסטערונג. עס כאַפּט אַ הייליגער נשמה ציטער און עס שרייט זיך אויס אינסטינקטיוו: „מה רבו מעשיך ה׳! „ה׳ אדוננו מה אדיר שמך בכל הארץ"!

צו אילוסטרירען אָט דעם סאָרט געפיהל פון יראה איז גענוג צו נעהמען דעם ערשטען סעיף פון אונזער שלחן ערוך מיט דעם „שויתי ה׳ לנגדי תמיד" וואו עס ווערט געצויגען אַ פּאַראַלעל פון „ישיבת האדם ותנועותיו לפני מלך בשר ודם" ביז די וואָס „לפני ממ"ה הקב"ה". שטעהענדיג פאַר אַ מלך בשר ודם, ווען אפילו דאָס איז אַ עהרן־באַזוך און איז ניט פאַרבונדען מיט קיין געפאַרען, אויך דעמאָלט ציטערט פונדעסטוועגען אויף דער גאַנצער קערפּער, און מיט וואָס ערקלעהרט זיך יענע יראה אויב ניט מיט דאָס וואָס מען רופט „יראת הכבוד"; און אויב מען קען באַהערשט ווערען פון אַזאַ יראה עלאה געפיהל ווען מ'שטעהט פאַר אַ

ווארט און צייט

מלך תתאה, קל וחומר ווען עס האנדעלט זיך ביים מלכא עלאה, ביים מלך עליון! איז דעריבער כלל ניט שווער צו באגרייפען וואס עס מיינט יראה עלאה.

צו באגרייפען מיינט אבער ניט אויך צו באזיצען. באגריף און באזיץ זיינען צוויי באזונדערע טערמינען און געהען ניט אלעמאל צוזאמען. איז טאקע צום באדויערען ניט גרויס די צאהל פון יענע „בני עלאה" וואס האבען זיך דערהויבען צו דער מדרגה פון יראה עלאה. בלויז יחידי סגולה האבען זוכה געווען דערצו. דער דורכשניט־ליכער ירא שמים האלט בלויז ביי יראה תתאה, יענע יראה וואס ווערט באצייכענט אלס יראת־העונש און וואס ציהט איהר יניקה ניט פון אויבען נור פון אונטען, ניט פון דעם בורא נור פון דעם נברא. יראה תתאה איז א רעזולטאט פון די פאר־שידענע אומגליקען מיט וועלכע דער מענש באגעגענט זיך, עס איז די שרעק פאר דעם „שבט אפי" וואס פאכעט איבער דעם „קרוץ מחומר" און דראהט מיט סכנות אויף זיין לעבען און עקזיסטענץ. עס איז דער „טוב לכת אל בית האבל" וואס ברייגגט צום „והחי יתן אל לבו". קוקענדיג דעם טויט גלייך אין פנים אריין, בעאבאכטענדיג די גסיסה יסורים פון דעם שטערבליכען און די שרעקליכע ענוים פון דעם אונהיילבארען, ווערט מען אליין אויך דערשראקען, עס כאפט אן א ציטער פאר דעם אייגענעם פעלץ און דערפון קומט דער הרהור תשובה.

איז אבער די דאזיגע יראה פון א מינדערווירדיגען כאראקטער. עס איז א מין עגאאיסטישע יראה וואס דריקט אויס ניט די מורא פאר השם יתברך נור די מורא פאר זיך אליין, ניט די מורא פאר דעם עלאה נור די מורא פאר דעם תתאה... און איז דערפאר ניט שטאנד־האפטיג און ניט וואגיג.

און געוויס קענען די דערמאנטע צוויי סארטען יראה ניט שטעהן אויף איין פלאכע, עס איז לא הרי זה כהרי זה.

כדאי צו שענקען א בליק א באקאנטען מאמר חז"ל וואס ווארפט א ליכט אויף דעם דאזיגען ענין.

„הודיעני נא את דרכיך — אמר לפניו רבש"ע מפני מה יש צדיק

בשלח

וטוב לו ויש צדיק ורע לו — א״ל צדיק וטוב לו צדיק גמור צדיק ורע לו צדיק שאינו גמור״ (ברכות ז) *).

פיעל געדאַנקען זיינען שוין אויף דעם דאָזיגען מאמר געזאָגט געוואָרען. אַמאיינפאַכסטען שיינט אָבער אַז דאָ זיינען געקומען צום אויסדרוק די צוויי דערמאָנטע סאָרט צדיקים, דער פון „יראָה עלאָה״ און דער פון „יראה תתאה״. דער לעצטער איז ווי געזאָגט, אַ פּראָדוקט פון צרות, יסורים און אומגליקען מיט וועלכע ער באַגעגענט זיך. ער איז דאָס דער „צדיק ו ר ע לו״, דורכ׳ן „ורע לו״ איז ער געוואָרען אַ צדיק. אַזאַ סאָרט צדיק איז אָבער אַ „צדיק שאינו גמור״, ער איז ניט פּאַלקאָם אין

---

*) בגמרא שם בתחלת המאמר: א״ל משה צדיק וטוב לו צדיק בן צדיק, צדיק ורע לו צדיק בן רשע. ולכאורה קשה, הרי בן רשע שנתגדל ונתחנך בסביבה רעה, לו היה הרבה יותר קשה להגיע למדרגת צדיק מאשר לצדיק בן צדיק, והיה צריך איפוא גם שכרו להיות יותר גדול לפי הכלל של „לפום צערא אגרא״ — וכלפי לייא?

ובילדותי אמרתי שכוונה מיוחדת היתה בזה מטעם ההשגחה העליונה להטיב לצדיק בן צדיק ולהרע לצדיק בן רשע כדי שיהיה בזה שווי המשקל לעת קבלת שכרם בעוה״ב. דהנה ידוע דהכל תלוי בבחירה, „ובחרת בחיים״ כתיב, ובחירה זו היא המשמשת אמת־מדה לקבלת השכר וכפי הכלל האמור שלפום צערא אגרא. והנה אם לדון עפ״י הבחירה היה יוצא שלצדיק בן רשע שאצלו מלחמת־הבחירה יותר קשה היה צריך גם שכרו להיות יותר גדול מאשר לצדיק בן צדיק שמלחמת הבחירה אצלו אינה קשה כל כך. אך גם בזה היתה מדת הדין לקויה כי מה אשם הוא צדיק בן צדיק זה שנולד בבית צדיק ובשל כך לא הועמד כל כך בנסיון כמו חבירו בן הרשע ולמה יגרע בשביל זה חלקו? אדרבה — יטעון ויאמר — בחנני ה׳ ונסני גם אותי ולא אצטרך להפסיד שכרי? ומכיון שטענה זו צודקת, לכן עשו אותו לצדיק וטוב לו ולפי הכלל של „וישמן — ויבעט״ העמד ממילא גם צדיק זה לפני נסיון קשה, נסיון של „וישמן״, לא כן בצדיק בן רשע שכבר העמד בנסיון בשל היותו בן רשע ואין צריך להעמידו גם בנסיון שני, נסיון העושר, ולכן נשאר צדיק ורע לו וממילא שניהם שקולים ומשלימים אחד עם השני ולא תהיה קנאה ותחרות בקבלת שכרם בעוה״ב.

ובזה אמרתי לבאר את הגמרא בפסחים (קד ע״א): „ואמרתי קרו ליה בנן של קדושים דלא אסתכל בצורתא דזוזא״. ולכאורה מה ענין זה לזה? אך לפי האמור ניחא דכיון דדבר זה דלא אסתכל בצורתא דזוזא נאמר בשבחו סימן שבאמת היה ר׳ מנחם בר סימאי עשיר אך לא נתן כל ערך וחשיבות לעשרו כי לו היה עני אין זה רבותא כלל דלא אסתכל בצורתא דזוזא דהרי אין לו במה להסתכל... ומזה שהיה עשיר הבינו שהוא בנן של קדושים כלומר צדיק בן צדיק כי על צדיק בן צדיק נאמר „צדיק וטוב לו״. דבר זה אמרתי לפני מו״ר הגאון מרן יחזקאל פאנעט אבדק״ק דעשש ויהללוהו.

זיין צדקות, ער איז אַ צדיק מיט אַ פניה, אַ צדיק אויס עגאָאיסטישע מאָ־טיוועז.

דער אָבער וואָס איז אַ „צדיק וטוב לו", זיין צדקות איז ניט קיין רעזולטאַט פונ'ם „ורע", ניט די שרעק פון אומגליק האָט איהם באַוואויגען צו פרומקייט, נור אפילו ווען „וטוב" לו איז ער אויך אַ צדיק, דער איז טאַקע אַ „צדיק גמור", ער האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון צדקות, די מדרגה פון יראה־עלאה וואָס קומט פון „ויחזו את האלהים" און געהט האַנט און האַנט מיט דעם „ויאכלו וישתו", צדקות אפילו מתוך אכילה ושתיה און ניט נור מתוך ענוים וסגופים...

דאָס דערמאַנט אין דעם באַקאַנטען אַנעקדאָט וואָס ווערט דערצעהלט אויף דעם גרויסען צדיק דער אַפּטער רב. ווי באַוואוסט האָט דער דאָזיגער צדיק געלעבט אין רחבות אין געגענזאַץ צו אַנדערע צדיקים פון זיין דור וועלכע האָבען געלעבט אין גרויס דחקות. ווען איינער פון זיינע מקורבים האָט איהם אַמאָל געפרעגט מכח זיין פיהרונג וואָס איז אַנדערש פון יענע אַנדערע צדיקים, זאָל איהם דער אַפּטער רב דערויף האָבען געענטפערט דעם בעקאַנטען פסוק אין משלי: „חכמים הם להרע ולהטיב לא ידעו" און דער־ביי צוגעגעבען: לויט די גמרא אין נדרים ווערט דער להרע ולהטיב וואָס שטעהט ביי שבועת בטוי אויסגעטייטשט: „להרע — שלא אוכל, להטיב — שאוכל". פאַראַן פאַלגליך חכמים־צדיקים וואָס זייער צדקות דריקט זיך אויס אין להרע אין דעם שלא אוכל אין ענוים וסגופים, די האָבען נאָך ניט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון צדקות ווייל „להטיב לא ידעו", צו זיין אַ צדיק אויך דורכ'ן „להטיב", דאָס ווייסען זיי נאָך ניט...

און קוקען מיר זיך צו צום לעבען זעהען מיר טאַקע אָט דעם טיפ פון „חכמים להרע" אָדער „צדיק ורע לו" אין זיין פולער אָפּשייליכקייט.

ניט ווינציג זיינען זיי אָט די אידען וואָס ווערען „צדיקים" ווען עס קומט צום „ורע לו". ווען אַלעס געהט כשורה דאַן זעהט איהר זיי קיינ־מאָל אין שוהל ניט אָן, אַזוי שנעל אָבער ווען עס איז ורע לו, געטראָפען עפּעס אַן אומגליק ח"ו, אַ חולה אין הויז אָדער חלילה אַ בר־מינן, דאָ ווערען זיי מיטאַמאָל צדיקים און מ'לויפט אין שוהל אַריין אַ מי־שברך מאַכען, אַ קדיש זאָגען אד"ג.

בשלח

איז דאָך אָבער די דאָזיגע סאָרט אידישקייט ניט קיין ל ע ב ע־ד י ג ע נור אַ ט ו י ט ע און אַ רוח טומאה איז שורה אויף איהר...

האָט טאַקע די תורה אָנגעזאָגט דעם כהן: „לנפש לא יטמא בעמיו". דער כהן וועמעס אויפגאַבע איז צו זיין דער לעהרער פון פאָלק: „ושפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו", ער דאַרף צייגען אַ מוסטער פון ר י י נ ע אידישקייט, ער דאַרף משפיע זיין אויפ׳ן פאָלק די יראה עלאה, א יראה וואָס קומט פון דעם „אור פני מלך חיים" און ניט פון דעם „אנוש כחציר ימיו".

לנפש לא יטמא — ב ע מ י ו! בעת ער דאַרף לייסטען זיין לעה־רע „בעמיו", טאָר די דאָזיגע לייסטונג נישט דורכגעהן די צנורות פון טומאה.

„יראת ה׳ טהורה עומדת לעד"! די יראה דאַרף זיין אַ ריינע, דאַרף ציהען איהר יניקה ממקור טהור, בלויז דאַן איז זי — „עומדת לעד", אַ דויערהאַפטיגע, אַ פערמאַנענטע ווייל זי איז ניט אָפּהענגיג אין קיין אויסערליכע סבות; אויב אָבער זי קומט דורך „יראת העונש" איז זי דאָך אַ „יראה התלויה ביראה" און איהר אויסגעהאַלטענקייט איז דערי־בער פון אַ צווייפעלהאַפטיגען כאַראַקטער.

און דער זעלבער תהלים זאָגט אויף אַן אַנדער פלאַץ: „מי גבר יחיה ולא יראה מות ימלט נפשו מיד שאול סלה". דער מענש וואָס האָט איינגעאָרדענט זיין אידישען לעבען אויף ל ע ב ע ד י ג ע יסודות, „ולא יראה מ ו ת" און ניט דערפאַר וואָס ער זעהט פאַר זיך דעם טויט, אַזאַ איינער האָט דערגרייכט די אמת׳ע מדרגה פון אידישקייט און איז זיכער אַז „ימלט נפשו מיד שאול סלה" ווייל אַ ז אַ מענש איז זיכער אַ בן עולם הבא.

בשעת די אידען זיינען געשטאַנען ביים ים סוף, האָבען זיך דע־מאָלט אַנטפּלעקט צוויי ערשיינונגען. פון איין זייט איז געווען די התגלות פון דעם אלקי הרחמים דורך וועלכעס עס איז געקומען צום אויסדרוק די ישועת ישראל, דער „ויושע ה׳ ביום ההוא את ישראל מיד מצרים". אויף יענע התגלות איז דאָך געזאָגט געוואָרען: „ראתה שפחה על הים מה שלא ראו נביאים". פון דער אַנדער זייט ווידער איז געווען די

התגלות פון דעם מדת הדין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם „וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים".

פוןביידע דערמאָנטע סאָרטען האָט מען געקענט קומען צו יראה, אָבער דורכ'ן וישע ה' את ישראל האָט מען געקענט קומען צו „יראה עלאה" ווערענד דורכ'ן „וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים" האָט מען בלויז געקענט קומען צו „יראה תתאה".

וועלכער טייל פון יענע צוויי האָט אַלזאָ מעהר באַאיינפלוסט די עומדים על הים? דאַרויף זאָגט די תורה בפירוש: „וירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ה' במצרים" און דאָס נאַטירליך איז שוין ניט קיין יראה עלאה, נאָר יראה תתאה...

דאָך האָט אפילו יענע יראה תתאה אויך געבראַכט צום „אָז ישיר" עס האָט אָבער געמוזט קומען דורך די השפעה פון משה'ן: „ישיר מ ש ה ובני ישראל", פון זיך אַליין האָבען די בני ישראל ניט גע־קענט זינגען קיין שירה. יראה תתאה מיט שירה גראַמט זיך ניט, דאָס ערשטע איז אַ פּראָדוקט פון עצבות, דאָס צווייטע — פון שמחה...

איז טאַקע דערפאַר „שר לא נאמר אלא ישיר", לשון עתיד. ביי קריעת ים סוף זיינען זיי נאָך ניט געווען רייף גענוג צו זינגען שירה דורך „התעוררות עצמית", ס'איז דאָך נאָך געווען פאַר קבלת־התורה, האָ־בען זיי נאָך ניט דערגרייכט צום אור העליון און האָבען נאָך געהאַלטען ביי יראה תתאה.

ערשט שפּעטער (ישיר־בעתיד) ביי קבלת התורה האָבען זיי דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. דאָרט איז געווען „וירד ה' על הר סיני", דער הימעל איז אַרונטער אויף דער ערד און אויב דער הימעל איז אויף דער ערד איז דאָך שוין אויך א ו נ ט ע ן דאָ יראה ע ל א ה ווייל די ערד איז דאָך אויך הימליש...

ווי צוויבערהאַפטיג קלינגט דעריבער די דרשת חז"ל: „שר לא נאמר אלא ישיר מכאן לתחית המתים מן התורה". ביים קריעת ים סוף וואו דער „ויראו" איז געווען אַ רעזולטאַט פונ'ם „מת על שפת הים", א יראה דורך „מתים", דאָרט איז „שר לא נאמר" און מ'האָט געדאַרפט האָבען אַ משה'ן פאַר דער דאָרטיגער שירה. דער טראָפּ איז אָבער געשטעלט אויפ'ן „ישיר לעתיד", שפּעטער ביים קבלת התורה, ווייל דאָרט וואו עס

בשלח

איז שוין דאָ אַ תורה דאַרף מען שוין ניט ציהען קיין יראה דורך מתים — מכאן לתחית המתים — מן התורה... דאָרט וואו ס'איז דאָ אַ תורה קען שוין אפילו זיין ת ח י ת המתים, ווייל ניט פון מתים ציהט זיך די יראה נור — מן התורה, פון דעם אור התורה און אַזאַ יראה איז שוין אַ העכערע, אַ יראה עלאה...

און דערפאַר איז שוין ביי קבלת התורה געווען: „ויענו כל העם יחדו ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה", דער פאָלק אַליין אָהן משה'ס הילף האָבען אַלע ווי איינער ספּאָנטאַן אויסגערופען:

נ ע ש ה ו נ ש מ ע ! !

יתרו

התורה ונושאי דגלה

הנני בא אליך בעב הענן למען ישמע העם בדברי עמך וגם בך יאמינו לעולם.
(יט־ט).

א״ר יצחק מה שהנביאים עתידים להתנבאות בכל דוד ודור קבלו מהר סיני שכן משה אמר להם לישראל כי את אשר ישנו פה עמנו עומד היום ואת אשר איננו פה עמנו היום ולא כל הנביאים בלבד אלא אף החכמים העומדים בכל דור ודור כל אחד ואחד קבל את שלו מהר סיני.
(ש״ר כח).

אַן אַלטער כלל: גוטע סחורה נויטיגט זיך ניט אין קיין רעקלאַמעס. די קוואַליטעט פון דעם אַרטיקעל, דאָס אַליין איז זיין בעסטע רעקלאַמע און בלויז אַזאַ סחורה וואָס איז פון מינדערווירדיגען קוואַליטעט, יענע דאַרף האָבען מ׳זאָל עס אַדווערטייזען אום צוציהען די קונדען.

פאַראַן אַ תלמוד׳ישער פאַבעל אין פאָרם פון אַ דיאַלאָג צווישען פּרוכט־באַרע און פּרוכטלאָזע בוימער, אילני פירות און אילני סרק. די לעצטע פרעגען די ערשטע: „מפני מה אין קולכם נשמע״? פאַרוואָס ווערט אייער שטימע ניט געהערט, און אפילו אין אַ שטורעם איז קוים וואָס איהר באַוועגט זיך, ווערהענד מיר, אילני סרק, ביים מינדעסטען ווינטעלע מאַכען מיר אַזאַ שטאַרקען גערויש אַז אונזער קול ווערט ווייט און ברייט שטורמיש געהערט? דאַרויף ענטפערען די אילני פירות: „פירותינו מעידים עלינו״; איהר פוסטע בוימער נויטיגט זיך אין גערויש, איהר דאַרפט אויפשטורמען די וועלט, ווען ניט וואָלט מען כלל ניט געוואוסט פון אייער עקזיסטענץ, מיר אָבער דאַרפען זיך ניט אַדווערטייזען, מיר נויטיגען זיך ניט אין קיין רעקלאַמעס ווייל אונזערע פירות זיינען אונזער בעסטע רעקלאַמע.

און אויב אַזוי איז דאָך די פראַגע: צו וואָס זיינען נויטיג געווען די

קולות וברקים ביי מתן תורה. ביי אונז איז דאָך „תורה די בעסטע סחורה" און בעסטע סחורה נויטיגט זיך דאָך ניט אין קיין אַדווערטייזמענטס?

אונזער טעקסט־פסוק צוזאַמען מיט'ן מדרש גיבען אָבער דעם ענטפער דערצו. ניט אַזוי צוליעב די תורה אַליין ווי צוליעב דעם מ ק ב ל התורה איז די דאָזיגע דעמאָנסטראַציע נויטיג געווען. עס איז געווען צוליעב דעם: „למען ישמע העם בדברי עמך וגם בך יאמינו לעולם" צוליב וואָס עס זיינען נויטיג געווען די קולות וברקים. זיי האָבען געדיענט אַלס „פּאַלמאַכט" פאַר משה רבינו און פאַר די נביאים און חכמים וואָס נאָך איהם צו געבען זיי די פולע אויטאָריטיווע מאַכט אַלס פאַרשטעהער און רעפּרעזענטאַנטען פון דער אידישער תורה. אַ זאַך וואָס האָט שפּעטער מעגליך געמאַכט אונזערע חז"ל אַרויסצוקומען מיט אַזאַ שאַרפען מאמר ווי: „כמא טפשאי הני בבלאי דקיימי מקמא אורייתא ולא קיימי מקמא דגברא רבא"...

אָט דאָס איז אפשר אויך געווען די סיבה וואָס בלויז „אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענו", בלויז די ערשטע צוויי דברות זיינען געהערט געוואָרען מפי הגבורה ווערהענד די אַנדערע דברות אַזוי גוט ווי די גאַנצע תורה זיינען געהערט און געלערענט געוואָרען מפי משה רבינו. ע'ס איז אפשר אַבזיכטליך געטאָן געוואָרען אום צו פאַרשטאַרקען דערמיט דעם פּרעסטיזש און אויטאָריטעט פון משה'ן און פון זיינע נאָכפאָלגער.

האָבען דאָך טאַקע די חכמים אָפּגעשאַפט דעם מנהג צו לייענען די עשרת הדברות יעדען טאָג „מפני תרעומות המינין שלא יאמרו העכו"ם לעמי הארץ אין שאר התורה אמת ותדעו שאין קורין אלא מה שאמר הקב"ה ושמעו מפיו בהר סיני" (רש"י ברכות יב). איז כאָטש דער דאָזיגער מנהג איז דאָך געווען אַזוי עהרליך שעהן, ווייל אָבער דערפון האָט געקענט אַרויסקומען אַ תקלה צו אונטערשעצען דעם ערך פון יענעם חלק תורה וואָס איז ניט גע־הערט געוואָרען מפי הגבורה האָט מען דערפאַר געפונען פאַר נויטיג בעסער דעם מנהג אין גאַנצען מבטל זיין און דאַמיט נאָכקומען דעם וואונש פון גאָט אַז „וגם בך יאמינו לעולם". און ווי יעדער „וגם", איז דיזער אויך „גם לרבות" אויף די נביאים און חכמים פון די שפּעטערדיגע דורות ביז'ן קלענסטען „תלמיד ותיק שעתיד לחדש", אַז אַלעס אַלעס איז פון דער זעל־בער סיני־קוואַליטעט און דערפאַר איז „לא תסור מדבריהם מכל אשר יגידו לך".

וואָרט און צייט

אַזוי שנעל אָבער ווי עס פאַלט אַרונטער די אויטאָריטעט פון די גייס־טיגע פיהרער, די רועי ישראל, אַזוי ברענגט עס גלייך אַ חורבן פאַר דער גאַנצער אומה, און — „לא חרבה ירושלים אלא על שביזו בה את תלמידי חכמיה"...

די תורה איז אָבער אַ נצחית, אַ ברית כרותה לעולם, און די השגחה עליונה זאָרגט שוין דאָפיר אַז אונטער אַלע אומשטענדען זאָל זי ניט פאַר־שוועכט ווערען. איז אויב אַז עס געהט ניט דורכ'ן נאָרמאַלען וועג, דורכ'ן אויטאָריטעט פון די משה'ס, געפינען זיך שוין אַנדערע וועגען וואָס פיהרען צום נויטיגען ציעל; אויב מען אונטערשעצט די רייד פון די נביאים, מ'הערט זיך צו זיי ניט צו און מען איגנאָרירט זיי דאַן קומט דער „גדולה הסרת הטבעת יותר ממ"ח נביאים"... אויב ניט „משה מן התורה" דאַן איז חלילה „המן מן התורה"... און געוויס איז בעסער אַז די תורה דערגרייכט אונז דורך די משה'ס ווי להבדיל דורך די המן'ס...

דיזער געדאַנק ווערט טרעפליך ארויסגעבראַכט אין א קורצען זאַץ פון מדרש וואָס זאָגט: „מהולתך חרשה אקיש עלה" (ב"ר פא ב). דאַרויף זאָגט דער פירוש מהרז"ו „שנסתמו נקבי הנפה כמו החרש שנסתמו נקבי אזנו אקיש עלה ויפתחו נקביה". ווען די לעכלאַך פון זיפּ זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרען דאַרף מען קלאַפּען אויף איהר אום זיי אויפצושטאָפּען, און ווען די לעכלאַך פון דעם מענשליכען אויער ווערען פאַרשטאָפּט דאַרף מען זיי אויך אויפשטאָפּען דורך ק ל ע פּ...

די הויפּט סיבה וואָס ברענגט צו דער אָפּשוואַכונג פון אויטאָריטעט פון אונזערע גייסטיגע פיהרער איז די אונאייניגקייט אין דעם אידישען לאַגער. אַזוי שנעל ווי עס הויבען זיך אָן רייבונגען און קאָנפליקטען אַזוי ליידעט גלייך דערפון די אויטאָריטעט פון דער גייסטיגער פיהרערשאַפט. דעם ערשטען ביישפּיעל האָט געוויזען קרח, דער אבי המחלוקת בישראל, וואָס קוים איז נור געוועזן „ו א ת פ ל ג קרח" אַזוי איז שוין געווען „ויקהלו על משה ועל אהרן", און אַזוי איז עס ביז היינטיגען טאָג דורך די בני קרח וועלכע געפינען זיך אין אַלע דורות, וויל — „ובני קרח לא מתו"...

וואו ס'איז דאָ מחלוקת דאָרט קען ניט זיין קיין תורה אויטאָריטעט. די סיני־תורה האָט דאָך ניט געקענט געגעבען ווערען אַזוי לאַנג ווי ס'איז נאָך געווען „ויסעו־ויחנו — נוסעים במחלוקת וחונים במחלוקת", ס'האָט

פריהער געדאַרפט זיין „ויחן״, לשון יחיד, פאַלשטענדיגע אחדות און ערשט דאַן האָט געקענט זיין קבלת התורה.

ביי מתן תורה שטעהט: „ויתיצבו בתחתית ההר״ און דאַרויף קומט די דרשות חז״ל: „מלמד שכפה עליהם הר כגיגית ואמר להם אם תקבלו את התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם״. מעגליך אַז דאָס וואָרט „ויתיצבו״ אַנשטאָט „ויעמדו״ האָט געפיהרט צו דער דאָזיגער דרשה. ו י ת י צ ב ו דריקט מיט זיך אויס דעם זין פון מ צ ב וואָס מיינט באַפעסטיגקייט און שטאַנדהאַפטיגקייט. גאָט האָט דערמיט געוואָלט אָנווייזען דעם ריכטיגען וועג וואָס קען פאַרזיכערען דעם קיום התורה און דאָס איז ארויסגעבראכט געוואָרען דורכ׳ן כפה עליהם הר כ ג י ג י ת. דער „גיגית״ איז צוזאַמענגעשטעלט פון מעהרערע טיילען וואָס ווערען פאַראייניגט דורך די אייזערנע רימענס וואָס האַלטען זיי פעסט צוזאַמען און באַשיצען די פלי־סיגקייטען וואָס ווערען אין דער גיגית אַריינגעגאָסען אַז זיי זאָלען ניט אויסרינען. איז דער הר כגיגית געווען דער אָנוואונק צום פאָלק אַז בלויז דעמאָלט ווען איהר וועט אונטער אַזעלכע אחדות באַדינגונגען אָננעהמען די תורה וועט איהר קענען עקזיסטירען, „ואם לאו״ — אויב אָבער עס וועט פעהלען ביי אייך די נויטיגע אחדות, וועט עס צוברעכען די אויטאָ־ריטעט פון אייערע גייסטיגע תורה פיהרער און דער קיום התורה וועט גע־שטעלט ווערען אין סכנה, און כדי צו באַשיצען איהר נצחיות וועט מוזען קומען דערצו אַז „שם תהא קבורתכם״ — ש ם, אין דער גרויסער וועלט צווישען די אומות, תהא ק ב ו ר ת כ ם, וועט איהר דאַרפען דורכמאַכען טעם מיתה ו ק ב ו ר ה דורך די „מלך קשה כהמן׳ס״ וואָס וועלען אייך „אויפשטאַפען די אויערען״ דורך דעם „מהולתך חרשה אקיש עלה״...

יאָ, דער „וגם בך יאמינו לעולם״ איז אפשר דער שטאַרקסטער פסוק אין דער דאָזיגער פרשה.

און ליידער ליידען מיר פון דער דאָזיגער גרינגשעצונג פון אונזערע תורה־אויטאָריטעטען אַמשטאַרקסטענס אין אונזער היינטיגען דור. די רבנ׳י־שע אויטאָריטעט איז זעהר געפאַלען; וויניג פאַראַן ביי אונז פון דעם מין וואָס זאָלען אויפריכטיג אויסרופען „דבר אתה עמנו ונשמעה״... אָבער לע־בענדיג אין אַ דור פון ציוויליזאַציע, אַ דור פון חכמה און וויסענשאַפט, שטעהט עס דאָך נאַטירליך ניט אָן פאַררעכענט צו ווערען צווישען דעם עלע־

וואָרט און צייט

מענט פון די „טפשאי״, סטאַרעט מען זיך דעריבער „איבערצוקליגען״ יענע „בבלאי טפשאי״, איז אויב יענע זיינען בלויז געווען „לא קיימי מקמא דגברא רבא״ אָבער זיינען אַמווייניגסטענס געווען „קיימי מקמא אורייתא״, זיינען שוין די היינטיגע נאָך „קליגער״ און טוען שוין ביידע זאַכען ניט — לא קיימי לא מקמא דגברא רבא ולא מקמא אורייתא...

דאָס אָבער גרעניצט זיך שוין מיט רשעות און איז שוין דעריבער ניט אזא געלונגענער אויסוואַל, ווייל: „מוטב להיות שוטה גמור כל ימיו ובלבד שלא יהיה רשע שעה אחת לפני המקום״...

דבר אתה ונשמעה — איז דער הייליגער מעסעדזש פון באַרג סיני און אין דער דורכפיהרבאַרקייט פון דיזען מעסעדזש איז אָבהענגיג די דורכ־פיהרבאַרקייט פון דער גאַנצער תורה.

וגם בך יאמינו לעולם!!!

משפטים

צדקה וגמילות־חסד, ערכן והערכתן

אם כסף תלוה את העני עמך.
(כב־כד).

גדול המלוה יותר מן העושה צדקה.
(שבת סג).

שקולה מצות צדקה כנגד כל המצוות.
(ב״ב ט).

גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה.
(ב״ב י).

גדול העושה צדקה יותר מכל הקרבנות.
שנאמר עושה צדקה ומשפט נבחר לה׳ מזבח.
(סוכה מט).

פון די ציטירטע מאמרים זעהען מיר ווי הויך די חכמים האָבען אוועק־געשטעלט די מצוה פון צדקה און וואָס פאַר אַן אָבשאַצונג זיי האָבען איהר געגעבען. דאַגעגען זעהען מיר דעם שטרענגען אורטייל אויף די וואָס זיינען מזלזל אין דער מצות הצדקה — „כל המעלים עיניו מן הצדקה כאילו עובד עבודה זרה״ (כתובות סח).

דער דאָזיגער איבערגאַנג פון חיוב צו שלילה, פון דעם עושה צדקה ביז דעם מעלים עיניו מן הצדקה, קוקט אויס אויף׳ן ערשטען בליק אַביסעל אומפאַרשטענדליך; עפּעס איז עס אַ צו גרויסער שפּרונג פון איין עקסטרעם צום צווייטען. געוועהנליך איז ביי יעדער זאַך אויך פאַראַן אַ מיטעל־וועג, אָבער גלייך איבערגעהן פון „שקולה כנגד כל המצוות״ צום „כאילו עובד ע״ז״, דאָס איז שוין עפּעס אַ פּסיעה גסה וואָס מאַנט אַן ערקלעהרונג.

נאָך אַ גענויע באַטראַכטונג אָבער, איז טאַקע דער דאָזיגער פּאַראַלעל ריכטיג און אויסגעהאַלטען אויף דער גאַנצער ליניע. דאָס ערשטע צום ביישפּיעל: „שקולה מצות צדקה כנגד כל המצוות״, און אויב אַזוי, אַז די געוויכט פון צדקה איז כנגד כל המצוות, איז דאָך ממילא המעלים עיניו מן

הצדקה כאילו מבטל כל המצוות און דאָס גרעניצט זיך שוין טאַקע מיט ע"ז ביי ווען עמען עס איז געזאָגט „ככופר בכל התורה כולה".

אַזוי איז אויך מיט דער צווייטער זאַך: „גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה". דער היפך פון גאולה איז שעבוד און עבדות איז דערפאַר דער מעלים עיניו מן הצדקה פאַראַנטוואָרטליך פאר די פארלענגערטע עבדות און אַט די עבדות פון „עבדים לעבדים" איז טאַקע אין בוכשטעבליכען זין ע ב ו ד ה ז ר ה — מען ד י נ ט צ ו פ ר ע מ ד ע...

דאָס זעלבע אויך מיט דער דריטער זאַך: „גדול העושה צדקה יותר מכל הקרבנות". לויט דעם רמב"ם'ס ערקלעהרונג איז דאָך דער גאַנצער ענין קרבנות בלויז געקומען אלס אַ געגענגיפט צו עבודה זרה, אַ באוואָר־נונג געגען דעם „ולא יזבחו עוד לשעירים" און אויב צדקה איז נאָך גרעסער פון קרבנות איז דאָך מיט'ן בטול פון צדקה אַ בחינה פון בטול קרבנות און דאָס קען דאָך ח"ו ברענגען צום „ולא יזבחו לשעירים" וואָס מיינט דאָך עבודה זרה...

חוץ דעם אלעמען אָבער לאָזט זיך דער שטרענגער אורטייל אויך פשוט ערקלעהרען.

עס איז פאַראַן אַ באַקאַנטער וואָרט פון דעם אוהעל'ר רב, דער „ישמח משה" אויפ'ן פסוק: „ומעלה מעל בה' וכחש בעמיתו". ער זאָגט אז ס'איז הא בהא תליא, אויב ס'איז „ומעלה מעל בה" איז שוין אויך „וכחש בעמיתו" און דאָס זעלבע פאַרקעהרט אויך. איז דאָך דער מעלים מן הצדקה אַזעלכער וואָס געהערט צום „וכחש בעמיתו", געהערט ער דאָך שוין במילא אויך צום „ומעלה מעל בה". און עס האַלט טאַקע אויך אויס די לאָגיק. דער יסוד פון רחמנות אויף אַן אומגליקליכען נעמט זיך פון דעם „אל אחד בראנו ואב אחד לכלנו" דורך וועלכעס עס פיהלט זיך אַ ברידערליכע פאַרוואַנדשאַפט וואָס רופט אַרויס ברידערליכע פליכטען. אויב אָבער מען איז אַ מעלים עיניו מן הצדקה און ס'איז ניטאָ דער ברידערליכער געפיהל, מיינט עס דאָך אַז דער „אב אחד לכולנו" שטעהט אונטער אַ פראַגע צייכען און דאָס שמעקט דאָך שוין מיט'ן „כאילו עובד עבודה זרה"...

שטעהט טאַקע ביי אברהם אבינו: „ ו ה א מ י ן בה' ויחשבה לו צ ד ק ה ", אַ פיינער רמז אַז די חשיבות וואָס אברהם האָט געגעבען צו צדקה, די מצוה מיט וועלכע ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אויסגעצייכענט

איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם ו ה א מ י ן בה׳... דער ערשטער מ א מ י ן און אויך דער ערשטער מ כ נ י ס אורח...

איז דעריבער זעהר סימבאָליש די אידישע מזוזה אויף דער טיר. זי רופט מיט איהר „שמע ישראל״ אריין דעם אָרעמאַן אינעווייניג פאַרזיכער־רענדיג איהם אַז דאָ וועט ער קריגען הילף ווייל וואו ס׳איז דאָ דער „שמע ישראל״, דער ו ה א מ י ן בה׳, דאָרט איז אויך דאָ דער ויחשבה צ ד ק ה...

אַז משה רבינו פאַרלאַנגט פון גאָט אַ צייכען אויף אמונת השם, ער זאָגט: „לא יאמינו לי כי יאמרו לא נראה אליך ה׳״, קומט דער ענט־פער: „הבא נא ידך בחיקך״, און — „ויבא ידו בחיקו ויוציאה והנה ידו מצורעת כשלג. ויאמר השב ידך אל חיקך וישב ידו אל חיקו ויוציאה מחיקו והנה שבה כבשרו״. איז אויסער די פשוט׳ע כונה דערפון אַז מיט דעם דאָזיגען מופת וועט איהם געלינגען זיי איבערצייגען אַז ער איז דער שליח ה׳, איז דאָ אויך פאַראַן אַ סימבאָלישע אַנדייטונג. ביים ערשטען מאָל שטעהט סתם „ויוציאה״, ביים צווייטען מאָל שטעהט שוין אָבער „ויוציאה מ ח י ק ו״, ווייל דאָרט וואו די האנט קומט פון בוזים ארויס א ליידיגע און נעמט פון דאָרט גאָר ניט אַרויס פאַר דעם אָרעמאַן, אַזאַ האַנט איז „מצורעת״, אַ טמא האַנט. אויב אָבער ויוציאה מ ח י ק ו ער האָט די האַנט ארויסגענומען און אין איהר איז אויך פאַראַן מ ח י ק ו פון דאָס וואָס איז געווען אין ח י ק ו, זי איז ניט אַרויסגעצויגען געוואָרען קיין ליידיגע, דעמאָלט איז „והנה שבה כבשרו״, אַ ריינע טהור׳דיגע האַנט.

און אויב דאָס איז אַן ענטפער צו די פראַגע פון א מ ו נ ה הייסט עס דאָך אַז אמונת ה׳ און די מצוה פון צדקה זיינען שטאַרק אָבהענגיג איינס אין דאָס אַנדערע.

***

אָבער טראָץ די אַלע אויסגערעכענטע מעלות פון צדקה, קומען פונדעסט־וועגען אונזערע חז״ל און זאָגען אַז: „גדול המלוה יותר מן העושה צדקה״. משמעות אַז ווי גרויס צדקה זאָל ניט זיין איז גמילות חסדים נאָך גרעסער. און דאָס איז אויך גאַנץ פאַרשטענדליך, ווייל צדקה איז דאָך על פי רוב אויך פאַרבונדען מיט בושה ווערענד גמילות חסדים וואָס איז

וואָרט און צייט

„בין לעניים בין לעשירים" ליידעט דאָך דער באַטרעפענדער דערפון קיין בושה ניט.

אגב איז גמילות חסדים אין די אויגען פון מענשען א מעהר הומאַניטאַרישע פליכט ווי צדקה. ביי צדקה קען זיך אויסדוכטען אַז ער טהוט דאָ עפּעס א מין „לפנים משורת הדין" ווייל ער נעמט דאָך זיין שווער פארהאַרעוועטע געלט און טיילט זיך מיט אַ צווייטען וואָס האָט דאַרויף ניט געהאַרעוועט, וועהרענד אַ גמילות חסד שענקט ער דאָך ניט אַוועק, איז עס דאָך בבחינת „זה נהנה וזה לא חסר", פיהלט מען דעריבער אַ גרעסערע פליכט דערצו.

אפשר אַז טאַקע דערפאַר ווערט אין דער גאַנצער סדרה משפטים ניט דערמאָנט קיין צדקה און עס ווערט אין איהר גערעדט נור פון „אם כסף ת ל ו ה", ווייל אין דער קאַטעגאָריע פון מ ש פ ט י ם וואָס באַצייכענט ציווילע הומאַניטאַרישע געזעצען פּאַסט זיך, ווי געזאָגט, גיכער אריין גמילות חסד ווי צדקה. ווערט עס טאַקע אזוי אויך אויפגעפּאַסט אין תהלים וואו עס ווערט געזאָגט: „טוב איש חונן ו מ ל ו ה יכלכל דברין ב מ ש פ ט" — וואו מ ל ו ה דאָרט איז ב מ ש פ ט...

עס מיינט אָבער ניט נאַטירליך אַז די דאָזיגע אויפפאַסונג איז טאַקע די ריכטיגע. עס איז בלויז אַ מ ע נ ש ל י כ ע אויפפאַסונג. דער „א י ש חונן ו מ ל ו ה" ער איז „יכלכל דבריו ב מ ש פ ט"... דער תורה באַגריף אַליין איז אָבער אַ העכערער. פונ׳ם תורה שטאַנדפונקט דאַרף צדקה אויך באטראכט ווערען אלס א מ ש פ ט, ווי עס ווערט דייטליך אונטערשטראָכען ביי אברהם׳ן: ושמרו ד ר ך ה׳ לעשות צ ד ק ה ו מ ש פ ט", לויט׳ן ד ר ך ה׳ זיינען צדקה ומשפט שמות נרדפים און ניט קיין צוויי באַזונדערע באַגריפען.

אַזוי זאָגט אויך דער נביא: „כ ה א מ ר ה׳ שמרו מ ש פ ט ועשו צ ד ק ה", ביי די געטליכקייט איז משפט און צדקה איינער און דער זעלבער באַגריף.

שוין דער פאַקט אַליין וואָס עס טראָגט דעם נאָמען „צדקה" וואָס מיינט ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט, דאָס אַליין איז שוין אַ גענוגענדער באַוויין ווי אזוי צדקה ווערט אויפגעפאסט פון א תורה שטאַנדפונקט. ג ע ר ע כ ט י ג־ ק י י ט מיינט דאָך מ ש פ ט.

משפטים

טייטשט מען דאָך אַזוי אויס דעם פסוק: „צדקה תרומם גוי וחסד לאומים חטאת". דער נאָמען צ ד ק ה הויבט אויף אַ פאָלק אָבער „וחסד לאומים חטאת", דער נאָמען ח ס ד אָדער „טשאַריטי" מיט וועלכע די לאומים באַנוצען זיך, דאָס איז אַ חטאת, אַ זינד...

איז טאַקע זעהר כאַראַקטעריסטיש ווען אין רמב"ם ווערט אויסגערעכענט „שמונה מעלות יש בצדקה זו למעלה זו", ווערט דאָרט געזאָגט: „מעלה הגדולה שאין למעלה ממנה המחזיק ביד ישראל המך ונותן לו ה ל ו א ה".
איז דאָך אייגענטליך שווערליך, ער פאַנגט אָן מיט שמנה מעלות יש ב צ ד ק ה און געהט גלייך איבער צו ה ל ו א ה? איז טאַקע דערפון דער בעסטער באַוויז אַז דיביידע זאַכען געהערען צו איין קאַטעגאָריע און דאַרפען ביידע אויפגעפאַסט ווערען פון איין שטאַנדפונקט.

די תורה אָבער לויט'ן כלל אז „דברה תורה בלשון בני אדם" האָט בלויז דעם „אם כסף תלוה" אַריינגענומען אין „משפטים", ווייל דאָרט וואו עס איז „המשפטים אשר תשים ל פ נ י ה ם", פאַר זיי, פאַר די מ ע נ־ ש ע ן, איז טאַקע אם כסף ת ל ו ה מעהר שייך צו מ ש פ ט י ם ווי צ ד ק ה.

אגב איז אין דעם „אם כסף תלוה" אויך אונטערשטראָכען דער „גדול המלוה יותר מן העושה צדקה" און ווי אויבענגעזאָגט איז עס דאָך דערפאַר ווייל הלואה איז בין לעניים ובין לעשירים פיהלט דאָך ניט דער אָרעמאַן אַז ער שטעהט נידעריגער פון זיין מלוה. אָט דאָס איז מרומז אין פסוק: „אם כסף ת ל ו ה" — און ביי ת ל ו ה איז דאָך — „את עמי", דאָס געשעהט דאָך מיט'ן גאַנצען פאָלק בין לעניים ובין לעשירים, איז ממילא „את העני ע מ ך", ווען עס קומט צום עני פיהלט ער זיך ניט פאַר־ שעהמט, ער פיהלט זיך ניט נידעריגער פון דיר נור — ע מ ך...

אגב איז דאָ אויך דאָ דער רמז פון די חכמי המוסר אז דאָס וואָס מען גיט דעם עני בלייבט שטענדיג „עמך", ווייל „הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד" און „אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות אלא תורה ומעשים טובים בלבד".

תרומה

המשכן — תרומתו, הקמתו והשראת שכינתו

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.

ויקחו לי תרומה. מי שנאמר בו לה׳ הארץ ומלואה אשר לו הים והוא עשהו, הן לה׳ אלקיך השמים ושמי השמים הוא צריך לבו״ד אלא שחומד לישראל לשרות שכינתו בהם כאב שמחמד לבניו.
(ילקוט תרומה פ׳ כה).

לויט דעם ציטירטען ילקוט איז דער משכן געווען אַ מתנה וואָס גב״ה האָט געגעבען זיין אויסדערוועהלטען פאָלק: „שחומד לישראל לשרות שכינתו בהם״, דען ביי הקב״ה אַליין כביכול, דער „מקומו של עולם״, איז דאָך בכלל ניט שייך קיין צמצום המקום. איז עס טאַקע אויך אין פולער איינקלאַנג מיט׳ן צווייטען מאמר חז״ל: „ושכנתי בתוכם — בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד״ לויט וועלכען עס קומט אויס אַז דער „ושכנתי בתוכם״ איז אַ פירוש צום „ועשו לי מקדש״, אַז ניט דער „לי״ איז דאָ דער עיקר נור דער „בתוכם״.

דאַגעגען אָבער אונטערשטרייכט רש״י דעם ערשטען „לי״ פון „ויקחו ל י תרומה״ און טייטשט אויס „לי — לשמי״.

אויבערפלעכליך קען עס אויסזעהן ווי אַ שטיקעל סתירה דער ערשטער „לי״ וואָס מיינט „לשמי״ מיט׳ן צווייטען „לי״ וואָס מיינט גראַדע „בתוכם״ ?

אין אמת׳ן אָבער איז ניט בלויז וואָס איז קיין סתירה ניט נור פאַר־קעהרט עס איז אַ מין „בא זה ולימד על זה״. דער ערשטער לי שטעהט ביים „ויקחו לי תרומה״ וועהרענד דער צווייטער ל י שטעהט שוין ביים „ושכנתי״ און עס איז הא בהא תליא, דער ושכנתי בתוכם איז אַ רעזולטאַט פון דעם „לי־לשמי״.

תרומה

כדאי צו דערמאָנען וואָס דער דובנער מגיד ערקלעהרט וועגען די נדבות המשכן „זהב וכסף ונחושת". אייגענטליך זיינען דאָך דאָס ערדישע מאַטעריאַלען, גשמיות׳דיגע אַרטיקלען און אַ געטליכער משכן וואָלט דאָך גיכער געפּאַסט אויסגעבויט צו ווערען פון הימלישע מאַטעריאַלען, אַ מין אורות העליונים? השי"ת האָט אָבער געוואָלט — זאָגט דער דובנער — אַז דער משכן זאָל געבויט ווערען מיט אַזעלכע מאַטעריאַלען אין וועלכע עס זאָל זיך אויסדריקען די „אהבת ישראל למקום" וואָס דאָס איז אייגענטליך דער העכסטער וואונש פון דער געטליכקייט, דען וואָס איז נאָך דאָ גרעסער פאַר דעם „ואהבת את ה׳ אלקיך". אהבה איז דאָך אָבער אַ דבר רוחני און ווי קען מען מיט רוחניות בויען אַ בנין אפילו ווען דער דאָזיגער בנין איז טאַקע אַ משכן. אָבער ד אָ ך אַ בנין? האָט דערפאַר גאָט פאַרלאַנגט אַז דער בנין זאָל געבויט ווערען פון אַזעלכע מאַטעריאַלען וואָס זיינען ביים מענשען אַממעהרסטענס טייער און חשוב ווי צוב"ש גאָלד און זילבער וואָס „נפשו של אדם מחמדתן", און אויב אָט די טייערע זאַכען אין וועלכע עס איז אַריינגעשמאָלצען די מענשליכע ליעבע, אויב ד אָ ס ווערט אַוועק־געגעבען צו גאָט ווערט דאָך מיט זיי אויך די ליעבע אַוועקגעגעבען, און אַזוי אַרום ווערט דער משכן אויסגעבויט מאהבת ישראל. דאָס האָט אויך שלמה המלך אויסגעדריקט אין שיר השירים: „אפריון עשה לו המלך שלמה מעצי הלבנון עמודיו עשה כסף רפידתו זהב מרכבו ארגמן" און צוליעב וואָס די דאָזיגע מאַטעריאַלען? ווייל — „תוכו רצוף א ה ב ה מבנות ירושלים"...

און דאָס מיינט דער פסוק: „מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי", דער עיקר איז דאָ דער „אשר ידבנו ל ב ו", די נדבת ה ל ב, דער „ואהבת את ה׳ בכל ל ב ב ך". ווי קען מען אָבער נעמען ביי זיי די דאָזיגע „אהבת הלב"? דאַרויף זאָגט דער פסוק: „וזאת התרומה אשר תקחו מאתם", אָט די תרומה, די אהבת הלב, קענט איר נעמען ביי זיי דורך „זהב וכסף ונחושת" אין וועלכע עס איז, ווי געזאָגט, אַריינגעשמאָלצען זייער ליעבע און דורכדעם איז „קחו מ א ת כ ם תרומה" איז די תרומה אַ וועזענטליכער חלק פון אייך אַליין — מ א ת כ ם...

דאָס האָבען טאַקע די אידען אַרויסגעוויזען ביי זייערע נדבות המשכן ווען עס איז געווען „ויבאו האנשים על הנשים", מען האָט זיך געשטופּט

וואָרט און צייט

איינער אויף'ן אַנדערען און יעדערער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער, אַזוי ליעב איז עס געווען ביי זיי.

און געטאָן האָבען זיי עס דורכ'ן „ו י ב א ו", אַליין געקומען און ניט אָפּגעשיקט דעם ביישטייערונג דורך אַ שליח — ווידער אַ צייכען פון ליעבשאַפט.

די הנהגת הקב"ה ווי באַוואוסט געהט דאָך שטענדיג אין דער ריכט־ליניע פון „מדה כנגד מדה" — „אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם ואני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם", אין פּאַראַלעל צום „ה' אחד" קומט דער „גוי אחד", איז דערפאַר ווען גב"ה האָט געוואָלט ברענגען צום אויסדרוק דורכ'ן „ושכנתי בתוכם" זיין „אהבת המקום לישראל" האָט פריהער געמוזט קומען צום אויסדרוק די „אהבת ישראל למקום", דער „אתם עשיתוני חטיבה" האָט געדאַרפט קומען אַלס תנאי מוקדם צום „ואני אעשה אתכם חטיבה" — און דער „לי — לשמי" אַלס פאָר־באַדינג צום „לי — ב ת ו כ ם".

ווי ווייט עס איז אויסגעהאַלטען דער דאָזיגער כלל פון „מדה כנגד מדה", איז צו זעהן פון דעם פאָלגענדען ציטירטען מאמר חז"ל:

> אר"י א"ר כל מה שעשה אברהם למלאה"ש בעצמו עשה הקב"ה לבניו בעצמו וכל מה שעשה אברהם ע"י שליח עשה הקב"ה לבניו ע"י שליח: ואל הבקר רץ אברהם — ורוח נסע מאת ה'; ויקח חמאה וחלב — הנני ממטיר לכם לחם מן השמים; והוא עומד עליהם תחת העץ — הנני עומד לפניך שם על הצור; ואברהם הולך עמם לשלחם — וה' הולך לפניהם יומם; יוקח נא מעט מים — והכית בצור ויצאו ממנו מים ושתה העם (ב"מ פו עב).

קען טאָקע בדרך רמז ומליצה אויסגעטייטשט ווערען דער: „וה' אָמר המכסה אני מאברהם אשר אָני עושה" אַז אויסער וואָס דאָס באַציהט זיך אויף דער הפיכת סדום ועמורה איז דאָ אויך געווען אַ מין קריטיק אויף דעם „יוקח נא מעט מים" וואָס איז געטאָן געוואָרען ע"י שליח. השי"ת האָט געוואָלט ציינגען אברהם'ן דעם „הדבק במדותיו", אַז אויך ער, אברהם, זאָל נאָכפאָלגען דעם ביישפּיעל פון „אשר א נ י עושה" ווי עס איז געווען דער פאַל פון „וירא אליו ה'", אַז גאָט אַליין איז געקומען מקיים זיין די מצוה פון בקור־חולים און האָט עס ניט געטאָן ע"י שליח. דאַרויף האָט

תרומה

גאָט געזאָגט: „למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו ד ר ך ה׳ לעשות צדקה ומשפט״, אַז אין צדקה ומשפט און אַלע אַנדערע עניני מצוה זאָלען זיי היטען דעם „דרך ה׳ ״, זיך פיהרען ווי כביכול השי״ת אַליין פיהרט זיך, צו טאָן אַליין די מצוה און ניט ע״י שליח, וועט דער אויסגאַנג דערפון זיין — „למען הביא ה׳ על אברהם את אשר דבר עליו״, אַז השי״ת וועט אויך אַ ל י י ן ברענגען די אַלע גוטע זאַכען אויף אברהם׳ן און ניט דורך אַ שליח, ווי ס׳איז טאַקע געווען מיט די אַלע זאַכען וואָס די גמרא רעכענט אויס אַז „כל מה שעשה אברהם למלאה״ש בעצמו עשה הקב״ה לבניו בעצמו״.

ווי שעהן קלינגט דעריבער דער „ושכנתי בתוכם — בתוך כל אחד ואחד״, אַז בעת זיי געהען מקיים זיין דעם „ועשו לי מקדש״, זאָל דאָס גע־טאָן ווערען אין אַזאַ וועג אַז „ושכנתי בתוך כל אחד ואחד״, די געטליכקייט זאָל זיין פאַרטראָטען אין דעם „ועשו״, אַזוי אַז יעדער עשיה פון משכן זאָל קאָפירט ווערן פון דער געטליכקייט, פון דעם „דרך ה׳ ״, וואָס מיינט אַ ל י י ן צו טאָן און ניט דורך אַ שליח, און ממילא וועט אויך זיין „ושכנתי״, איך אַליין — אני ולא מלאך אני ולא שליח.

האָבען עס טאַקע די אידען אויסגעפאָלגט און „ו י ב א ו האנשים״, זיי זיינען אַליין געקומען...

געקומען אַליין און אַליין זיך אַוועקגעגעבען, ס׳איז געווען אַ תרומה פון מ א ת כ ם... און האָבען דאַדורך מעגליך געמאַכט די געגענזיי־טיגע אהבה; דורכ׳ן „ואהבת את ה׳ אלקיך״ איז געקומען דער „אהבתי אתכם אמר ה׳ ״; ס׳איז געווען „שמים וארץ נשקו״ און האָבען צוזאַמענגעבראַכט דעם בית־המקדש של מעלה מיט דעם בית־המקדש של מטה.

תצוה

הכהן והמנהיג — כלפי חוץ וכלפי פנים

ועשית בגדי קדש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת.

גאַנצע פרשיות זיינען אין אונזער תורה געווידמעט געוואָרען צו די בגדי כהונה, גאַנצע הלכות און דינים זיינען אָנגעשריבען געוואָרען וועגען זיי; כאָטש אייגענטליך איז דאָך דער בגד ניט מעהר ווי אַ דבר חצוני — עס האָט דאָך מיט די פנימיות גאָר ניט צו טאָן, איז בשעת עס האַנדעלט זיך אין קדושה וואָס איז דורכאויס אַן אינערליכע זאַך, האָט דאָך דער לבוש החצוני ניט געדאַרפט פאַרנעמען אַזאַ וויכטיגען אָרט, ס׳איז דאָך „ה׳ יראה ל ל ב ב״, טאָ וואָס איז די נפקא מינא ווי דער אויסערליכער לבוש קוקט אויס?

די תורה גופא גיט אָבער די דערקלעהרונג דערצו אין די צוויי ווער־טער: „ל כ ב ו ד ו ל ת פ א ר ת״.

דעם כהן׳ס פונקציע איז ניט בלויז אַן אינערליכע נור אויך אַן אוי־סערליכע. די עבודת פנים און עבודת חוץ פון דער כהונה איז זעהר סימ־באָליש דאָפיר. דער כהן איז דער מורה העם, דער לעהרער פון די גרויסע פאָלקס מאַסען: „כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו״; און אַלס לעהרער און מדריך פון פאָלק שפיעלט שוין די חצוניות אויך אַ גאָר באַדייטענדע ראָלע. ס׳איז טאַקע „ה׳ יראה ללבב״, ס׳איז אָבער „האדם יראה לעינים״ און קוים האָט עס צו טאָן מיט׳ן א ד ם, דאָ האָט שוין די אויסערליכקייט אויך פיעל צו זאָגען. ביי די עבודת פ נ י ם מעג זיך טאַקע זיין פשוט׳ע קליידער, „בגדי ל ב ן״, ביי די „עבודת ח ו ץ״ אָבער, דאָרט וואו דער כהן קומט אין קאָנטאַקט מיט׳ן דרויסען, מיט׳ן פאָלק, ל כ ב ו ד ו ל ת פ א ר ת!
דאָרט מוז שוין זיין „בגדי ז ה ב״.

תצוה

מען קען ניט זיין ערפאָלגרייך אין די עבודת חוץ, אין די הדרכה פון פאָלק אויב דער לעהרער ווערט ניט געהעריג רעספעקטירט און געהעריג געשעצט ביי די אויף וועמען זיין השפעה דאַרף אויסגעאיבט ווערען, און: „רבי יוחנן קרי למאניה מכבדותא" (שבת קיג). די שעהנע אינטעליגענטע קליידונג, די איצטלא דרבנן דאָס רופט אַרויס הויכשאַצונג און פאַרעהרונג, דאָס אימפּאָנירט די מאַסען און זיי ווערען דורכגעדרונגען מיט דעם געהע־ריגען געפיהל פון יראת הכבוד.

אַקוראַט ווי די גרויסע שעהנע שילד איבער'ן רייכען געשעפטס־הויז אָדער דאָס שעהן אויסגעפוצטע פענסטער דיענען אַלס צוציהונגס קראַפט פאַר דעם דרויסענדיגען פאַרבייגעהער, אַזוי דינט אויך דער אויסערליכער שעהנער לבוש פון דעם כהן אָדער לעהרער אַלס כח המושך פאַר דעם „עמך", אַריינגעצויגען ווערען אין זיין מחיצה און ווערען פון די וואָס „ותורה יבקשו מפיהו".

קען אָבער אַמאָל טרעפען אַז די חיצוניות זאָל קאַליע מאַכען די פנימיות; זייענדיג אויסערליך אָנציהענד מעהר פאַר אַן אַנדערען און ציהענדיג אויף זיך דורך זיין אוניפאָרמירטע טראַגע מעהר אויפמערקזאַמקייט פאַר אַן אַנ־דערען, קען ער דורכדעם אַריינפאַלען אין גאוה און ממילא שוין ניט זיין ווירדיג געננוג צו פאַרטרעטען אַזאַ הויכע פּאָזיציע וועלכעס די השגחה האָט איהם אָנפאַרטרויט. קומט דעריבער די תורה און זאָגט: „והיו על אהרן ל ש ר ת". די זעלבע בגדים וואָס כלפי חוץ דאַרפען זיי דיענען „לכבוד ולתפארת", כלפי פנים אָבער, פאַר'ן כהן אַליין, דאַרפען זיי דיענען דעם צוועק פון „לשרת"; ער דאַרף זיך דורך זיי דערמאָנען אַז די פונקציע איז ל ש ר ת, ער איז דער משרת ה' און אַלס משרת איז שוין ניטאָ קיין פלאַץ פאַר קיין גאוה. אַ משרת דאַרף שטענדיג אין זינען האָבען דעם בעל הבית און אין דעם פאַל מיינט עס דאָך כביכול גאָט אַליין, און דאָרט וואו עס איז „שויתי ה' לנגדי תמיד" וועט שוין די פנימיות ניט לײדען דורך די חצוניות.

האָבען פאָלגליך די בגדי כהונה ערפילט אַ טאָפּעלע פונקציע. פון איין זייט האָבען זיי דעם כהן מטהר ומזכך געווען; זיי האָבען איהם יעדען אויגענבליק דערמאָנט אין זיין הויכען אַמט וואָס ער באַקליידט, אַלס משרת ה' און פון דער צווייטער זייט האָבען זיי אַרויפגעוואָרפען אַ יראַת הכבוד

אויף'ן פאָלק און זיין השפעה האָט אַזוי אַרום געקענט זיין דערגרייכבאַר צו די גרויסע אידישע מאַסן.

און די ביידע זאַכען זיינען געווען געקניפּט און געבונדען. וואָלטען די בגדי כהונה ניט ערפילט די פונקציע פון „לשרת" פאַר'ן כהן אַליין, וואָלטען זיי שוין אויך ניט געקענט ערפילען די צווייטע פונקציע; אויב די בגדי כהונה וואָלטען געבליבען בלויז ביי די חצוניות, וואָלט דאַן דעם כהן'ס השפעה אויך געווען בלויז אַן אויסערליכע און וואָלט ניט אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון פאָלק, ווייל נור דעמאָלט ווען עס איז „דברים היוצאים מן ה ל ב" נור דאַן קען אויך זיין „נכנסים אל ה ל ב"...

האָט דאָך טאַקע די תורה אונטערשטראָכען דעם „וכפר בעדו" אַלס תנאי מוקדם צום „בעד כל קהל ישראל", פריהער מוז מען אַליין זיין ריין קען מען דערנאָך אויך אַנדערע ריין מאַכען...

„ונשמע קולו בבואו אל הקדש ובצאתו ולא ימות", פריהער דאַרף דער כהן דערהערען דעם „קול", דעם מ ע ס ע ד ז ש, פון זיינע בגדי כהונה „בבואו אל הקדש", ווען ער איז אינעווייניג, פאַר זיך אַליין און ערשט נאָכדעם „ובצאתו", ווען ער געהט אַרויס צום פאָלק. און נור דורך אַזאַ פּראָצעס איז — „ולא ימות", וועט דער דאָזיגער ק ו ל זיינער ניט אָפּשטאַרבען, עס וועט ניט זיין קיין פאַרביילויפיגע השפעה פון אַ צייטווייליגען כאַראַקטער נור אַ דויערהאַפטיגע, עס וועט זיין „נכנסים אל הלב".

איז די דאָזיגע פרשה ניט נור אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט נור אויך אַ פרשה לדורות.

היינט איז טאַקע „אין לנו כהן בעבודתו" אָבער מנהיגים און גייסטיגע פאַרשטעהער האָבען מיר היינט אויך און דאָס וואָס דער כהן איז געווען אַמאָל, דאָס איז דער גייסטיגער פיהרער אין געשטאַלט פון רב, היינט.

און אויב מיר געפינען אַז פון איין זייט האָבען אונזערע חכמים שטאַרק געוואָרענט אַ תלמיד חכם וואָס „נמצא רבב על בגדו" (שבת קיד) און פון צווייטען זייט האָבען זיי געזאָגט „כל תלמיד־חכם שאין תוכו כברו אינו ת"ח" (יומא עא) זיינען אָט די ביידע זאַכען אַ פאָלשטענדיגע קאָפּיע פון דעם דער־מאָנטען תורה־פסוק ביי די בגדי כהונה.

אונזערע חכמים האָבען אַוועקגעשטעלט דעם ת"ח, דעם גייסטיגען מורה העם אין דער זעלבער פּאָזיציע פון דעם אַמאָליגען כהן גדול און אַזוי ווי ביים

תצוה

כהן אַזוי אויך ביים ת״ח דאַרף דער פּנים מיט דעם חוץ ביידע געהעריג אָפּגעהיט ווערען, ער דאַרף געדענקען די וואָרנונג פון „רבב״ כלפּי חוץ און די וואָרנונג פון „תוכו כברו״ כלפּי פּנים.

ליידער טרעפען מיר אָבער זעהר זעלטען היינט צו טאָג אַז די ביידע זאַכען זאָלען געהן צוזאַמען, ס׳איז ענטוועדער אָדער. ביי די גאַנצע אָדער האַלב רעפאָרמירטע „רבנים״ ווערט די גאַנצע געוויכט געלייגט אויף דעם ח ו ץ. זייער אוניפאָרמירטער לבוש איז פול מיט פּראַכט און גלאַנץ, ניטאָ קיין „רבב על בגדם״. ברענגט עס זיי טאַקע דעם געהעריגען רעספּעקט, זיי זיינען ביי זייערע געמיינדען זעהר געאַכטעט, מ׳האַלט זיי אויס אויף אַ זעהר בכבוד׳יגען אופן: וויסען ניט פון קיין אַרמוט און נויט, לעבען היבש בהרחבה׳דיג און זיינען ווי דער פּסוק זאָגט „לכבוד ולתפארת״. דערפאַר אָבער איז דער פּ נ י ם זייערער מלא פגימות, ס׳איז אַ איצטלא דרבנן אָהן ר ב נ ן, ס׳איז ניט „תוכו כברו״, דער ב ר ו שעהן, עלעגענאַנט, דער ת ו כ ו — פּוסט און לעהר. קען דער דאָזיגער טיפּ „רב״ באַין אופן ניט פאַרשטעלען מיט זיך דעם יורש און נאָכפאָלגער פון דער אַמאָליגער כהונה. זיינע בגדים שטעלען מיט זיך פאַר דעם „לכבוד ולתפארת״ אָבער ניט דעם „ ב ג ד י ק ד ש ״...

פון אַנדערען זייט ווידער האָבען מיר דעם פרומען אָרטאָדאָקסישען רב ביי וועמען דער פּ נ י ם איזווירקליך שעהן און פיין, און אַזוי ווייט וואָס אָנבאַלאַנגט „בגדי ק ד ש״, קומט עס נאָך מיט אַלע פּינקטליכקייטען די בגדי כהונה, פעלט אָבער אין זיי דער „לכבוד ולתפארת״; די חצוניות איז ווייט ניט אין אָנקלאַנג מיט די פאַרשריפטען פון די בגדי כהונה.

ביים כהן גדול איז געווען אַ פאַרזאָג אַז „גדלהו משל אחיו״, דאָס פאָלק האָט געדאַרפט זאָרגען פאַר דעם כהן׳ס אַלע באַקוועמליכקייטען, ער האָט ניט געטאָרט וויסען פון קיין נויט און פון קיין אַרמוט, אַ פּרינצליכע באַ־האַנדלונג האָט מען איהם געדאַרפט געבען.

ווי אָבער באַהאַנדעלט מען אונזערע אָרטאָדאָקסישע רבנים? זייער לוין איז אַ הונגער לוין און זייער אָרימע שטיקעל ברויט איז אַ „נהמה דכסופא״, און קענען שוין דעריבער ניט נאָכקומען דעם פאַרבאָט פון „רבב על בגדו״; איז שוין אויך ביי דעם טיפּ ניט תוכו־כברו נור אין אַ פאַרקעהרטער ריכטונג: דער ת ו כ ו פיין און שעהן, דער ב ר ו אָבער... אוי דער

וואָרט און צייט

ב ר ו !... קען שוין אַזאַ רב אויך ניט זיין דער אמת'ער יורש פון דער כהונה, ער קען ניט האָבען די געהעריגע השפעה אויף זיינע נאָכפאָלגער ווייל „האדם יראה לעינים" און פאַר דער אויסערליכער אויג איז אין אַזאַ פאַל „חכמת המסכן בזויה"...

אַן אַליגאָריש פאָלקס מעשה'לע דערצעהלט וועגען אַ באַגעגעניש פון דעם אמת מיט דעם שקר. דער שקר איז געווען געקליידעט שלעפעריש, קרוע־ובלויי ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ נידעריגע באַשעפעניש; דער אמת אָבער איז געווען געקליידעט אין מלבושי־כבוד, שעהן און עלעגענאַט. פאַרלאַנגט דער שקר ביים אמת איהם אויסצובאָרגען זיינע מלבושים איבער נאַכט כדי ער זאָל קענען געהן זיך אונטערהאַלטען ביי אַ געוויסע הולאייקע און פאַר־זיכערט דעם אמת גלייך צומאָרגענס די קליידער איהם צוריקברענגען. דער אמת וועלכער ווייסט דאָך ניט פון קיין שווינדעל האָט נאַטירליך גאָר ניט פאַרדעכטיגט און האָט דעריבער דעם שקר'ס בקשה זעהר גערן ערפילט. דער שקר האָט זיך איבערגעקליידעט ביים אמת אין הויז און דאָרט איבער־געלאָזען זיינע אייגענע מלבושים. דער מאָרגען איז געקומען און נאָך איהם נאָך היבשע עטליכע מאָרגענס און דער שקר ווייזט זיך ניט פאַר די אויגען, דען דערפאַר איז ער דאָך דער שקר... דער אמת, ניט האָבענדיג צוריקגע־קראָגען זיינע מלבושים האָט ער באין ברירה געמוזט אָנטאָן די אָרימע שקר מלבושים. פון דאַן אָן געהט דער שקר אויסגעפּוצט ווי אַ שררה און ווערט פון אַלעמען רעספּעקטירט וועהרענד דער אמת געהט נעבאָך קרוע־בלויי, שלעפּעריש און אָבגעלאָזען און קיינער וויל דעריבער מיט איהם ניט פאַר־קעהרען..

איז די דאָזיגע פאָלקס מעשה'לע ריכטיג צוגעפּאַסט צום היינטיגען לעבען וואו דער שקר פאַרנעמט דעם כסא־כבוד און דער אמת ליגט נעבאַך פאַרשטעקט ערגעץ אונטער'ן באַנק...

איז די היינטיגע פרשה אַן אויפריכטיגע לעקציע אויך פאַר היינטיגע צייטען, און וואָלט מען נור נאָכגעקומען די דאָזיגע פאַרשריפטען פון די בגדי כהונה וואָלט דאַן דאָס אָרטאָדאָקסישע רבנות אַ גאַנץ אַנדער פנים גע־האָט און ממילא דאָס גאַנצע אָרטאָדאָקסישע אידענטום אַנדערש אויסגעקוקט...

ועשית בגדי קדש — ל כ ב ו ד ו ל ת פ א ר ת !

כי תשא

העגל וסיבתו — ירושת הדורות

כי זה משה האיש לא ידענו מה היה לו.
(לב־א).

כי זה משה האיש. חטאו בזה ולקו בזה ומתנחמים בזה חטאו בזה כי זה משה האיש ולקו בזה על זה היה דוה לבנו ומתנחמים בזה זה ה׳ קוינו לו.
(ילקוט שמות לב).

ביי פרה אדומה שטעהט „זאת חקת התורה״ און רש״י קאָמענטירט דאַרויף: „לפי שהשטן ואוה״ע מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה לפיכך כתוב בה ח ק ה גזירה היא מלפני אין לך רשות להרהר אחריה״.

אויב אָבער די „פרה״ וואָס לויט רבי משה הדרשן איז זי אַ כפרה אויף׳ן עגל „תבא הפרה ותכפר על העגל״, איז אויב זי, די פרה, איז אַ חקה, אַן אומפאַרשטענדליכע זאַך, איז דוכט זיך, דער עגל אַליין נאָך מעהר אומפאַרשטענדליך. דען ווי לאָזט זיך עס ערקלעהרען: אַ פאָלק וואָס האָט מיט זיינע אויגען אַליין געזעהן אַזעלכע נסי מצרים „אותות ומופתים באדמת בני חם״, אַ וואונדערבאַרע גאולה, נאָכהער אַ מעמד הר סיני מיט אַזאַ התגלות אלקות, אַליין געהערט מפי הגבורה „אנכי ולא יהיה לך״ און פלוצ־לונג — אַן עגל הזהב!?...

די איינציגע טיילווייזע ערקלערונג וואָס קען דערצו געגעבען ווערען איז אפשר בלויז דערמיט וואָס דאָס איז געווען אַ מין „להורות תשובה לרבים״ דער דור המדבר האָט געדאַרפט אויסטרעטען אַ וועג פאַר די אַלע קומענדיגע דורות און זיינע פעלערען האָבען געדאַרפט דינען אַלס אָנזאָג אַז אַזעלכעס זאָל ניט ווידערהאָלט ווערען און אויב גאָט האָט געזאָגט

וואָרט און צייט

„וביום פקדי ופקדתי" און ווי רש"י קאָמענטירט דאַרויף אַז „אין פורעניות באה על ישראל שאין בה קצת מפרעון עון העגל", זעהט דערפון אויס אַז אויב דער פרעון עון העגל איז געבליבען אַ ירושה לדורות איז דער עון העגל אַליין אויך געבליבען א ירושה לדורות... משמעות אַז די סיבה פון עגל איז אַזאַ וואָס צירקולירט אין אַלע דורות אין אין אַלע צייטען ווען אפילו ניט אַלעמאָל איז דער מסובב אויך פונקט פון זעלבען כאַראַקטער.

איז דערפאַר שוין ניט אַזוי דער עגל דער עיקר ווי די סיבה צום עגל, ווי ס'איז אויך דער פאַל ביי פיזישע קראַנקהייטען וואו די הויפט זאַך איז אַוועקשטעלען די דיאַגנאָזע פון דער קראַנקהייט כדי צו קענען באַזייטיגען די סיבה.

און די סיבה איז אויסגעדריקט געוואָרען אין צוויי איינציגע ווערטער: „סרו מהר"!

דער „מהר" איז געווען די הויפט סיבה צום גאַנצען אומגליק. „פון איילעניש און פון יאָגעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס", לויטעט אַ פאָלקס ווערטעל, און דאָ ליגט אַ גרויסער אמת. יעדער זאַך און יעדער טהאַט מוז האָבען היבש ישוב הדעת אידער עס ווערט געטאָן. דאָס איז אַ כלל סיי ביים יחיד און סיי ביים צבור. ספאָנטאַנע און ניט איבערגעלייגטע זאַכען זיינען רובא דרובא אַ דורכפאַל. און איבערלייגונג מיינט, זיך אַרומצוקוקען פון אַלע זייטען און איבערהויפט שטודירען דאָס פאַרגאַנגענע, דעם „עבר", ווייל דער עבר איז שטענדיג דער יסוד פאַר דעם „עתיד". אַריינקוקענדיג אין עבר האָט מען פאַר זיך אַ געשיכטליכע בילד פון פאַסירונגען וואָס זיינען שוין געווען. די גוטע פון זיי לאָזען זיך קאָפּירען, די שלעכטע ווידער זעהט מען דאָך שוין פאַר זיך זייער אויסגאַנג און די ווידערהאָלונג פון אַזעלכע טעות'ן ווערט שוין פאַלגליך פאַרמיטען.

וואָלטען די אידען אין מדבר אויך געגאַנגען אין דער דאָזיגער ריכט־ליניע, זיי וואָלטען געבליקט צום עבר וואָלט דאַן דער דאָזיגער עגל־אומגליק זיכער אויסגעמיטען געוואָרען. דען ווי פיינליך עס זאָל ניט האָבען געווען פאַר זיי דער „כי בושש משה" וואָס זיי זיינען געבליבען אַ שטיקעל צייט אָהן אַ מנהיג, איז עס נאָך אַלץ ניט געווען אַזוי קריטיש ווי זייערע קריטישע סיטואַציעס אין דער פאַרגאַנגענהייט. די לאַגע ביים ים סוף וואו זיי זיינען געווען אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט מורא'דיגע סכנות, דאָס בלייבען

כי תשא

אין מיטען מדבר אָהן וואַסער, דער פלוצימדיגער איבערפאַל פון עמלק — אַט די אַלע זאַכען זיינען געווען געוויס געווען פון אַ מעהר קריטישען כאַראַקטער ווי דאָס בלייבען אַ שטיקעל צייט אָהן אַ פיהרער, און וואָלטען זיי זיך עראינערט אין יענער נאָהנטער פאַרגאַנגענהייט, וואָלט יענער עבר גע־שטאַנען פאַר זייערע אויגען, וואָלט דאָך יענע ערפאַהרונג זיי געלערענט אַז מען דאַרף ניט אַריינפאַלען אין קיין היסטעריקע און אַז ס׳איז ניטאָ קיין גרונט פאַר קיין יאוש און וואָלטען דאַן ניט אויסגעביטען דעם „ויאמינו בה׳ ובמשה״ אין אַן אמונה פון אַ „שור אוכל עשב״.

עס איז אָבער געווען „ס ר ו מ ה ר״, געשווינד אָהן איבער־לייגונג, האָבען אין דער פאַרגאַנגענהייט גענצליך פאַרגעסען, פאַר זייערע אויגען איז בלויז געשטאַנען דער ה י י נ ט און ניט דער נ ע כ ט ע ן, זיי האָבען נור אין זינען געהאַט דעם „אשר ילכו ל פ נ י נ ו״, אין דעם „מ א ח ר י נ ו״ האָבען זיי גענצליך פאַרגעסען און דערפון די פאַרצוויפ־לונג, דערפון דער יאוש און דערפון דער אומפאַראַנטוואָרטליכער שענדליכער טהאַט.

ווי ריכטיג צוגעפאַסט איז דעריבער געווען פאַר זיי דער נאָמען „עם קשה עורף״, מיט וועלכען גאָט האָט זיי באַטיטעלט. דער וואָס ליידעט פון „קשיות עורף״, פון האַרטנעקיגקייט קען בלויז קוקען אין איין ריכטונג, אין פראָנט, ער קען דעם קאָפּ ניט אויסדרעהען ניט אין די זייטען און געוויס ניט הינטערוויילעכץ. די אידען זיינען אויך געווען אָנגעגריפען מיט קשיות־עורף. זיי האָבען נור געקוקט צום „לפנינו״, דעם „מאחרינו״, די פאַרגאַנ־גענהייט האָבען זיי אין גאַנצען פאַרגעסען, אָהין צום „עבר״ האָבען זיי דעם קאָפּ ניט אויסגעדרעהט. דער זעלבער שטן וואָס האָט זיי געוויזען „דמות חשך ואפלה״ (רש״י) האָט זיי אויך פינסטער געמאַכט דעם וועג וואָס פיהרט צו דער פאַרגאַנגענהייט. עס האָט געפעלט דער „והסר שטן מ א ח ר י נ ו״ און דערפאַר זיינען זיי נכשל געוואָרען.

אָבער — „חטאו בזה ולקו בזה ומתנחמים בזה״ און אויך דאָס איז אַ געשיכטליכער פראָצעס. מען אַנטלויפט פון גאָט און מען לויפט צום עגל, אָבער אין דעם זעלבען עגל וואו מען דענקט צו געפינען די ישועה, דאָרט גופא כאַפּט מען די מפלה און מען לויפט נאָכהער צוריק צום אַלטען קוואַל, צו דער אַלטער אמונה וואו מען זוכט די נחמה...

וואָרט און צייט

אין אונזער דור האָט די אידישע לאַגע אין היטלער־לאַנד געגעבען דעם ריכטיגען ביישפּיעל. פאַר יאָהרענלאַנג האָט די מכה פון אַסימילאַציע פּי־בעריש געבושעוועט אין יענעם וועלט טייל פון דער אַריסטאָקראַטישער אייראָפּא, מען איז אַנטלאָפען פון דער אידישער טראַדיציע און זיך געוואָרפען אין די אָרעמס פון דער מאָדערנער עגל־אַסימילאַציע, אָבער דאָס האָט ווינציג געהאָלפען, און פון דעם „חטאו בזה" איז געקומען דער „לקו בזה". די היטלער גזירות וועלכע האָבען געשלאָגען אויף רעכטס און לינקס און ניט אויסגעלאָזען אפילו יענע וועמעס עגל־יחוס איז שוין געווען בבחינת „עגלה משולשת" ד ר י י דורות משומדים, אפילו ביי אַזעלכע איז אויך געווען „לקו בזה"... און דער דאָזיגער לקו־בזה האָט טויזענטער פון זיין צוריקגעטריבען צום „הנה אלקינו זה" און דאָרט געזוכט די שטיקעל נחמה — „ומתנחמים בזה"...

משה אָבער האָט פון זיין זייט גראָדע אויסגענוצט דעם „עם קשה עורף" צו געפינען אין דעם גופא די פאַרטיידיגונג:

ויִשב משה אל ה׳ ויאמר אנא חטא העם הזה חטאה גדולה ויעשו להם אלהי זהב ועתה אם תשא חטאתם.

איז עס דאָך אייגענטליך אומפאַרשטענדליך: אויב משה וויל פיהרען צום „אם תשא חטאתם" טאָ ווי פּאַסט די הקדמה פון „אנא חטא העם הזה חטאה ג ד ו ל ה", ער האָט דאָך אדרבה באַדאַרפט זוכען פאַרקלענערען די זינד און ניט זוכען אונטערשטרייכען דעם „חטאה ג ד ו ל ה"?

מעגליך אָבער אַז דאָ איז געווען אַ מין תשובה נצחת צו גאָט׳ס ווער־טער: „ראיתי את העם הזה והנה עם קשה עורף הוא" וואָס, ווי אויבענ־געזאָגט, איז דאָ געווען אַן אויסזעצונג פאַר דעם ניט־קוקען אין דער פאַר־גאַנגענהייט. אויב אַזוי, טענה׳ט משה, דאַרפסטו גאָט דאָך אויך קוקען אין דעם עבר און דאַן וועסטו דאָך אַז „חטא העם חטאה גדולה", אין מצרים נאָך זיינען זיי דאָך שוין געווען אָנגעגריפען מיט די עגל זינד, ס׳איז דאָך דאָרטען אויך געווען „הללו עבודה זרה והללו עע״ז", איז עס דאָך שוין ביי זיי אַ מין כראָנישע קראַנקהייט וואָס דאַרף נעמען היבש צייט אויף אויס־קורירען און מען מוז האָבען געדולד...

דער פּועל־יוצא פון דער גאַנצער עגל־פּרשה איז אָבער ווי געזאָגט, דאָס וואָס עס דאַרף זיין „להורות תשובה לרבים" עס טאָר ניט זיין קיין „סרו מ ה ר" און אויב ביי אַ מצוה האָט מען אַ שטיקעל ישוב הדעת

כי תשא

דאַרף מען ביי אַן עבירה אודאי האָבען... און עס טאָר אויך ניט זיין קיין „קשיות עורף", מען דאַרף שטענדיג אויסדרעהען דעם קאָפּ צום פאַרגאַנגענען עבר און זיך האַלטען פעסט אין זיינע טראַדיציעס, וועט מען דורכ'ן עבר געפינען די גראַדליניגקייט צו הוה און צום עתיד.

ויקהל

התרכזות הקדושה בזמן ובמקום

ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם — — — ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קדש שבת שבתון.
א"ל הקב"ה למשה עשה לך קהלות גדולות ודרוש לפניהם ברבים הלכות שבת כדי שילמדו ממך דורות הבאים להקהיל קהלות בכל שבת ושבת ולכנוס בבתי־מדרשות ללמד ולהורות לישראל דברי תורה איסור והיתר.
(ילקוט ויקהל לה).

דאָס וואָס משה האָט געפּונען פאַר נויטיג אַלס אַ הקדמה צו מלאכת המשכן צו רעדען וועגען שמירת שבת, איז אויסער וואָס דאָס ווייזט פון הלכה שטאַנדפּונקט אַז מלאכת המשכן איז ניט דוחה שבת איז דאָ אויך פאַראַן אַ מאָראַלישע לעהרע וואָס זאָגט אַז דיביידע זאַכען, משכן און שבת זיינען ענג פאַרבונדען איינס מיט דאָס אַנדערע און זיינען אונטיילבאַר און אויב ניט קיין שמירת שבת איז דאַן אויך קיין משכן ניט נויטיג.

משכן און שבת האָבען אין אמת'ן איינע און די זעלבע פונקציע. משכן באַצייכענט די קדושה פון אָ ר ט וועהרענד שבת באַצייכענט די קדושה פון צ י י ט. שווער פאַר אַ אידען אין די ששת ימי המעשה ווען מען איז פאַרהאָוועט און פאַריאָגט און אַריינגעטאָן אין די מ"ט שערי חולין, שווער, זעהר שווער, זיך דעמאָלט אַרויסשיילען פון דעם מאַטעריעלען לעבען און זיך אויפהויבען פון דעם ערדישען תהום צו די העכערע ספערען, פון דעם גשמיות'דיגען עולם־הזה צום רוחניות'דיגען עולם־הבא.

ס'איז דאַרום נויטיג אַ געוויסער טאָג פון רוה, ווען דער גאַנצער מאַטעריעלער אַפּאַראַט פון דאָס וואָכעדיגע לעבען זאָל מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט ווערען; די טרדות און זאָרג איבער דעם היינט און מאָרגען זאָלען פאַרגעסען ווערען; דער נפש זאָל קריגען די ממשלה איבער'ן גוף, דער רוח איבער'ן

ויקהל

חומר און אַזוי אַרום וועט מען קריגען די נשמה יתירה דורך וועלכע מען וועט זיך קענען דערשלאָגען צום תכלית, צום ציעל פון לעבען.

אָט דאָס איז די עלעמענטאַרישע באַדייטונג פון דעם אידישען שבת וואָס דריקט זיך אויס אין דער קורצער פאָרמולע פון „יום מנוחה וקדושה לעמך נתת" — דורך דער מ נ ו ח ה קומט מען צו דער ק ד ו ש ה ...

איז דער שבת, ווי געזאָגט, דער קדושה צענטער פון דער צ י י ט.

און דאָס וואָס ש ב ת איז פאַר צ י י ט, דאָס איז מ ש כ ן פאַר אָ ר ט. שווער פאַר אַ אידען אין דעם גרויסען טומעל פון גאַס און אפילו אין דעם קליינעם טומעל פון הויז צו קאָנצענטרירען זיינע געדאַנקען אַרום העכערע זאַכען און איינשפּאַנען זיינע מחשבות אין דעם עולם־האצילות. דער אָ ר ט איז ניט אַנגעמאָסטען פאַר אַזעלכע זאַכען. ס'איז דאַרום נויטיג צו זיין אַ „קובע מ ק ו ם לתפלתו", אָבצאָמען אַ באַזונדער אָרט וואוהין דער דרויסענדיגער טומעל זאָל ניט קענען גרייכען, אַ מקום ק ד ו ש אין וועלכען אַלע ווינקעלאַך זאָלען אָטעמען מיט קדושה און אַלעס אַנדערש אויסער קדושה זאָל דאָרט קיין שליטה ניט האָבען.

אָט פאַר דעם צוועק איז נויטיג דער קאָנצענטרירטער קדושה־אָרט אין געשטאַלט פון אַ משכן.

דינען, ווי געזאָגט, גאָט די ביידע זאַכען, שבת און משכן, איינעם און דעם זעלבען צוועק. דאַרף מען דערפאַר די ביידע צוזאַמענפּאָרען. מען דאַרף אַריינטראָגען די קדושה פון צ י י ט אין דער קדושה פון אָ ר ט, דעם שבת אין דעם משכן, אַרבייטען זיי דאַן ביידע האַרמאָניש און דער צוועק איז עררייכט.

זאָל אָבער איינס פון די צוויי פעלען, איז דאָס צווייטע ניט מעהר ווי אַ האַלבע זאַך. זאָל זיין די רוה, דער שבת, אָבער זאָל פעלען דער אָ ר ט, דער מ ש כ ן, וועט דער דרויסענדיגער טומעל הינדערען דעם מענשענס געדאַנקען און איהם שטערען צו דערגרייכען דעם ציעל פון דער דאָזיגער רוה. רוה אַליין אָהן אַן אָ ר ט פאַר די רוה איז אויך קיין רוה ניט. מנוחה דאַרף אויך האָבען אַ מ ק ו ם מנוחה...

זאָל ווידער בלויז זיין דער אָ ר ט, דער מ ש כ ן, אָבער זאָל פע־לען דער ש ב ת איז ווידער גאָר ניט. דען וואָס קען דער משכן אויפטאָן

וואָרט און צייט

אויב עס וואָלטען געווען ש ב ע ת ימי המעשה וואָס וואָלטען באַרויבט דעם אידען פון צו קענען קומען אין משכן...

ביידע צוזאַמען זיינען דעריבער ניט מעהר ווי איין גאַנצע זאַך — „שתים שהן אחת”.

אָט דערפאַר האָט שבת געמוזט קומען אַלס הקדמה צום משכן, אָהן דעם שבת וואָלט דער משכן גאָר ניט אויפגעטאָן.

אויף וועלכער אָרט־און־וויַיזע האָט אָבער דער משכן ערפילט זיין אויפ־גאַבע, און וואָס איז געווען דער פאָרם פון דער משכן־פונקציע דורך וועלכעס דער באַשטימטער ציעל האָט געקענט ערריכט ווערען? אויף דעם וויַיזט שוין אָן דער ציטירטער טעקסט־ילקוט: „עשה לך קהלות ו ד ר ו ש לפניהם ברבים הלכות שבת כדי שילמדו ממך דורות הבאים להקהיל קהלות בכל שבת ושבת — —”

קענטיג אַז אונזערע חכמי המדרש האָבען זיך דאָ אויך אָפּגעשטעלט אויף די סמיכות הפסוקים פון „ויקהל” צו „שבת” און דערפון גע׳דרש׳נט אַז די בעסטע צ י י ט פאַר ו י ק ה ל איז ש ב ת, און דער בעסטער אָ ר ט דערפאַר איז — דער משכן.

יעדענפאַלס זעהען מיר דערפון אַז נאָך אויך דעמאָלט אין משה׳ס צייטען ווען דער גרונטשטיין פאַר׳ן משכן איז געלייגט געוואָרען האָט מען שוין אָנגעצייכענט פאַר איהם זיין הויפט פונקציע פון „עשה לך קהלות ו ד ר ו ש לפניהם”.

די ד ר ש ה האָט פאָלגליך פאַרנומען דעם אויבענאָן אין משה׳ס משכן. אָבער „לא ללמד על עצמו יצא”. דאָס איז ניט געווען קיין אָנציי־כענונג בלויז פאַר יענעם משכן, דען אין איין און זעלבען אָטעם ווען עס רעדט זיך וועגען דעם משכן שעשה משה האָט מען שוין אויך אין זינען געהאַט די דורות הבאים: „כדי שילמדו ממך דורות הבאים להקהיל קהלות בכל שבת ושבת ולכנוס בבתי־מדרשות ללמד ולהורות לישראל דברי תורה איסור והיתר”.

פון וואַנען אָבער האָבען עס חז״ל גענומען אַז מען האָט דאָ אויך געמיינט די דורות הבאים?

דער פאַקט אָבער וואָס אויך אין מדבר איז משה פאַרזאָגט געוואָרען להקהיל קהלות בכל שבת ושבת כאָטש דאָרטען האָט אַ וואָכעדיגער טאָג אויך

ויקהל

זעהר לייכט געקענט אויסגענוצט ווערען פאר דיזען צוועק. אידען האבען דאך דארטען ניט געארבייט, ניט געפיהרט קיינע געשעפטען און פאלגליך געהאט גענוג צייט צו קומען אין משכן? איז טאקע דיזער פאקט אליין דער בעסטער באוויז אז דא האט מען אויך אין זינען געהאט די דורות הבאים וואו שבת וועט שוין זיין דער איינציגער טאג וואס וועט קענען דיענען דיזען צוועק.

אבער סיי ווי איז די ד ר ש ה, ווי געזאגט, די הויפט פונקציע פון משכן, און דערביי איז טאקע אויך דא א גוטער מאטיוו וואס לייענט זיך כמעט ארויס פון „צווישען די שורות" פון אונזער מדרש: „ודרוש לפניהם ב ר ב י ם". אט די באטאנונג פון ב ר ב י ם איז דאך אייגענטליך אן איבעריגע, דען אויב „עשה לך קהלות גדולות ודרוש לפניהם" איז דאך שוין מובן מאליו אז דאס איז „ברבים"?

איז אבער משמעות דער „ברבים" אונטערשטראכען געווארען אלס מאָ־טיוו פאר דעם „ויקהל" און ברענגט אגב ארויס איינע פון די שעהנסטע פערעל אין דער אידישער עטהיק. די אויפגאבע פון די אידישע משה'ס איז צו לערנען און מדריך זיין דעם פאלק; איהם אנצייגען אויף זיינע פעלערען און דערביי נאטירליך איהם אויך גוט אויס'מוסר'ן.

ווי און אויף וועלכער ארט־און־וויזע זאל אבער דאס געטאן ווערען? דארויף קומט די פאראָרדענונג: „ודרוש לפניהם ב ר ב י ם", ניט מוסר'ן דעם יחיד אינדיווידועל נור דעם גאנצען רבים קאלעקטיוו כדי דער איינצעלנער מענש זאל ניט מבויש ווערען, און דערפאר איז נויטיג דער „ויקהל" כדי צו קענען עררייכען דעם צוועק אויף א זעהר עטהישען וועג אהן וועמען עס איז וועה צו טאן אויף אן אינדיווידועלען אופן.

איז עס ווי דער „כתב סופר" טייטשט אויס דעם „ולא הרעותי את אחד מהם", דעם „אחד מהם", דעם איינצעלנעם מענש, דעם יחיד האב איך ניט אנגעוויזען בפרטות אויף זיינע פעלערען כדי איהם ניט מביש צו זיין.

ווי ווייט אבער איז דער דאזיגער וואונש פון „כדי שילמדו ממך דורות הבאים" פארווירקליכט געווארען? שווער נאטירליך צו געבען דארויף א קאלעקטיווען ענטפער פאר א ל ע דורות. געוויס זיינען געווען דורות ווען די אידישע שוהל האט ווירקליך דערפילט די דאזיגע פונקציע ביז צום העכסטען גראד.

וואָרט און צייט

קומען מיר אָבער צום היינטיגען דור בלייבען מיר שוין אַ ביסעל אַנ־טוישט; איבערהויפט דאָ אין אונזער מדבר העמים פון דיעזער גלות מדינה. דאָ איז שוין ליידער „רבה העזובה בקרב הארץ”. די מעהרסטע שוהלען און בתי מדרשים זיינען האַלב אָדער דריי פערטעל ליידיג ווען דער רב האַלט זיין שבת־דרשה, און מעהר ווי איינמאָל פיהלט דער גייסטיגער מנהיג ווי צו פרעגען: „מדוע באתי ואין איש קראתי ואין עונה”?

איז טאַקע דער וועהטאָג גרויס און נאָך גרעסער די שאַנדע. אויסגע־בויט שעהנע שוהלען, ריעזיגע טעמפלען, אינוועסטירט אין זיי גרויסע קאַ־פּיטאַלען. שטעהען די דאָזיגע שוהלען און טעמפלען נעבאָך פאַרשעהמט און גלאַנצען מיט זייער פוסטקייט.

פאַרוואָס?

איז ווידער דער זעלבער ענטפער: דער „ויקהל” קען נור דעמאָלט קריי־גען זיין תקון ווען דער שבת האָט זיין תקון געקראָגען, דאָרט אָבער וואו דער שבת איז מכולה׳דיג איז שוין דער „ויקהל” אויך אַ טויטער בוכשטאַב.

צו וואָס אָבער דאַרף מען די שעהנע שוהלען מיט זייערע שווערע „מאָרט־געדזשעס” אויב זיי דיענען ניט דעם צוועק פאַר וועלכען זיי זיינען געבויט געוואָרען?...

וואָס איז אָבער נאָך טרויעריגער דערפון איז דער פאַקט וואָס די דרשה גופא אין אונזערע שוהלען ליידעט אויך פון „פוסטקייט”. און וועהרענד די בימה מאַכט פּלאַץ פאַר אַלערליי סאָרטען דרשות, אַלערליי טעהמעס ווע־רען אויף איהר באַריהרט; מען רעדט אויף אונזערע שוהל בימות פון אַלץ אין דער וועלט, פון אידישע פראַגען אַזוי גוט ווי פון אַלגעמיינע. עס ווערט כמעט ניט אויסגעלאָזען דער מינדעסטער געגענשטאַנד וועגען וועלכעס עס זאָל פון דער שוהל בימה ניט גערעדט ווערען, אָבער די איינציגע טהעמאָ וואָס ווערט אַמווייניגסטענס באַריהרט אויף איהר איז — די שבת טעהמאָ...

איז עס ניט אַ מין איראָניע פון דעם טרויעריגען שיקזאַל אַז גראָדע די טהעמאָ, די הויפּט טהעמאָ, די טהעמאָ מיט דער ה״א הידיעה צוליב וועלכע די משכן־בימה איז אויפגעשטעלט געוואָרען: „ודרוש לפניהם ברבים ה ל כ ו ת שבת” — גראָדע ד אָ ס ווערט אַמווינציגסטען באַריהרט...

קענטיג אַז וואָס אָנבאַלאַנגט די שבת פראַגע איז שוין אפילו די עצה פון „לדרוש ב ר ב י ם ” אויך ניט גילטיג געווען. דער ר ב י ם אַלס

ויקהל

אַ גאַנצער פּיהלט זיך אויך דערפון געקרענקט און באַליידיגט, ווייל דאָ איז דאָך דער שבת ליידער אַ „צרת ר ב י ם" און אַזאַ צרת־רבים אויף וועלכע מען קען אפילו ניט זאָגען — „חצי נחמה"...

איז עס טאַקע זעהר טרויעריג. דאָס מיינט אָבער ניט אַז מען דאַרף חלילה אַריינפאַלען אין יאוש. אָט האָבען מיר לעצטענס ברוך השם דער־לעבט צו זעהן אַ שטאַרקע באַוועגונג וועגען שמירת שבת אין אַ געוויסען ווינקעל אויף דער אידישער גאַס, אין דעם לאַגער פון די אידישע שפּייז־קראָמען. אַ שווערע מלחמה ווערט אָנגעפיהרט אויף דעם דאָזיגען פראָנט אָבער זעהר אַ מוטיגע און ענערגישע און עס זיינען פאַראַן אַלע אורזאַכען פאַר אַ גוטען אויסגאַנג און קוים וועט נור געמאַכט ווערען אַ גוטע התחלה אין איין ווינקעל פון דער אידישער גאַס וועט עס זיך שוין האָפענטליך אויסשפּרייטען אויף אַ ברייטערען שטח און געווינען פּאָזיציעס אויך אין אַנדערע ווינקלען.

שבת אַליין איז דאָך דער יסוד פון בטחון, טאָ פאַרוואָס ניט האָבען בטחון אין שבת גופא אַז ענדליך וועט קומען די צייט ווען אַלע וועלען ערצויגען ווערען צום געדאַנק אַז שבת און משכן איז „היינו הך", און דאַן וועט אונזער סדרה „ויקהל" אויך קריגען איהר אמת'ן תיקון.

פקודי

בתי הכנסת ורועי ישראל

אלה פקודי המשכן — —
ולמה עשה עמהם חשבון והקב"ה מאמינו שנאמר לא כן עבדי משה בכל ביתי נאמן הוא אלא ששמע משה ישראל מדברים אחריו והיו אומרים: ראה צוארו ראה שוקיו ראה כרעיו אוכל משל יהודים שותה משל יהודים וכל מה שיש לו משל יהודים וחבירו משיבו: ריקה אדם ששלט על מלאכת המשכן אין אתה מבקש שיהא עשיר? כיון ששמע משה כך אמר להם חייכם משהמשכן נגמר אני נותן לכם חשבון שנאמר אלה פקודי המשכן.
(ילקוט פקודי סי׳ תטו).

לויט דיזען ילקוט קומט אויס אַז משה האָט דאָ געוואָלט ווייזען דער וועלט אַז אפילו דאָרט וואו עס איז שוין פאַראַן דער „והייתם נקיים מה׳" ווי ס׳איז געווען דער פאַל מיט משה׳ן „שהקב"ה מאמינו שנאמר בכל ביתי נאמן הוא", ווייל אָבער ס׳האָט נאָך געפעלט דער „ומישראל" ביי ווען משה׳ס נאמנות איז נאָך געשטאַנען אונטער אַ פראַגע צייכען, האָט ער דער־ריבער געפונען פאַר נויטיג אָבצוגעבען אַ פאָלשטענדיגען חשבון אום דאָמיט באַזייטיגען דעם מינדעסטען חשד וועגען זיין עהרליכקייט.

אויב אַזוי אָבער טאָ צו וואָס וואַרטען ביז ער וועט הערען אַז מען פאַר־דעכטיגט איהם, האָט ער דאָך בעסער גלייך ביים אָנפאַנג געקענט אָנאָנסירען אַז ער וועט אָפּגעבען אַ קלאָרען חשבון אַזוי שנעל ווי דער משכן וועט פאַרטיג ווערען?

הערען מיר זיך אָבער צו צום טאָן פון דער קריטיק ווערט פאַר אונז קלאָר אַז דאָ האָט משה ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין עהרליכע קריטיקער נור מיט איינפאַכע פאַרלוימדער. אַן עהרליכער קריטיקער וועט ניט אַרויס־

פקודי

טראָגען קיין אורטייל איידער ער וועט די זאַך אונטערזוכען. פאַרלאַנגען חשבון — מהיכי תיתי, אָבער גלייך אַרויסקומען מיט אַן אַטאַקע „אדם ששלט על מלאכת המשכן אין אתה מבקש שיהא עשיר" — דאָס איז ניט קיין קריטיק נור איינפאַך סאַרקאַסטישע פאַרלוימדונג. און וואָלטען די דאָזיגע זאָגענאַנטע קריטיקער ווירקליך געווען עהרליך און אויפריכטיג, וואָלטען זיי דאָך פאַרשטאַנען אַז ווען מען נעמט שקלים און מען איבערגיסט זיי אין גאָלד מוז דורך דער איבערגיסונגס־פּראָצעס זיין אַ געוויסער אָפּפאַל און די צאָהל שקלים מיט דער געוויכט פון די כלים וואָס זיינען פון זיי אויסגעגאָסען געוואָרען קען דעריבער ניט שטימען. משה האָט דערפאַר אָנפאַנגס כלל ניט פאַרדעכטיגט אַז עס וועלען זיך געפינען אַזעלכע פאַרלוימדער וואָס וועלען אויסניצען דיזען נאַטירליכען אָפּפאַל אַלס מיטעל צוציהען דורכדעם אַ שאָטען אויף משה׳ס עהרליכקייט. ערשט ווען משה האָט זיך איבערצייגט אַז דאָס איז ווירקליך אַ פאַקט דורך זייער סאַרקאַסטישע און ציניש־בייסענדע אַטאַקע, ערשט דאַן האָט ער אָנגעבאָטען צו געבען חשבון. און כאָטש פאַר אַזעלכע פאַרלוימדער וואָלט דאָך דער חשבון אויך ניט געהאָלפען, ווייל דאָס אָבגעפאַלענע קען דאָך ניט צוריקגעבראַכט ווערען, קען דאָך דערפאַר נאָך אַלץ זיין אַ מעגליכקייט צו זאָגען אַז ס׳האָט אַזוי פיעל אָבפאַל ניט גע־דאַרפט זיין... איז אָבער קענטיג דאָ אַ נס געשעהן און דער חשבון האָט דאָך פּינקטליך געשטימט.

פון מדרש תנחומא זעהט טאַקע אַזוי אויס ווען ער שטעלט דאָ צו דעם פסוק פון „איש אמונות רב ברכות" (משלי כח) און זאָגט: „זה משה שנעשה גזבר על המשכן וכל הדברים היו מ ת ב ר כ י ם על ידו"; משמעות אַז דאָ איז געווען אַן ענין פון אַן אַריינגעקומענע ברכה, און דאָס האָט מעגליך געמאַכט אַז דער ערשטער רעכענונג „אשר פוקד על פי משה" (ווען משה האָט צוזאַמענגענומען די אלע נדבות המשכן) מיט׳ן צווייטען רעכענונג וואָס „ביד איתמר בן אהרן הכהן" (נאָכדעם ווי דער משכן איז שוין פאַרטיג געווען) האָבען ביידע געשטימט, און אויף ביידע האָט מען געקענט אָנווייזען: „אלה פ ק ו ד י המשכן", אָט זיינען די צ ו ו י י רעכענונגען: 1) „אשר פוקד ע ל פ י משה"; און 2) „ביד א י ת מ ר ב ן א ה ר ן ה כ ה ן" — און ביידע שטימען...

ווען עס האַנדעלט זיך אָבער אין אונעהרליכע קריטיקער, ווערט מען נאָך

וואָרט און צייט

מיט זיי אַזוי שנעל ניט פאַרטיג. ווען איין אַטאַקע ווערט באַזייטיגט זוכט זיך שוין אויף איהר אָרט אַפּ אַ צווייטע... און אַזוי איז טאַקע אויך דאָ געווען דער פאַל. ניטאָ שוין קיין אויסזעצונגען געגען משה׳ס עהרליכקייט און דער קורס פון „ויאמינו במשה עבדו" איז שוין אַרויפגעגאַנגען, איז שוין אָבער דערפאַר דער קורס פון „ויאמינו בה׳" אַביסעל אַרונטער...

אָט הערען מיר שוין אַ נייע קריטיק:

> אפשר שהשכינה שורה על מעשה ידיו של משה? על זה השיב הקב״ה: תאלמנה שפתי שקר הדוברות על צדיק עתק בגאוה ובוז. כיון שא״ל הקב״ה למשה להקים את המשכן א״ל בואו שנקים את המשכן התחילו טוענין ובאין אצלו שנאמר ויביאו את המשכן. כמה חכמים היו שם ובאו להם אצל משה ולא היו יודעין ליישבו ולהקימו מה עשו נטלו כאו״א מלאכתו ובאו להם אצל משה ואמרו: הרי קרשים הרי בריחים מיר שרתה עליו רוח הקדש והקימו ולא תאמר משה העמידו אלא המשכן נעשה בו נסים ועמד מאליו שנאמר ה ו ק ם המשכן. (ילקוט פקודי סיי תיז).

די דאָזיגע צווייטע קריטיק האָט שוין אָנגעשלאָגען אַן אַנדער טאָן, און האָט, ווי געזאָגט, געשטעלט דעם „ויאמינו בה׳" אונטער אַ פראַגע צייכען. עפּעס גלויבט זיך ניט „שהשכינה שורה על מעשי ידיו של משה"... אַז דאָ איז פאַראַן דער „בה׳"...

און אויך דאָ האָט געדאַרפט געשעהן אַ נס וואָס זאָל אַלעמען איבערצייגען אַז דער „ויאמינו בה׳" מיט דעם „ובמשה עבדו" געהען האַנט אין האַנט...

אָהן משה׳ן האָט דער משכן ניט געקענט אויפגעשטעלט ווערען; מעגען זיך דערביי באַשעפטיגען די גרעסטע קינסטלער, די בעסטע אַרכיטעקטען, דער משכן וועט זיך דורך זיי ניט האַלטען; אַ משכן אָהן אַ משה׳ן וועט קיין קיום ניט האָבען. עס איז משה׳ס גייסט וואָס צעמענטירט דעם משכן און פאַרזיכערט זיין עקזיסטענץ, אָבער משה׳ס כח אַליין איז גאָר נישט. עס איז דער „ויאמינו בה׳" וואָס האָט זיך דאָ צוזאַמענגעשמאָלצען מיט דעם „ובמשה עבדו". משה האָט זיך טאַקע באַשעפטיגט מיט דעם הקמת המשכן; ס׳איז טאַקע געווען „ויקם מ ש ה את המשכן" און דאָך — „ולא תאמר משה העמידו אלא המשכן נעשה בו נסים ועמד מאליו שנאמר ה ו ק ם המשכן".

איז עס, ווי געזאָגט, געווען די שעהנסטע דעמאָנסטראַציע אַז דער „ובמשה עבדו" מוז געהן צוזאַמען מיט דעם „ויאמינו בה׳"; ס׳איז די שכינה וואָס איז „שורה על מעשי ידיו של משה" דורך וועלכעס דער משכן קען האָבען אַ קיום. און זעהר טרעפליך האָט דער ילקוט צוגעבראַכט דערצו דעם באַקאַנטען תהלים פסוק, און זאָגט: „וכך אמר דוד, אם ה׳ לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו לפיכך במעשי נסים הוקם המשכן, כיון שהוקם התחילו כל ישראל שמחים".

יאָ, „כיון שהוקם התחילו כל ישראל שמחים". פריהער האָט מען קריטיקירט. מען האָט געקוקט אויף משה׳ן ווי אויף אַן אומזיסטען „קעסט קינד" וואָס ניט נור ציהט ער זיין חיונה פון משכן נור ווערט אויך נתעשר דערפון. משה — האָבען זיי געזאָגט — נעמט בלויז פון משכן, אָבער גיבען גיט ער דעם משכן גאָר ניט און פאָלגליך איז משה דאָ אין גאַנצען איבעריג, מען קען זיך גאַנץ גוט באַגעהן אָהן איהם. ערשט ביים ענדע האָט מען זיך איבערצייגט אַז משה איז ניט קיין נעהמער נור אַ געבער און זיין נתינה איז אַ פיעל גרעסערע ווי די פון אַלערליי מאַטעריאַלען: גאָלד און זילבער, ברעטער און ריגלען, שוועלען און זיילען און וועלכע עס איז אַנדערע מינים אָבער פון דעם אַלעמען קען נאָך קיין משכן אַליין ניט ווערען; עס איז בלויז משה מיט זיין גייסט, מיט זיין רוח הקדש וואָס קען מאַכען אַ משכן, און דערפאַר איז טאַקע דער משכן גערופען אויף זיין נאָמען „משכן שעשה משה במדבר"...

איז דער משכן קאַפּיטעל אויך אַ הוראה לדורות פאַר אונזער היינטיגען דור המדבר, דער מדבר־העמים פון אונזערע גלות לענדער וואו דער משכן אין געשטאַלט פון דער אידישער שוהל איז אונזער איינציגער אָאַזיס אין דער דאָזיגער וויסטעניש.

אָבער ליידער, ליידער חזר׳ט זיך ביי אונז אויך איבער די זעלבע געשיכטע פון אַמאָל. אויך היינט הערן מיר זעהר אָפט די קריטיק אויף׳ן חשבון פון אונזערע היינטיגע משה׳ס אַז זיי זיינען אומזיסטיגע קעסט־קינדער און ליגען ווי פּאַראַזיטען אויף דער שוהל׳ס קאַרק וועהרענד מען האָט זיך גאַנץ גוט געקענט באַגעהן אָהן זיי.

ברענגט טאַקע דידאָזיגע קריטיק אויך די פאַרשטענדליכע טרויעריגע רעזולטאַטען. ווי נור עפּעס אַ שטיקעל עקאָנאָמישער קריזיס, זיינען די

וואָרט און צייט

משה׳ס די ערשטע באַזייטיגט צו ווערען פון די משכן׳ס, פאַרגעסענדיג דערביי אַז מיט באַזייטיגען משה׳ן באַזייטיגט מען דעַב מ׳שכן אַליין אויך. די שוהלען אין וועלכע עס פעלט דער משה גייסט, וואו דער רבנ׳שער תורה וואָרט ווערט ניט געהערט פון זייערע בימות און וואו די מאַסען דרעהען זיך אַרום ווי די פאַרבלאָנדזשעטע שאָף, כצאן בלי רועה, אַזעלכע שוהלען האָבען ניט קיין זכות הקיום; זיי קוקען להבדיל מעהר אויס ווי ביזנעס צענטערס איידער ווי שוהלען; ניטאָ אין זיי דער געהעריגער רוח הקדש וואָס דאַרף זיין אין אַ שוהל. ס׳איז טאַקע פאַראַן די קרשים ובריחים, די עמודים און אדנים אָבער דער לעבעדיגער וואָרט פון תורה און מוסר, דאָס פעלט דאָרטען, און אויב ד אָ ס פעלט, פעלט דאָך שוין אַלעס. דען ניט דאָס אויפשטעלען די שוהל איז דאָך דער עיקר, די הויפט זאַך איז דאָך דאָס וואָס ווערט נאָכהער אין שוהל אַריינגעטראָגען.

ביים משכן זאָגט די תורה: „ותכל כל עבודת המשכן ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ה׳ את משה״. ווען די גאַנצע אַרבייט פון משכן איז שוין פאַרטיג געוואָרען ערשט דאַן איז געקומען דער „ויעשו בני ישראל״, ערשט דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם פאָלקס „ויעשו״ וואָס האָט געדאַרפט גע־לייטעט ווערען „ככל אשר צוה ה׳ את משה״. משה האָט זיי געדאַרפט לערנען וואָס צו טאָן אין משכן אום צו וויסען פאַר וועלכען צוועק דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרען.

משכן שעשה משה!!!

דאָס איז די עכאָ וואָס קלינגט ארויס פון דער היינטיגער פרשה. „משכן״ און „משה״ זיינען שמות־נרדפים, און ניט ווינציגער ווי משה דאַרף האָבען דעם משכן, דאַרף דער משכן האָבען משה׳ן...

ויקרא

ויקרא

הקרבנות — תכונתם וערכם

אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳.

די תורה איז זעהר ליבעראַל. זי שטויסט ניט אָפּ קיין מענשען אפילו ווען ער איז זינדיג. נאָך גלייך אין דער ערשטער עפּאָכע פון דער בריאה הערען מיר שוין: „לא ידון עוד רוחי באדם בשגם הוא ב ש ר"; די געטליכע תורה ווייסט זיך צו רעכענען מיט די שוואַכקייט פון דעם ערדישען מענשען; זי ווייסט אַז „אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" (קהלת ז) און אַז „לא ניתנה תורה למלאכי השרת". דערפון די פּרשת הקרבנות אַלס גייסטיג־מעדיצינישע קוראַציע פאַר די חולי הנפש: „נפש כי תחטא בשגגה מביא קרבן ומתכפר שנאמר ונסלח לכל עדת בני ישראל כי לכל העם בשגגה" (מדרש תנחומא ויקרא ז).

דוד המלך האָט אין בלויז פיער ווערטער געגעבען אַ קלאָרע אָפּשאַצונג צום ענין פון קרבנות ווען ער האָט געזאָגט: „זבחי אלקים רוח נשברה" (תהלים נא). די הויפּט כונה פון דעם קרבן איז דער רוח נשברה, דער צו־בראָכענער גייסט, דאָס געוויסענביסע וואָס נאָגט זיין נשמה און רופט ביי איהם אַרויס די אמת׳ע חרטה.

חרטה דאַרף אָבער קריגען איהר אויסדרוק אין אַ מעשה, אין אַ באַ־שטימטען פּראַקטישען טהאַט דורך וועלכען דער באַטרעפענדער זאָל באַ־וואויגען ווערען צו דער דאָזיגער חרטה. אַן אַבסטראַקטיווע חרטה, חרטה שבלב וואָס ווערט ניט אַריינגעלייגט אין קיין מעשה איז ניט פון קיין דויער־האַפטיגען כאַראַקטער. אויף׳ן מאָמענט וועט ער טאַקע אינספּירירט ווערען פון אַ הרהור תשובה אָבער עס וועט שנעל פאַרשווינדען. אויך אין ד ע ם פאַל לאָזט זיך זאָגען בדרך מליצה: „לא ידון ר ו ח י בשגם הוא ב ש ר", וואו עס איז דאָ ב ש ר און ר ו ח, איז לא ידון ר ו ח י, איז ניט

x My spirit shall not always strive with man, for that he also is flesh

וואָרט און צייט

דער ר ו ח דער דאָמינירענדער כח זאָנדערען דער ב ש ר. איז דערפאַר צו קענען באַקעמפפען דעם „בשר" וואָס איז געוועזן די הויפּט סיבה פון דער עבירה, מוז מען דעם „רוח" אויך מלביש זיין אין אַ לבוש פון ב ש ר וועט ער זיך דאַן קענען פאַרמעסטען אין קאַמפף געגען זיין שונא און זיין נצחון וועט קענען זיין פון אַ פערמאַנענטען און דויערהאַפטיגען כאַראַקטער.

אַט צוליעב דעם האָט די תורה געשאַפען אַ פּראַקטישען אויסדרוק צו תשובה און חרטה אין געשטאַלט פון „מביא קרבן ומתכפר".

דער קרבן וועט אין אַרט־און־וויזע פון זיין אָפּפערונגס־פּראָצעס אויך ברענגען צום אויסדרוק די אַרט־און־וויזע פון דעם עבירה פּראָצעס און וועט דאַדורך רעפלעקטירען אויף'ן חוטא און איהם דורכדרינגען מיט אַן אמת'ן גייסט פון תשובה.

די מצוות התורה זיינען דאָך איינגעטיילט אין צוויי סוגים: מצוות־עשה און מצוות לא־תעשה. מקיים צו זיין די מצוות עשה דאַרף מען באַנוצען דעם כח הזריזות — „והוי רץ למצוה". פאַר דיזען צוועק דאַרף מען איינשפּאַנען דעם כח הדם וואָס פּראָדוצירט ריהרעוודיגקייט און התלהבות, היציגקייט און ענערגיע, וועהרענד אויף מקיים זיין די מצוות לא־תעשה, נ י ט צו טאָן קיין עבירה, דאַרף מען זיך דוקא באַנוצען מיט עצלות, מען דאַרף זיין אַ „שב ואל תעשה". דער אָרגאַנישער טייל אין מענשליכען קערפּער וואָס ברענגט צו עצלות איז דער ח ל ב. פעטקייט מאַכט דעם מענשען שווער און אומבאַוועגליך.

ברענגען אַט די ביידע אָרגאַנישע טיילען, בלוט און חלב זעהר גוטע נוצען דאָס מענשליכע וועזען אויב נור זיי ווערען אויסגענוצט אויף'ן ריכטיגען אופן: דער כח ה ד ם ביים טאָן אַ מצוה און דער כח ה ח ל ב ביים נ י ט טאָן אַן עבירה.

די צרה איז אָבער וואָס מען פאַרבייט די יוצרות און מען ווענדט אָן די דאָזיגע כחות אין אַ פאַרקעהרטער ריכטונג. ווען עס האַנדעלט זיך ביים טאָן אַ מצוה, דאָרט וואו עס דאַרף אָפּערירען דער כח הדם, אָפּערירט גאָר דער כח החלב, אַנשטאַט זריזות איז גאָר עצלות וועהרענד ביים טאָן אַן עבירה וואו דער כח החלב דאַרף אָפּערירען, אָפּערירט גאָר דער כח הדם און אַנ־שטאַט „והוי רץ למצוה והוי בורח מן העבירה" איז גאָר פאַרקעהרט: „רץ לעבירה ובורח מן המצוה"...

eagerness

ויקרא

האָט די תורה דערפאַר געזאָגט אַז די חלב און דם, די צוויי הויפּט שול־דיגע אין דעם מענשענס זינד זאָל מען מקריב זיין אויף דעם מזבח און דאָס זאָל ציהען דעם מענשענס אויפמערקזאַמקייט צו דיזע צוויי אָרגאַנישע טיילען וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע זינד, די בלוט פאַר באַנוצען עס וואו מען האָט עס ניט געדאַרפט באַנוצען און די חלב פאַר נ י ש ט באַ־נוצען עס וואו מען האָט עס י אָ געדאַרפט באַנוצען.

איז טאַקע דער עיקר פון דעם קרבן די מ ח ש ב ה וואָס ליגט אין הינטערגרונט. די דאָזיגע מחשבה האָט אָבער, ווי געזאָגט, געדאַרפט קומען צום אויסדרוק אין אַ פּראַקטישע מעשה כדי אויך זי זאָל ניט בלייבען בלויז אַ הוילע מחשבה נור זאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ מעשה און דערמיט פאַרזיכערען איהר דויערהאַפטיגקייט.

כדי אָבער די מעשה הקרבן זאָל ניט פאַרטונקלען די מחשבה, האָט די תורה געפונען פאַר נויטיג אין פאַרשיעדענע ערטער שטאַרק אונטערצו־שטרייכען און באַטאָנען דעם דאָזיגען גרונטגעדאַנק פון קרבן אַז דער עיקר איז דאָ בלויז די כונה פון דעם ב ע ל הקרבן.

> נאמר בשור הגס אשה ריח ניחוח לה׳ ובעוף הדק אשה ריח ניחוח לה׳ ובמנחה אשה ריח ניחוח לה׳ לומר לך אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד ש י כ ו ן א ת ל ב ו ל ש מ י ם
> (מנחות קי).

איז דאָ דער עיקר דער „שיכון את לבו״ און דאָס שטייגט שוין פיעל איבער די פּראַקטישע זייט פון דעם מעשה הקרבן, ווייל וועהרענד די הקרבת חלב ודם איז באַגרעניצט אין שטח פון אָרט, עס קען ניט געהן ווייטער פון דעם מזבח החיצון, איז אָבער די כ ו נ ת הקרבן, דער „רוח נשברה״ ניט באַגרעניצט. ד אָ ס קען שוין דערגרייכען „לפני ולפנים״ ווייל: „גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד (יומא פו).

און דאָס אַלעס איז מרומז אין דעם ערשטען פסוק וואָס איז אַרויפגע־שטעלט געוואָרען אַלס טעקסט צו דיזער אָפּהאַנדלונג:

> אָדם כי יקריב מכם קרבן לה׳ מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם.

וואָרט און צייט

פון דעם וואָרט „מכם" וואָס קוקט אויס ווי איבעריג שמידט זיך אויס דער גאַנצער אויבענגעזאָגטער געדאַנק. צום אַלעם ערשטען דאַרף זיין „כי יקריב מ כ ם"; מען דאַרף וויסען אַז ניט דער „מן הבהמה ומן הצאן" שפּיעלט דאָ די הויפּט ראָלע נור דעם „מכם", ניט דער ק ר ב ן נאָר דער ב ע ל הקרבן. דער חוטא דאַרף זיך אַליין מקריב זיין פאַר אַ קרבן, עס איז זיינע אייגענע חלב ודם וואָס ער דאַרף ברענגען אַלס קרבן על מזבח ה׳ און זיי איינשפּאַנען אין געטליכען רייטוואָגען יעדערען אויף זיין ריכ־טיגען פּלאַץ און אין זיין ריכטיגען אָרט. אָט דער קרבן פון „מכם" וואָס דריקט זיך אויס אין זיין הרהור תשובה, ד אָ ס איז „קרבן ל ה׳", דאָס גרייכט לפני ולפנים עד כסא הכבוד. דער „מכם" איז פאָלגליך די הויפּט זאַך ביים קרבן. כדי אָבער צו ברענגען דעם „מכם" צו אַ רעאַל־פּראַקטישען אויסדרוק איז „מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו א ת ק ר ב נ כ ם", די בהמה, בקר וצאן איז בלויז אין דער בחינה פון „את קרבנכם" — „את הטפל לקרבנכם", דער עיקר איז ק ר ב נ כ ם, אייער אייגענער קרבן, דער „כי יקריב מכם", די בקר וצאן איז בלויז אַ טפל דערצו, דער ג ו ף צו דעם נ פ ש, דער ח ו מ ר צו דער נ ש מ ה.

אַן אילוסטראַציע דערצו קען אויך געגעבען ווערען פון די קרבנות וואָס עס האָבען געבראַכט די ערשטע צוויי מענשען־קינדער: קין און הבל.

ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה׳ והבל הביא גם הוא מבכורות צאנו ומחלבהן וישע ה׳ אל הבל ואל מנחתו ואל קין ואל מנחתו לא שעה.

אויבערפלעכליך זעהט זיך דאָ ניט אַרויס מיט וואָס קין׳ס קרבן זאָל האָבען געווען ערגער פאַר הבל׳ס אַזוי אַז הבל׳ס איז יאָ אָנגענומען גע־וואָרען און קין׳ס נישט. דער צווייטער פּסוק וואַרפט שוין אָבער יאָ אַ ליכט דאַרויף.

ויאמר ה׳ אל קין למה חרה לך ולמה נפלו פניך הלא אם תטיב שאת ואם לא תטיב לפתח חטאת רובץ.

פון גאָט׳ס פאָרוואורף „הלא אם תטיב שאת" איז קענטיג אַז אין קין׳ס קרבן האָט געפעלט דער „אם תטיב" וואָס, ווי געזאָגט, איז דאָך דאָס די

הויפט כונה פון דעם קרבן; ביי איהם איז עס געווען אַ קרבן אָהן דעם צירוף פון דעם ב ע ל הקרבן, עס האָט געפעלט דער „מכם". און אויב אַזוי — זאָגט גאָט: — „אם ת ט י ב", וואָלט ביי דיר געווען דער „תטיב", דער גויטיגער הרהור תשובה, דאַן — „ש א ת —, וואָלט זיך דיין „מכם קרבן" א ו י פ ג ע ה ו י ב ע ן און דערגרייכט אַזש ביז צום כסא הכבוד. אויב אָבער „ואם לא תטיב", דער „מכם" האָט דאָ געפעלט און אַז ס'איז ניטאָ קיין „מכם" איז אויך ניטאָ קיין „קרבן ל ה׳", אין אַזאַ פאַל איז נור „ל פ ת ח חטאת רובץ", דער קרבן „חטאת" בלייבט בלויז ביים ט י ר, ביים פ ת ח אהל מועד, דאָרט וואו דער מזבח החיצון שטעהט, ווייטער געהט עס ניט. כדי אָבער עס זאָל זיין „וישע ה׳", עס זאָל גרייכען צום כסא הכבוד מוז זיין „אם תטיב", מוז זיין דער „מכם"..

ביי הבל'ן אָבער איז משמעות יאָ געווען דער „מכם" און איז טאַקע אפשר אויך מרומז אין די ווערטער: „והבל הביא ג ם ה ו א מבכורות צאנו ומחלבהן" — הבל הביא ג ם ה ו א, זיין „הוא", ז י ך א ל י י ן האָט ער אויך געבראַכט מיט דעם „מבכורות צאנו", ביי איהם האָט דער „מכם" ניט געפעלט און דערפאַר איז געווען „וישע ה׳ אל הבל".

דער פאַקט טאַקע אַז גלייך נאָכדעם איז געווען „ויקם קין על הבל אחיו ויהרגהו" איז דער בעסטער באַוויז אַז ביי קין'ס קרבן האָט געפעלט די אויפריכטיגקייט און די אמת'ע כונה פון אַ קרבן. אויב נאָכ'ן ברענגען אַ קרבן איז מען פעהיג צו באַגעהן אַ מאָרד און אנשטאט מקריב צו זיין דאָס אייגענע בלוט וואָס דאָס איז די הויפט כונה פון קרבן, די הקרבה עצמית, דער „כי יקריב מכם", אנשטאט דעם איז מען גאָר מקריב דעם ב ר ו ד ע ר'ס בלוט, איז ניט שווער דערפון צו דרינגען ווי ווייט הינטערשטעליג קין איז גע־בליבען מיט זיין קרבן, און עס הערט זיך גלייך נאָכדעם דער געטליכער מעכטיגער פראָטעסט:

מה עשית!
קול דמי אחיך צועקים אלי
מן האדמה —

מה עשית!? וואָס האָסטו געטאָן קין! דו האָסט געבראַכט אַ קרבן „מפרי האדמה", אָבער אנשטאט וואָס פון דיין קרבן האָט זיך געדאַרפט הערען די שטימע פון דיין א י י ג ע ן בלוט איז גאָר „קול ד מ י א ח י ך

וואָרט און צייט

צועקים אלי", שרייט גאָר אַרויס דער קול פון דיין ברודער'ס בלוט „מן האדמה", פון דעם דאָזיגען קרבן דיינעם וואָס דו האָסט געבראַכט „מפרי האדמה".

איז די פרשה פון קרבנות איינע פון די שעהנסטע קאַפּיטלען אין דער מענשליכער מאָראַל און אפילו היינט וואָס „אין לנו לא כהן בעבודתו ולא לוי בדוכנו ולא ישראל במעמדו" און מיר זיינען דאַדורך באַרויבט געוואָרען פון די מעשה הקרבנות, זיינען מיר אָבער ניט באַרויבט געוואָרען פון די כונת הקרבנות. דער כי יקריב מכם גילט נאָך אויך היינט און „כל העוסק בפרשת חטאת כאילו הקריב חטאת", אָבער ס'דאַרף זיין העוסק זיך באַשעפטיגען דערמיט און זיך פאַרטיפען דערין און אויב מיר זאָגען „ונשלמה פרים שפתינו" דאַרף דער „שפתינו" ניט מיינען „מן השפה לחוץ" נור „מן הלב ולפנים" ווייל דאָרט וואו מען דאַרף פאַר־וואַנדלען דעם „זבחי אלקים" אין אַ „רוח נשברה" ווערט גלייך באַטאָנט: „לב נשבר ונדכא אלקים לא תבזה"...

רחמנא ליבא בעי!...

צו

כלפי מבקרי מומים ורואי נגעים

זאת תורת החטאת במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת.

אמר רשב״ל כדי שלא לפרסם את החטאים.
(ירושלמי יבמות פח).

ואע״ג דעולה באה ג״כ על חטא שבא על הרהור הלב מ״מ אין כל כך נגות כחטא שיש בו מעשה.
(פני משה שם).

לכך לא קבע לחטאת מקום בפני עצמו לשחיטתו שלא יבינו הרואים שהוא חטאת ומתביש.
(קרבן העדה שם).

איז דער דאָזיגער ירושלמי אַ וואונדערבאַרער מוסר השכל פאַר דער מענשליכער מאָראַל. עס ווערט אַרויסגעבראַכט די געטליכע עטהיק אַלס ביישפיעל פאַר דער מענשליכער. די תורה וויל ניט מפרסם זיין די מענש־ליכע זינד כדי ניט צו פאַרשעהמען דעם זינדיגען, האָט זי דערפאַר פראָ־קלאַמירט: „במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת״; ניט געוואָלט באַשטימען אַ באַזונדער אָרט פאַר׳ן שחיטת החטאת „שלא יבינו הרואים שהוא חטאת ומתביש״.

די תורה רעכענט זיך מיט׳ן פאַקט אַז באַגעהן אַ זינד איז פאַר אַ מענשען־קינד ניט מעהר ווי אַ נאַטירליכע זאַך. איז דאָך דערפאַר „לא מצינו במקרא שיחד הקב״ה שמו על הצדיקים בחייהם לכתוב אלקי פלוני משום שנאמר הן בקדושין לא יאמין״ (רש״י בשם תנחומא בראשית כח יג), און קוים איז דאָס אַ נאַטירליכקייט איז ניט יושר׳דיג אַז דער מענש זאָל אלס צוגאָב צו זיין ודוי און קרבן נאָך אויך דאַרפען פאַרשעהמט ווערען ברבים.

געגנוג אַז „אדם עובר עבירה ומתביש בה", אַז ער אַליין שעהמט זיך דערמיט אָבער ניט נאָך פאַרשעהמט װערען פון אַנדערע.

אויב די תורה האָט יאָ געװאָלט ערגעץ װאו מפרסם זיין דעם חטא האָט זי עס גראַדע געטאָן ביי די גרעסטע מענשען, ביים פאָלקס געליעבטסטע און טייערסטע קינדער. זי האָט עס געטאָן ביי משה, אהרן, שאול, דוד ושלמה און ביי זיי האָט זי עס געטאָן טאַקע מיט דער זעלבער אויפריכטיגער כונה כדי צו װייזען דער װעלט אַז זינד איז ניט מעהר װי אַ נאַטירליכע ערשיינונג אין װעלכע עס זיינען עלול נכשל צו װערען אפילו אַזעלכע גרויסע צדיקים װי די אויסגערעכענטע, „ואם בארזים נפלה שלהבת מה יעשו אזובי הקיר".

און װאָלטען מיר אין דיזען הינזיכט אויך נאָכגעפאָלגט דעם „הדבק במדותיו של הקב"ה" װאָלט דאָן דער געזעלשאַפטליכער לעבען אַן אַנדער פנים געהאַט; עס װאָלט געהערשט מעהר אחדות און האַרמאָניע צװישען די מענשען־קינדער און עס װאָלט ניט געװען קיין פלאַץ פאַר קנאה שנאה און פאַר לשון הרע און רכילות.

ליידער אָבער זיינען מיר די מענשען קינדער אין דיזען באַצוג כביכול „פרימער" װי דער רבונו של עולם אַליין... אונז קימערט דעם מענשענס עבירה (דעם צװייטענס נאַטירליך...) פיל מעהר װי גאָט אַליין, און קוים האָבען מיר נור װעמען עס איז געפעלט ביי עפעס אַן עבירה'לע אַזוי טייטען מיר שוין אויף איהם מיט די פינגער און באַמיהען זיך שוין עס צו געבען די נויטיגע „פובליסיטי" מיט דעם געהעריגען פרסום. מיר זיינען אין אַזױנע פעלע אויך ניט שפּאָרזאַם און קמצנות'דיג, מיר באַפוצען די דאָזיגע עבירה מיט די שעהנסטע העל ליכטיגסטע פאַרבען כדי זי זאָל זיך װאָרפען אַלעמען אין די אויגען; מיר זשאַלעװען ניט צו צולייגען צו איהר געװיכט מעהר װי איין „קלבון" כדי עס זאָל אויסזעהן פיעל גרעסער און שװער װאָגיגער; מיר פיטערן איהר, שטאָפּען איהר און פּאַשען איהר כדי זי זאָל אַ „שעה'ערען" פנים באַקומען.

און, װי געזאָגט, װענדען מיר די דאָזיגע מאָס אַן נור אויף י ע נ ע מ ס עבירות אָבער ניט אויף אונזערע אייגענע. צו אייגענע עבירות האָט מען שוין גראַדע אַן אַנדער באַציהונג; אויף זיי קוקען מיר שוין דוקא מיט אַ פאַרקלענערונגס גלאָז און זוכען אַלערליי קינסטלערישע מיטלען װי אַזוי זיי אָפּצעהרען און רעדוצירען. צו פרעמדע עבירות באַנוצען מיר אַ מיקראָ־

סקאָפּישע זעהונגס קראַפט, צו אייגענע אָבער בלייבען מיר קורצזיכטיג און צומאָל אין גאַנצען בלינד.

עס איז ווי מען טייטשט אויס דעם משלי פסוק: „עיניך לנוכח יביטו ועפעפיך יישירו נגדך״. די אויג און די ברעם זיינען פון דער נאַטור באַשטימט געוואָרען צו צוויי געגענגעזעצטע פונקציעס. די פונקציע פון דער אויג איז צו זעהן ווערענד די פונקציע פון די ברעם איז צו פאַרשטעלען די ראיה. די ריכטיגע מאָראַלישע וועג דאַרף זיין די אויג צו באַנוצען פאַר זיך אַליין, האַלטען אימער אָן אָפענע אויג אויף אַלעס וואָס מען טהוט און ניט זיין קיין „כסיל בחשך הולך״, ניט צו זעהן די אייגענע חסרונות. אין באַצוג צו אַנדערע אָבער דאַרף מען די ברעמען איינשפּאַנען אין דיענסט. אויף יענעם זאָל מען קיין חסרונות ניט וועלען זעהן, פאַרקעהרט, אָרדערען די ברעמען צו צושליסען די אויגען כדי ניט צו קוקען אין יענעמס רשות היחיד.

אַזוי ד אַ ר ף זיין. לײדער אָבער איז די זאַך אומגעקערט: „עיניך ל נ ו כ ח יביטו״, מיט דיינע אויגען קוקסטו גראַדע נור צו י ע נ ע ם „ו ע פ ע פ י ך יישירו נ ג ד ך״ דיינע ברעמען נוצסטו אויס נור אויף דיר אַליין, אין דיין אייגענעם ווינקעל ווילסטו ניט קוקען מיט אָפענע אויגען, דאַרטען אָפּערירען די ברעמען...

די פּרשה פון קרבנות פאַנגט זיך ניט אָן מיט חטאת אָדער אשם, די קרבנות וואָס ווערען געבראַכט אַלס כפרה אויף עבירות, נור גראַדע מיט עולה, תודה, מנחה און שלמים וואָס ווערען געבראַכט אַלס מ ת נ ה צו גאָט. איז עס טאַקע דערפאַר כדי צו לערנען די מענשהייט אַז מען דאַרף שטענדיג אָנפאַנגען מיט זוכען דעם מענשענס מ ע ל ו ת און ניט זיינע ח ס ר ו נ ו ת.

מיר, ווי געזאָגט אָבער, טהוען פאַרקעהרט. מיר פאַנגען אָן מיט יענעמס חסרונות און ממילא ענדיגען מיר שוין דערמיט אויך; ווייל אויב ס׳איז אַמאָל פאַראַן אַז „מתוך שבחו בא לידי גנותו״ איז אָבער זעהר זעלטען אַז „מתוך גנותו בא לידי שבחו״...

וואָלטען מיר אָבער געלערענט גרונטיג די דאָזיגע פּרשה פון „במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת״ און טאַקע מיט׳ן פירוש פון דעם דער־מאָנטען ירושלמי וואָלטען מיר דאָך דאַן געוואוסט אַז דאָס גריבלען זיך

אין יענעמס חטאים, דאָס גופא איז אַן עבירה טאָ ווי קען עס זיין דערלאָזבאַר צו פאַרמירען אַזאַ מין נייעם סאָרט „עבירה גוררת עבירה״?

די צרה איז אָבער אַז „תורת הכהנים״, אַנגענומען אַז דאָס איז בלויז אַ הלכתא למשיחא ווערט עס דערפאַר היבש פאַרנאַכלעסיגט; מען איז יוצא מיט „מעביר סדרה״ זיין, ווער שמועסט נאָך אַ „ירושלמי״ איז דאָך אודאי ניט קיין אַלטעגליכער שפייז אפילו אין די ברייטע לומד׳ישע קרייזען... און ניט לערנענדיג און ניט פאַרטיפענדיג זיך אין דער דאָזיגער פרשה, קומט ביי אונז אויס אַז ניט נור איז דאָס גריבלען זיך אין יענעמס עבירות קיין עבירה ניט נור אדרבא עס ווערט גאָר פאַררעכענט פאַר אַ מצוה און ווער וויל עס ניט זיין קיין „רץ למצוה״, איבערהויפט ווען די מצוה איז נאָך אַזאַ וואָס מען האָט נאָך דערביי אַ היבש ביסעל הנאה אויך...

און אויב שוין יאָ אַ מצוה איז דאָך שוין כדאי איהר אָנווענדען על ראש צדיק. אַ הייליגע מצוה אויף אַ הייליגען מענשען... קדושה זאָל קלעפען צו קדושה... איז עס טאַקע לדאבוננו מעשים בכל יום אַז די חטאים זוכערס קאָנצענטרירען זיך הויפּטזעכליך אַרום די טעריטאָריע פון די אנשי שם, רבנים, תלמידי חכמים און סתם שעהנע אידען. אין יענעם קדושה לאַגער קלייבען זיי זיך אַריין און דאָרטען נישטערען זיי און זוכען בחורין ובסדקין צו געפינען עפּעס אַ שטיקעל חמץ׳ל, וויסענדיג אַז זאָגאַר אַ משהו חמץ איז אויך געענוג אויף מקיים צו זיין דעם „ונכרתה הנפש ההיא״...

און קוים געפינט מען טאַקע דעם דאָזיגען משהו אָדער עס דוכט זיך אויס אַז מען האָט עס געפונען ווענדעט מען שוין דאַן אָן דערביי דעם גאַנצן דין פון „חטה אחת (קרי: ח ט א אחד) מחמצת כל הים כולו״... ניט בלויז ווערט דער באַטרעפענדער רב אַליין אָנגעגריפען און אַטאַקירט נור פאַר איינוועגס ווערט שוין דער גאַנצער ראַבינאַט קאָלעקטיוו אַרונטערגע־ריסען, און ווידער אויף׳ן יסוד פון דין אַז „לא ללמד על עצמו יצא אלא ללמד על הכלל כלו יצא״...

אַז עס האַנדעלט זיך אין אַ מצוה און אין אַ דין איז דאָך ניט שייך... וואו ד י ן איז דאָך ווידער אַ כלל אַז „אין ר ח מ י ם ב ד י ן״...

זעהט איהר, ווען מען געפינט עפּעס אַ גוטע זאַך אויף׳ן תלמיד חכם, מ׳האָט איהם גראַדע „געכאַפּט״ ביי עפּעס אַ דבר מצוה, דאָ איז שוין עפּעס אַנדערש, דאָ ווערט מען עס שוין ניט מפרסם זיין. אויף ח מ ץ איז מען

צו

מדקדק אפילו אויף אַ משהו, אויף מ צ ה אָבער דאָרט מוז שוין זיין ב כ ז י ת, און אפילו דעם כזית איז מען אויך ניט מחויב מפרסם צו זיין; מען מעג עס מ ב ל י ע זיין, דען אַזוי זאָגט דער דין „ב ל ע מ צ ה יצא"... אָט ווען עס האַנדעלט זיך אין מ ר ו ר, ווען מען געפינט עפּעס אויס אויף צו פּ אַ ר ב י ט ע ר ע ן דעם לעבען, דאָרט איז מען שוין ניט מבליע ווייל ביי מרור זאָגט שוין דער דין „ב ל ע מ ר ו ר לא יצא", מרור מוז מען שוין גוט צו „קייען"...

אָבער ווי אויבענגעזאָגט איז דער חסרון וואָס מען שטודירט ניט ווי געהעריג דעם תורת־כהנים, מ'האַלט עס פאַר אַ הלכתא למשיחא, די תורה רופט אָבער אויס: „זאת ת ו ר ת החטאת", דער ח ט א ת אַליין, דער קרבן גופא איז זיך טאַקע אַ הלכתא למשיחא, די ת ו ר ת החטאת אָבער איז אַ תורה אויך פאַר היינט, און די דאָזיגע תורה זאָגט אַז: „במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת" און — „כדי שלא לפרסם את החטאים".

זוכט ביי יענעם די מ ע ל ו ת און ניט די ח ס ר ו נ ו ת, זייט מפרסם די ג ו ט ע מעשים און ניט די ש ל ע כ ט ע.

אָט דאָס איז די מאָראַלישע לעקציע וואָס מיר נעמען אַרויס פון היינטיגער פּרשה, אַ לעקציע וועמעס קורס איז נאָך ניט געפאַלען ביז היינט צו טאָג. און —

„אין צ ו אלא לשון זרוז מיד ו ל ד ו ר ו ת"!...

שמיני

שלחנו של אדם

זאת החיה אשר תאכלו מכל הבהמה אשר
על הארץ.

רב אמר לא ניתנו מצוות לישראל אלא
לצרף בהן את הבריות.
(ויקרא רבה יג).

די היינטיגע סדרה איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי טיילען, דער ערשטער וועלכער רעדט וועגען דעם חנוכת המשכן מיט זיינע קרבנות, און דער צווייטער וואָס רעדט וועגען מאכלות אסורות: „את זה תאכלו ואת זה לא תאכלו״.

אויבערפלעכליך קוקט עס אויס ווי די דאָזיגע צוויי טיילען האָבען כלל קיין שייכות ניט איינער צום אַנדערען, דען „מה ענין מאכלות אסורות לקרבנות המשכן?״ פון אונזער גמרא אָבער זעהען מיר שוין יאָ זייער שייכות: ר״י ור״א דאמרי תרוייהו בזמן שבית־המקדש קיים מזבח מכפר על ישראל ועכשו שלחנו של אדם מכפר עליו״ (ברכות נה). דער „שלחנו של אדם״ וואָס איז דער סימבאָל פון כשרות איז פאָלגליך דער שטעל פאַרטרעטער פונ׳ם מזבח און דאָס וואָס עס זיינען געוועזן די מזבח קרבנות אַמאָל זיינען עס די טיש־מאכלים היינט.

און דאָס לאָזט זיך טאָקע לייכט ערקלעהרען. דער פאַקט וואָס ביים „ועשו לי מקדש״ שטעהט „ושכנתי בתוכם״ און ווי חז״ל קאָמענטירען דאַרויף „בתוכו לא נאמר אלא בתוכם בתוך כל אחד ואחד״, דיעזער פאַקט באַווייזט אַז יעדער אינדיווידועלער איד איז בבחינת מ ק ד ש, אַ מין מיניאַטור פון דעם „מקדש הכללי״ און אַלס אַזעלכער דאַרף זיין קדושה אויך זיין אַ רעפלעקציע פון יענע מקדש קדושה. דער איד דאַרף אויך ז י י ן מקדש און ז י י ן מזבח פאַרברייטען פאַר השראַת השכינה אויף דער זעלבער

אַרט־און־ווייזע ווי ס׳איז געווען ביים מקדש הכללי וואו דער „וקדשתי את אהל מועד ואת המזבח" איז געווען אַ תנאי מוקדם צום „ושכנתי" (שמות כד־מד).

זאָגט טאַקע די תורה נאָכדעם ווי זי גיט איבער אַלע דינים פון מאכלות אסורות: „והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני". איז דאָס דאָזיגע דער לייט־מאָטיוו צו דער גאַנצער פרשה. ווייל עס איז „כי קדוש אני" איז דערפאַר „והתקדשתם והייתם קדושים", דען אַלס ק ד ו ש קען קיין ו ש כ נ ת י ניט זיין אויב ניט אין אַ מקום ק ד ו ש. אַזוי איז עס געווען אין דעם קאָלעקטיווען מקדש מיט זיין „וקדשתי את אהל מועד" און אַזוי דאַרף עס אויך זיין אין אייער אינדיווידועלען מקדש מיט׳ן „והתקדשתם והייתם קדושים".

אין וואָס באַשטעהט אָבער דער ו ה ת ק ד ש ת ם ? דאַרויף זאָגט די תורה: „אל תשקצו את נפשותיכם (באכילתן — רש"י) — — ולא תטמאו בהם ונטמאתם בם" — — „אל תקרי ונטמאתם אלא ונטמטם בם, אדם מטמא עצמו מעט, מטמאין אותו הרבה (מניחין אותו ליטמא — רש"י) המטמא עצמו מלמטה מטמאין אותו מלמעלה (יומא לט).

דאָס עסען בשר טמא, נבלה וטרפה איז מטמא ומטמטם דעם מענשען. דאָס עסען ווערט דאָך פאַרוואַנדעלט אין בלוט און דאָס בלוט איז דאָך דער נפש (כי הדם הוא הנפש) ווערט דאָך ממילא דער נפש טמא און שטערט דאַדורך די השראת השכינה.

אל תקרי ונטמאתם אלא ו נ ט מ ט ם !

און קוים ברענגט די דאָזיגע טומאה צו טמטום המח והלב, ווערט שוין דאַדורך דער איסור פון מאכלות אסורות אַ מקור־השחתה צו אַלע אַנדערע מצוות התורה. עס איז אַזוי צו זאָגען דער ש ל י ס ע ל צו אַלערליי אָבשייליכקייטען; און ריכטיג האָבען אונזערע חז"ל געזאָגט: „הבא ל י ט מ א פ ו ת ח י ן לו". ט ו מ א ה איז דער פ ת ח, די עפע־נונג צו אַלע סאָרטען תועבות און פאַרדאָרבענהייטען.

עס איז דעריבער נאַטירליכערווייזע פאַר׳ן יצר־הרע צו קאָנצענטרירען זיין הסתה־טעטיגקייט אויף דעם דאָזיגען געביט פון מכשיל זיין דעם מענשען אין מאכלות אסורות וואָס איז, ווי געזאָגט, דער יסוד צו אַלע אַנדערע

איסורי התורה, און קוים געלינגט אים צו רואינרען דעם י ס ו ד איז ער שוין ממילא זיכער מיט דער הריסה פון גאַנצען בנין.

אגב איז אויך דער פּראָצעס פון שטן אין דיזען ענין אַ פּיעל לייכטערער. אנשטאט אָנצופיהרען זיין הסתה טעטיגקייט אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב, ר י ט י י ל, טהוט ער עס בעסער אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, ה אָ ל ס י י ל... אנשטאט צו געהן צו יעדען בעל־הבית באַזונדער, מאַכט ער בעסער זיינע „העדקוואָדערס״ (הויפּט־קוואַרטירען) אין די שלאַכט־הייזער, ביי די עופות־הענדלער און ביי די קצבים וואו ער געפינט לייכטער זיינע קליענטען די קלי הדעת ביי וועמען ער קען מאַכען אַ גרינגערען „דזשאָב״... דאָן איז עס דאָך אויך אַן ענין פון „עפישענסי״ (שפּאָרזאַמקייט) דען מיט איין עופות הענדלער אָדער א י י ן קצב קען ער דאָך מיטאַמאָל אָפּ־טרפ׳נען גאַנצע צעהנדליגער משפחות און מיט עטליכע פון זיי, גאַנצע הונ־דערטער אָדער גאָר טויזענטער. איז דעריבער די בשר־כשר־גאַס אַ מעהר זיכערער באָדען פאַר דעם יצר־הרע אויף אָנצופיהרען דאָרט זיינע טרפה׳נע געשעפטען...

און לײדער געהן איהם דאָרט זיינע געשעפטען אַוועק זעהר גוט. ער קען זיך אפילו ווען נויטיג איז פּאַרמעסטען אין קאַמפּף געגען אַ גאַנצען ראַבינאַט. און זאָל דער לעצטער ווען עס איז פּראָקלאַמירען אַ קאָלעקטיווען איסור מיט אַן אויסרוף: „את זה לא תאכלו״ איז ער פאַר דעם אויך פּאַר־ברייטעט אויפצונעמען דעם דאָזיגען קאַמפּף מיט זינדיגער ווירדע און הפקר׳דיגען שטאָלץ. ער זוכט זיך שוין זאָגאַר אָפּ מאַנכע אונטערשטיצער אפילו צווישען די „הויכע פענסטער״ וואָס פּרעטענדירען אַליין אַלס כשרות פאַרזאָרגער, אָבער זייענדיג בטבע פון יענער „כת פלגאה״ וואָס האָבען שוין פון יאָהרענלאַנג אַ רעפּוטאַציע פון איפכא־מסתברא׳ניקעס אויף אַלץ וואָס די רבני׳שע מאַיאָריטעט זאָל ניט זאָגען, איז דעם שטן שוין כלל ניט שווער צו קריגען פון יענע פאַרשוינען די נויטיגע גוטהייסונג און ראַטיפיצירונג אויף זיינע מעשים תעתועים און הפקר געשעפטען...

איז די בשר כשר פּראָבלעמע ווירקליך איינע פון די זעהר אָנגעוועה־טאָגסטע אין דעם אידישען לעבען. איבערהויפּט אין דיזער מדינה וואו די מכשולים אויף דיזען געביט זיינען געוואַלדיג גרויס און דער ראַבינט האָט זעהר אַ שווערען קאַמפּף אָנצופיהרען מיט די מהרסים און מחריבים מכל

המינים וואָס האָבען געשלאָסען אַ בונד מיט׳ן טרפות־טייוועל און באַנוצען זיך אין זייער קאַמפף מיט אַלע העסליכע מעטאָדען און עקעלהאַפטע מיטלען.

ואם ראשונים כמלאכים, אנו...

און ווען מיר פאַרגלייכען אונזער דור אַנטקעגען די שנות דור ודור, מוזען מיר ניט ווילענדיג אויסקרעכצען דעם באַקאַנטען מחזור נוסח: „אָשמנו מכל עם בושנו מכל דור". דען אפילו אין אַזאַ דור ווי דער פון דער אוראַלטער מצרים וואו דער קטרוג האָט אַזש דערגרייכט צום „הללו עובדי ע״ז והללו עע״ז" און דאָך וואָס אַנבאַלאַנגט כשרות, איז אויך יענער דור נזהר געווען דערין.

כדאי צו דערמאָנען וואָס דער חתם־סופר זאָגט אויף׳ן פסוק: „בשבתנו על סיר הבשר באכלנו לחם לשובע". ער פרעגט: ווי שיקט זיך עס אַז דאָרט וואו אפילו „תבן לא יגתן להם", זאָל מען זיי האָבען געגעבען פלייש? איז דער תירוץ אַז דאָרט שטעהט טאַקע ניט „באכלנו בשר לשובע" נור באכלנו ל ח ם לשובע. געגעסען האָבען זיי טאַקע נור ל ח ם, ס׳איז בלויז געווען ב ש ב ת נ ו על סיר הבשר און צוגעקוקט ווי יענע האָבן געגעסן...

דערמיט—זאָגט מו״ר הגאון הצדיק רבי יחזקאל פאנעט זצ״ל אין זיין „כנסת יחזקאל" — ווערט פאַרשטענדליך דער פסוק: „ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו". דען אין ירושלמי (תרומות פח) ווערט געבראַכט:

> מעשה בטבח אחד בצפורין שהיה מאכיל ישראל נבלות וטריפות פעם אחת שתה יין בערב שבת ועלה לגג ונפל ומת והיו כלבים מלקקין את דמו אתון שאלו לר׳ חנינא מהו מורמיתי מן קמיהון (אם יש להעבירו מלפניהם ולטלטלו בשבת) אָמר לון כתיב ובשר בשדה טרפה לא תאכלו לכלב תשליכון אותו וזה היה גוזל את הכלבים ומאכיל ישראל אָמר לון ארפינון דמדידהון (הניחו להם לכלבים שבשלהם הם אוכלים כי הם נוטלים ממנו מה שגזל מהם).
>
> (ירושלמי תרומות פרק ח).

איז אויב מיט׳ן עסען נבלות וטרפות באַ׳גזל׳ט מען די כלבים האָבען דאָך אין אַזאַ פאַל די כלבים אַ תביעה. די אידען אין מצרים אָבער וואָס האָבען,

וואָרט און צייט

ווי געזאָגט, ניט געגעסען קיין נבלות וטריפות, האָבען דאָך די כלבים צו זיי קיין תביעה ניט געהאַט, איז דערפאַר „לא יחרץ כלב לשונו"...

יאָ, בושנו מכל דור!

אין דעם ענין פון כשרות האָבען מיר זיך געוויס צו שעהמען פאַר אַלע דורות. מיר האָבען זיך אָבער אויך צו שעהמען פאַר זיך אַליין. דען דער פאַקט איז דאָך אַז מיר האָבען ברוך השם אַלערליי סאָרטען חברות וואָס דאגה'ן פאַר אידישקייט. פאַראַן חברות פאַר שוהלען, פאַר בית־עלמין'ס, פאַר לחם־עניים, מלביש ערומים א. אַז. וו. ס'איז אָבער ניטאָ אַ חברה וואָס זאָל דאגה'ן פאַר מאכל־כשר, אין דער צייט וואָס דער גרעסטער טייל פון די אַלע אויסגערעכענטע מצוות, אָפּערירען דאָך נור אויסערליך. דען אפילו אַזעלכע מצוות למשל ווי תפילין אָדער ציצית, זיינען דאָך פון דער פּראַק־טישער זייט גענומען אויך נור מצוות חצוניות ווערהענד מאכלות אסורות ווערען דאָך נבלע אינערליך, ווערען אַליין פאַרוואַנדעלט אין בלוט און שטעקען אָן מיט טומאה אַלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים. האָט מען דאָך פאַר אַזאַ מצוה פון מאכל כשר געדאַרפט נאָך מעהר זאָרגען ווי פאַר אַנדערע מצוות. איבערהויפּט נאָך וואָס, ווי געזאָגט, איז דער איסור פון נבלה וטרפה בבחינת „פורה ראש ולענה" און איז דער שליסעל צו אַלע אַנדערע איסורים און תועבות.

וואָלט מען כאָטש לפּחות איבערגעגעבען דעם ענין צו די רבנים און אויסגעפאָלגט זייערע תקנות און איסורים וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדען, וואָלט עס נאָך געקענט דיענען אַלס אַ שטיקעל פאַרטיידיגונג. ליידער אָבער איז ניט נור וואָס מ'העלפט ניט דעם ראַבינאַט אין דיזער אַנגעלעגענהייט נור אדרבה מען שטערט איהם נאָך און מען פיהרט זאָגאַר אָן אַ קאַמפּף געגען איהם.

איז דעריבער, ווי געזאָגט, די כשרות פּראָבלעמע זעהר אַ שווערע אין אונזער לעבען. אַ שווערע, אָבער ניט קיין האָפנונגסלאָזע. קיין שום דורכפאַל אין דעם דאָזיגען קאַמפּף קען דעם ראַבינאַט ניט מיעד מאַכען אויף אויפ־צוגעבען איהם. דען אויב די תורה האָט פאַרזאָגט אויף מלחמת עמלק אַז ס'זאָל זיין אַ „מלחמה מדור דור" שליסט די דאָזיגע מלחמה איין ניט נור עמלק'ן אַליין נור אויך דעם „שותפו של עמלק" וואָס לויט דער משנה

שמיני

אין אבות מיינט עס דאָך די יעניגע וואָס האָבען צו טאָן מיט דעם פלייש האַנדעל...

און זאָלען די דאָזיגע ש ו ת פ י ם געדענקען אַז די היינטיגע משה׳ס אין געשטאַלט פון אונזערע גייסטיגע פיהרער וועלען נאָכפאָלגען דעם ביי־שפיעל פון דעם ערשטען משה און ס׳וועט ביי זיי אויך שטענדיג זיין דער „כי ירים משה את ידו״, און אַרום זיי וועלען זיך נאָך אויך געפינען די אהרן און חור׳ס וואָס וועלען ניט לאָזען אַז ס׳זאָל זיין „וידי משה כבדים״...

כ י י ר י ם מ ש ה א ת י ד ו !

און דאָרט וואו „ירים משה את ידו״ דאָרט איז — וגבר ישראל!

תזריע

סימני טומאה וטהרה באדם ובבהמה

ושער בנגע הפך לבן ומראה הנגע עמוק
מעור בשרו נגע צרעת הוא וראהו הכהן
וטמא אותו.
(יג־ג).

היינטיגע סדרה פאַנגט זיך אָן מיט דעם געבורט פונ׳ם מענשען צו וועל־כעס עס ווערען געווידמעט בלויז געצעהלטע פסוקים און דאַן געהט זי גלייך איבער צו די פרשה פון נגעים פאַר וועלכעס עס ווערען שוין געווידמעט כמעט צוויי גאַנצע סדרות.

און דאָס איז אויך גאַנץ פשוט און פאַרשטענדליך. ביים געבורט זייגען אַלע מענשען־קינדער גלייך. ניטאָ וואָס מאריך צו זיין דערין. די אומות העולם, זיי, האָבען יאָ געגעבען אַ געוויסע חשיבות צום געבורט. לויט זייער טראַדיציע קומט אויס אַז די גרויסקייט פון אַ מענשען איז אַ ג ע ב אָ ־ ר ע נ ע און ניט קיין ג ע ו ו אָ ר ע נ ע און דערפאַר האָט זייער פאַנ־טאַזיע געקענט פראָדוצירען אַזאַ אומגעלומפערטע משונה׳דיגע אמונה וועלכע האָט געקענט מעגליך מאַכען אַ געבורט פון אַ „בן־אלקים״ וואָס מיינט אַ שדוד המערכות אין דער בריאות העולם. ביי אונז אָבער אויב אפילו די תורה אַליין האָט שוין געקרוינט אַ מענשען מיט׳ן טיטול „איש אלקים״ האָט זי אָבער גלייכצייטיג געפונען פאַר נויטיג איבערצוגעבען מיט אַלע אייג־צעלהייטען דעם דאָזיגען איש־אלקים׳ס געבורט: „וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי ותהר האשה ותלד בן״ אום דאַמיט צו דעמאָנסטרירען אַז אפילו אַ איש־אלקים ווערט אויך געבוירען ווי אַ פשוט׳ער בשר ודם... און דערפון שטאַמט דער „יכול כל אדם להיות כמשה״, ווייל קוים זיינען ביים געבורט אַלע גלייך, זיינען דאָך דאַן די משה׳ס אויך ככל אדם, קענען דאָך די כל־אדם׳ס אויך ווערען משה׳ס...

תזריע

דאָס איז דער סוד פון אידישער גרויסקייט: „ובחרת בחיים״, ס׳איז אַ ב ח י ר ה זאַך, אַ פּריוויליגער אויסוואַל, און דערפאַר איז „צדיק ורשע לא קאמר״, וועגן צדקות און רשעות איז ניטאָ קיין באַשטימונג. דאָס קומט ניט דורך קיין „אַפּאָינטמענטס״ נור דורך „וואַהלען״, דורך אַליין אויס־וועהלען דעם צדיק אָדער דעם רשע. ס׳איז אַ בחירה עצמית און דערפאַר ווערט דעם מענשענס געבורט אָבגע׳פּטר׳ט מיט עטליכע פּסוקים, ניטאָ פיעל אָנצושרייבען וועגען דעם ווייל דאָס געבורט־בלעטעל איז נאָך אַ גלאַ־טיגס, ניט קיין אָנגעשריבענעס. ער, דער מענש אַליין, דאַרף עס אָנשרייבען — ו ה י ד כ ו ת ב ת!...

אַנדערש איז שוין אָבער דער פאַל מיט נגעים וועלכע זיינען דאָך כידוע אַ רעזולטאַט פון מענשענס אייגענע מעשים. רמ״ח אברים כנגד רמ״ח מצות־עשה און שס״ה גידים כנגד שס״ה לא־תעשה, און אויב מצוות און עבירות זיינען אַ פּראָדוקט פון בחירה זיינען דאָך דאָס שוין ממילא נגעים אויך; און וואו ב ח י ר ה זיינען שוין ניט אַלע מענשען גלייך און אויך ניט אַלע נגעים גלייך, און דערפאַר לאָזט זיך שוין וועגען דער דאָזיגער פּרשה ברייטליך רעדען.

מיר האָבען אַרויפגעשטעלט אַלס אונזער טעקסט־פּסוק דעם „ושער בנגע הפך לבן״. איז דער דאָזיגער פּסוק זעהר סימבאָליש פאַר דעם טיפ חוטא וואָס מיר רופען אָן אין מאַמע לשון „אַן אַלטער בעל עבירה׳ניק״. אויף׳ן מאָדערנעם לשון דאַרף ער הייסען אַ כראָנישער בעל עבירה. אַזעלכער איז שוין בבחינת „לא תוכל להרפא״, דען לויט׳ן כלל אַז „מי שעבר עליו רוב שנותיו ולא חטא מובטח הוא שלא יחטא עוד״ איז דאָך כמעט ניט במציאות ערשט אויף דער עלטער אָנצופאַנגען זינדיגען. איז אויב אַ זקן־חוטא מיינט עס דאָך פאָלגליך ניט דער וואָס האָט ערשט צו דער עלטער געמאַכט די התחלה פון זינד נור אַזעלכער ביי וועמען די עלטער־זינד איז אַ המשך פון דער יוגענט, אַ פאָרטזעצונג פון זיינע „חטאת נעורים״, און ביי אַזאַ איינעם איז שוין די קוראַציע פון אַ וויטלויפיגע מעגליכקייט.

שטעמפּעלט איהם די תורה דעריבער פאַר אַ טמא בהחלט. זי זאָגט: „ושער בנגע הפך לבן״. די נגע אַליין, די זינד, האָט זיך נאָך אָנגעפאַנגען אין דער יוגענט ווען ס׳איז נאָך געווען „שער שחור״ אָבער דער דאָזיגער שער שחור איז „ ב נ ג ע הפך לבן״, די זינד האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטען

וואָרט און צייט

אַז אין פאַרלויף פון דער צייט איז שוין געוועזן „הפך לבן", די האָר איז שוין ווייס געוואָרען און איז נאָך אַלץ אַ שער ב נ ג ע, ווי רש"י טייטשט עס אַזוי דייטליך אויס: „מתחילה שחור והפך ללבן ב ת ו ך הנגע". אין אַזאַ פאַל איז עס שוין אַ „צרעת נושנת" און אַזאַ מענש איז שוין אַ געפאַהר פאַר דער געזעלשאַפט ווייל דער שער לבן, די זקנה האָט אַ גרעסערע השפעה ווי דער שער שחור. פון אַ יונגען חוטא וועט מען זיך ניט אַזוי פיעל אָפּלערנען צום שלעכטען ווי פון אַן אַלטען. אַלטקייט מיט פרומקייט געהען ביי דער וועלט האַנט און האַנט; זקנה מיט יראת־שמים זיינען אַ מין שמות־נרדפים. עס איז אָנגענומען אַז פרומקייט גאַסטראָלירט מעהר אין לאַגער פון די זקנים ווי ביי דער יוגענט. דער זקן איז שוין מעהר „סטאַטשנע", ער איז שוין נעהענטער צו „יענער וועלט" און דערפאַר אויך ו ו י י ט ע ר פון ד ע ר ו ו ע ל ט. און אויב ער, דער זקן, טהוט אַזאַ אָדער אַזאַ עבירה קען עס ביי אַנדערע אויסגעטייטשט ווערען אַז מסתם ווייסט ער אַז ס'איז קיין עבירה ניט, זאָנסט וואָלט ער עס ניט געטאָן. דאָרט וואו ס'איז „שער בנגע הפך לבן" דאָרט איז אויך „ומראה הנגע עמוק מעור בשרו". די נגע איז באַהאַלטען אינעווייניג ע מ ו ק מעור בשרו וועהרענד אויף איהר אויסערליכען אויסקוק זעהט זי גאָר ניט אויס צו זיין קיין נגע ווייל עס לאָזט זיך דאָך ניט גלויבען אַז ביי אַ „הפך־לבן'ניק" ביי אַ ז ק ן, זאָל נאָך אויך זיין נגעים.

און דאַרין ליגט טאַקע דער אומגליק. דען ניט נור וואָס ער, דער חוטא אַליין, איז שוין כמעט אין לו תקנה נור ער איז נאָך, ווי געזאָגט, אויך אַ געפאַהר פאַר אַנדערע. דער הפך לבן איז אַזאַ נגע ביי וועלכע אַלע דריי זאַכען וועגען וועלכע עס ווערט גערעדט אין דעם פריהערדיגען פסוק, אָפּע־רירען זיי אַלע מיט אַמאָל.

דאָס זיינען: ש א ת ספ ח ת און ב ה ר ת.

די נגע פון „שער לבן" בלייבט ניט בלויז ביים חוטא אַליין נור — „ ש א ת", זי טראָגט זיך איבער צו אַנדערע אויך, עס ווערט פון איהר אַ „ ס פ ח ת", אַ פ אַ ר מ ע ה ר ו נ ג, זי פאַרמעהרט די צאָהל פון איהרע קרבנות ווייל דערפאַר איז זי דאָך „ ב ה ר ת" ווי רש"י זאָגט „בהיר הוא בשחקים". זי קוקט גאָר ניט אויס שוואַרץ אין די אויגען פון אַנדערע. אדרבה זי איז גאָר הפך ל ב ן, זי קוקט גאָר אויס ו ו י י ס.

תזריע

ב ה ר ת׳ד י ג, דען זי שטעהט דאָך איין אין אַזאַ פלאַץ וואָס איז ניט פאַרדעכטיגט אויף זינד און דערפאַר ליגט ערשט דאָ די גרעסטע געפאַר.

**

ווי ווייט די תורה האָט דאַרויף מעהר מקפיד געווען צוליב׳ן געפאַהר פון איהר אָנשטעקיגקייט, איז אויך צו זעהן פון אַ צוויטען דין אין דיזער פרשה וואו עס ווערט געזאָגט:

„וראה הכהן והנה כסתה הצרעת את כל בשרו וטהר את הנגע כולו הפך לבן טהור הוא״.

איז עס דאָך אייגענטליך שווער צו פאַרשטעהן, דען ווי שיקט זיך עס אַז דאָרט וואו די נגע האָט שוין אָנגענומען אַזאַ געפערליכע פאָרמע, ס׳איז שוין „כסתה הצרעת את כ ל בשרו״, אין גאַנצען מנוגע, גראַדע דאָרט איז וטהר את הנגע, היתכן? וכלפי לייא!

לויט דער פריהערדיגער אָפּהאַנדלונג אָבער ווערט שוין דאָס אויך קלערער פאַר אונז. דאָרט וואו ס׳איז כולו נגע, דאָרט וואו די נגע שטעכט אָלעמען די אויגען אַזוי אַז וואו די אויג וואַרפט אַ בליק זעהט זי אַלץ נגע און נגע, אַזאַ מענש איז גאָר ניט שעדליך פאַר דער געזעלשאַפט. געפערליך איז גראַדע דער ביי וועמען די נגע איז ניט אַזוי אָנזעהעוודיג. ס׳איז ניט „כסתה הצרעת את כל עור הנגע מראשו ועד רגלו לכל מראה עיני הכהן״ נור פאַרקעהרט: עמוק מעור בשרו, זי איז ערגעץ טיעף איינגעגראָבען. אויסערליך זעהט זי זיך ניט אָן. אין אַזאַ נגע ליגט די געפאַהר.

„אמר לה ינאי מלכא לדביתהו אל תתראי מן הפרושים ולא ממי שאינם פרושים אלא מן הצבועים שדומים לפרושים שמעשיהם כמעשה זמרי ומבקשים שכר כפנחס״ (סוטה כב).

„אתרוג הכושי כשר ד ו מ ה לכושי פסול״ (סוכה לו).

אין דעם „דומה״ ליגט דער טייוועל. דער „מלאך ד ו מ ה ״ איז דער שטן...

איז עס ווי דער כלי־יקר ערקלעהרט ביי די סימני טומאָה פון בהמות און חיות וואו די תורה זאָגט: „אך את זה לא תאכלו ממעלי הגרה וממפריסי הפרסה את הגמל כי מעלה גרה הוא ופרסה איננו מפריס — — ואת השפן כי מעלה גרה הוא ופרסה לא יפריס — — ואת הארנבת כי מעלת גרה היא ופרסה לא הפריסה ואת החזיר כי מפריס פרסה הוא והוא גרה לא יגר״.

וואָרט און צייט

ווערן ביי אָט די אַלע, פריהער דערמאָנט דער סימן טהרה און ערשט דערנאָך דער סימן טומאה, כאָטש אייגענטליך וואָלט דאָך געדאַרפט זיין פאַרקעהרט. דער לא תאכלו איז דאָך ניט צוליעב „כי מעלה גרה הוא" נור צוליעב „ופרסה איננו מפריס"? זאָגט דאַרויף דער כלי־יקר אַז דערין איז פאַראַן אַ סימבאָלישער מוסר־השכל אַז מען דאַרף זיך פיעל מעהר אויסהיטען פאַר אַזאַ טמא וואָס פאַרשטעלט זיך מיט א י י ן סימן טהרה ווי פאַר דעם טמא וואָס איז דורכאויס טמא און האָט גאָר קיין סימן טהרה ניט. דער לעצטער קען ניט זיין אַזוי פאַרפיהרעריש ווי דער ערשטער און דער סימן ט ה ר ה פון דעם טמא איז פאַלגליך אויך אַ הויפט גורם צו דער טומאה און איז נאָך מעהר שעדליך פאַר זיין סימן טומאה, האָט איהם דערפאַר די תורה געשטעלט צום ערשטען.

אויס דיזען שטאַנדפונקט איז שוין די פרשת נגעים ניט נור אַ פרשה פון אַמאָל נור אויך פון היינט. איהר מאָראַל איז אַ מאָראַל פאַר אַלע דורות און פאַר אַלע צייטען.

זיינען אָבער היינט ניטאָ די כהנים וואָס זאָלען „זעהן די נגעים", ס'הייסט פאַראַן זיינען זיי דוקא יאָ אָבער קיין נגעים קענען זיי ניט זעהן, מען לאָזט זיי ניט... אונזערע היינטיגע כהנים אין געשטאַלט פון די גייסטיגע פיהרער זיינען גאָר אדרבה אויסגעזעצט אַז דאָס פאָלק זאָל ביי זיי זעהן די נגעים; זיי זיינען דער ציעל ברעט פאַר די פרשת נגעים מכל המינים. יעדערער נעמט זיך דאָס רעכט און די אויטאָריטעט צו זעהן נגעים ביי אונזערע פיהרער. ניטאָ דער אַמאָליגער דרך ארץ און יראת הכבוד מיט וועלכע דער המון־עם, די פאָלקס מאַסען פלעגען זיך באַציהען צו זייערע ראשים און מנהיגים. עס איז אַ ווידערהאָלונג פון דעם „אוי לדור ששופט את שופטיו", אָבער פון זעהן נגעים ביים פאָלק איז אָבגערעדט. און זאָלען עס אונזערע היינטיגע כהנים פרובירען צו טאָן שטעלען זיי אין סכנה זייער גאַנצע כהונה.

אַ טרויעריגער אמת אָבער דאָך אַן אמת...

מצורע

נגעי בתים — החברותיים והמוסריים

ונתץ את הבית את אבניו ואת עציו ואת כל עפר הבית.
(יד־מה).

ההי"ד יגל יבול ביתו נגרות ביום אפו.
(איוב כ).

יהו גורים ומוציאים אימתי ביום שיגרה הקב"ה אפו באותו האיש. הא כיצד ? אדם אומר לחבירו השאילני קב חטים וא"ל אין לי קב שעורים — אין לי קב תמרים — אין לי ; אשה אומרת לחברתה השאיליני נפה היא אומרת אין לי השאיליני כברה ואומרת אין לי, מה הקב"ה עושה מגרה נגעים בתוך ביתו ומתוך שהוא מוציא את כליו הבריות רואות ואומרים : לא היה אומר אין לי כלום ראו כמה חטים יש כאן כמה שעורים כמה תמרים יש כאן לווט ביתא באילין לווטיא — לפיכך משה מזהיר את ישראל כי תבאו אל ארץ כנען.
(ויקרא רבה יז).

דער ונתץ את הבית איז זעהר אַ שווערע שטראָף. עס איז די גרעסטע טראַגעדיע פאַר אַ מענשען וואָס האָט נאָך שווערער מיהע זיך ערוואָרבען אַן אייגענע הויז, געוואָרן אַ בעל־הבית מיט אַ בעל־הבית'שע ווירטשאַפטליכקייט און מיט אַ פאַרנעם צווישען זיינע שכנים און מיט־מענשען, און דאָ ווערט מיט אַמאָל אַלעס צו־נישט. אויס הויז, אויס ווירטשאַפט און אויס בעל־הבית.

אָבער ווי גרויזאַם דער דאָזיגער אורטייל זאָל ניט זיין איז עס אָבער אין מאַנכע פעלע אַן אומבאַדינגטע נויטיגקייט סיי פאַר דעם אייגענטימער אַליין און סיי פאַר דער געזעלשאַפט אין וועלכע ער געפינט זיך.

די תורה וויל ניט אָוועקרויבען ביי אַ מענשען זיין אינדיווידועלע רעכט איבער דער פאַרוואַלטונג פון זיין אייגענטום. אין געגענטייל, די פאַרשריפ־טען וועגען שמיטה און יובל וויזען ווי ווייט אונזער תורה האָט פראָטעקטירט און באַשיצט דעם רכוש פון דעם יחיד. פון אַנדערען זייט אָבער וויל די

וואָרט און צייט

תורה דורכאויס אַז דער אינדיווידועלער לעבען זאָל זיין געבויט אויף סאָ־ציאַלע יסודות. דער ואהבת לרעך כמוך איז דער „כלל גדול בתורה" וואָס דאַרף זיין דער פונדאַמענט פון דעם סאָציאַלען און געזעלשאַפטליכען לעבען. אונזער תורה איז דער גרעסטער שונא פון מענשליכען עגאָאיזם. זי דולדעט ניט ענגהערציגקייט און פאַרדאַמט דעם מענשען וואָס צאַמט זיך אָפּ אין זיינע אייגענע מחיצות און זאָגט: שלי שלי! מען דאַרף ניט לעבען פאַר זיך אַליין, מען קען ניט לעבען פאַר זיך אַליין און מען טאָר ניט לעבען פאַר זיך אַליין. מען דאַרף אין זינען האָבען דעם צווייטען אויך. איינגעהאַלטענקייט און שפּאָרזאַמקייט איז זעהר אַ גוטע מדה, אָבער בלויז דאַן ווען זי ווערט אָנגעווענדעט אויף זיך אַליין, אויף׳ן אייגענעם חשבון אָבער ניט אויף׳ן חשבון פון דיינע מיט־מענשען.

יעקב אבינו האָט אויך געלעבט איינגעהאַלטען און מיט אויסרעכענונג: „ויותר יעקב לבדו—שכח פכין קטנים וחזר עליהן, מכאן שצדיקים חביב עליהם ממונם יותר מגופם" (חולין צא), אָבער נור יותר מ ג ו פ ם און ניט יותר מגוף א ח ר י ם... עס איז ווי די בעלי המוסר טייטשען אויס די משנה: „יהי ביתך פתוח לרוחה ויהיו עניים בני ביתך", דיינע איי־גענע בני בית מעגען זיך פיהרען ווי עניים אָבער פאַר אַנדערע, פאַר פרעמדע זאָל זיין „ביתך פתוח לרוחה". ווען אָבער אַ אידישע הויז פיהרט זיך ניט לויט די אָנגעגעבענע רעגלען און אָנשטאָט פתוח לרוחה איז זי גאָר סגור ומסוגר, אָפּגעשלאָסען פאַר פרעמדע, דעם אייגענטימער קימערט ווינציג זיינע אָרומיגע און ווען יענע נויטיגען זיך אין עפּעס קומט דער ענטפער „אין לי" ווען אפילו דאָס ווערט בלויז פאַרלאַנגט אין אַ פאָרם פון אַ גמילות־חסד: „השאילני קב חטים — השאיליני נפה וכברה" — אַזאַ הויז האָט קיין עקזיסטענץ באַרעכטיגונג ניט, איהר קיום איז אַ געפאַהר פאַר דער גע־זעלשאַפט. זי וויזט אַ שלעכטעןביישפּיעל און שאַפט אַ געפערליכען פרע־צידענט. אויף אַזאַ הויז קומט דער שטרענגער אורטייל: „ונתץ את הבית את אבניו ואת עציו ואת כל עפר הבית והוציא אל מחוץ לעיר אל מקום טמא". אַזאַ הויז טאָר זיך ניט געפינען אין שטאָדט, זי קען אויך אַנדערע שטאָדטישע הייזער אָנשטעקען מיט איהרע נגעים. און ווי שמערצליך דער דאָזיגער „ונתץ" זאָל ניט זיין מוז מען איהם אָבער אָנווענדען. מען דאַרף אָפּשניידען דעם אבר המדולדל און דאַמיט ראַטעווען די גאַנצע געזעלשאַפט.

מצורע

אָבער פונקט ווי עס זיינען פאַראַן נגעי בתים וואָס שעדיגען די יסודות פון דעם סאָציאַלען לעבען אַזוי זיינען אויך פאַראַן נגעי בתים וואָס שעדיגען די יסודות פון דעם מ אָ ר אַ ל י ש ע ן ג ע ט ל י כ ע ן לעבען. די הויז דאַרף ניט זיין בלויז אַ מוסטער פאַר דער מ ע נ ש ל י כ ע ר מאָראַל נור אויך פאַר דער ג ע ט ל י כ ע ר, ניט בלויז פאַר דעם בין־אדם־לחבירו נור אויך פאַר דעם בין־אדם־למקום, און דאָרט וואו עס שטעהט: „יהי ביתך פתוח לרוחה" דאָרט שטעהט אויך „יהי ביתך בית־ועד ל ח כ מ י ם". די הויז דאַרף זיין אַ מין מקדש־מעט וואָס זאָל קאָפּירען דעם מקדש־רב. שבת, כשרות, טהרת המשפחה און אַלע אידישע טראַדיציעס און מנהגים דאַרפען דאָרט אָבגעהיט ווערען מיט דער גרעסטער זהירות און פּינקט־ליכקייט. אַ „בית ישראל" איז נור די וואָס געהט צוזאַמען מיט דעם „ברכו את ה'", די הויז אָבער וואו ס'איז ניט פאַראַן קיין סימן צו די אַלע זאַכען, די הויז פון וואַנען מען האָט פאַרטריבען דעם אידישען שבת, אידישע ימים טובים און אַלע אַנדערע קנינים רוחניים און מנהגי ישראל — אַזאַ הויז קען ניט האָבען קיין זכות הקיום און מיט איהר צושטערונג וועט די קאָלעקטיווע בית־ישראל גאָר ניט פאַרלירען. אַזאַ הויז וואַרפט אָן אַ שרעק אויף אַלע אַנדערע אידישע הייזער, עס דראָהט מיט מורא'דיגע סכנה אויף זייער אי־דישען קיום, איז דערפאַר פיעל בעסער צו מאַכען אַן ענדע צו דער שרעק איידער ס'זאָל בלייבען אַ שרעק אָהן אַן ענדע...

און דער זעלבער מדרש וואָס שילדערט אַזוי בילדליך רייך דעם „ונתתי את הבית" אויף יענע סאָרט הויז וואו עס הערשט דער גייסט פון עגאָאיזם און ענגהאַרציגקייט, דער זעלבער מדרש שלאָגט אויך אָן אַ טאָן פון וועלכען עס איז קענטיג אַז ער מיינט אויך דעם צווייטען מין הויז וואו עס פעלט דער גייסט פון טראַדיציאָנעלער אידישקייט. דאָס איז צו זעהן פון פאָל־גענדיגען זאַץ:

> כי תבאו אל ארץ כנען ונתתי נגע צרעת בית ארץ אחוזתכם. הה"ד אך טוב לישראל אלקים לברי לבב, יכול לכל ת"ל לברי לבב אלו שלבן ברי במצוות; אשרי אדם עוז לו בך יכול לכל ת"ל מסלות בלבבם אלה דשבילין דאורייתא כבישין בלבבן.

און אַזוי רעכענט דער מדרש ווייטער אויס די עשרה דברים שהנגעים באין עליהן וועלכע זיינען אַ קאָמבינירונג פון מצוות שבין אדם למקום און

וואָרט און צייט

מצוות שבין אדם לחבירו ווי צב״ש „ע״ז״ און „גוזל את הרבים״, „גלוי עריות״ און „לשון הרע״ א. אַ. וו.

אַזוי צו אַזוי, ווען עס האָלט שוין ביים „ובא הכהן — — ונתץ את הבית״ דעמאָלט איז שוין שלעכט. דער בעל־הבית וואָס וויל פאַרהיטען אַז ס׳זאָל ניט קומען דערצו דאַרף ניט וואַרטען ביז׳ן „ובא הכהן״ נור אַנ־שטאָט ובא הכהן, דער כהן זאָל צו איהם קומען זאָל בעסער זיין „ובא אשר לו הבית והגיד לכהן״, זאָל ער, דער בעל־הבית, בעסער געהן צום כהן און אנשטאט צו וואַרטען ביז׳ן „וראה הכהן את ה נ ג ע ״ זאָל בעסער זיין „והגיד לכהן כנגע נראה לי בבית״, גלייך ביים אָנפאַנג ווען מען דערשפירט אַז ס׳איז עפּעס ניט גלאַטיג אין הויז, ס׳איז עפּעס ניט אין גאַנצען כשורה׳־דיג; קיין ריכטיגע נגע זעהט ער נאָך אמת ניט אָבער ס׳איז שוין „כנגע״, עס ווייזט זיך שפּורען פון אַ נגע, ס׳איז עפּעס ניט דאָס וואָס דאַרף זיין... אָט דעמאָלט איז די צייט צו געהן צום כהן, צום גייסטיגען פיהרער, זיך מיט איהם מיישב זיין, נעמען פון איהם די נויטיגע אינסטרוקציעס און דירעק־טיוועז, זיך צו הערען צו זיין וואָרט און מקיים זיין דעם „ושפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו״. ווען ער וועט אַזוי טאָן וועט ער פאַרהיטען די סכנה, ווייל דעמאָלט ווען עס איז „ ב ט ר ם יבוא הכהן לראות את הנגע״ דעמאָלט איז אויך „ ו ל א י ט מ א כל אשר בבית״, איז נאָך דאָ צייט צו פאַרהיטען די טומאה און ממילא וועט אויך ניט קומען צום „ונתץ את הבית״, עס וועט נור זיין „ואת הבית יקציע מבית סביב״ מען וועט נור דאַרפען מאַכען געוויסע אויסבעסערונגען, אַרומהאַקען די שפּיציגע שטיינער וואָס ק ר י מ ע ן אויס דעם בנין. „ושפכו את העפר״ די אומריינע שטויב וואָס אַ „רוח תזזית״ האָט אַריינגעטראָגען אין הויז וועט מען דאַרפען באַזיי־טיגען. „ולקחו אבנים אחרות והביאו אל תחת האבנים ועפר אחר יקח וטח את הבית״, אומבייטען דאָס שלעכטע אויף דאָס גוטע, צו־פּיקסען אַביסעל, צו־פאַרריכטען אַביסעל אָבער דער בנין וועט בלייבען בנין, צום ו נ ת ץ וועט עס ניט קומען...

יאָ, ווען עס קומט שוין צום „ובא הכהן״ דאָ ענדיגט זיך עס מיט אַ קללה — לווט ביתא באילין לווטיא... ווען עס איז אָבער „ובא אל הכהן״ דאָ ענדיגט זיך עס מיט אַ ברכה — ברכת כהנים...

אחרי

אחד להי ואחד לעזאזל — והרכבתם בחיים

ונתן אהרן על שני השעירים גורלות גורל אחד להי וגורל אחד לעזאזל.

טרף בקלפי (חטף פתאם בטריפה ובחטיפה רש"י). והעלה שני גורלות אחד כתוב עליו להי ואחד כתוב עליו לעזאזל. הסגן בימינו וראש בית אב בשמאלו.

(יומא פ"ד משנה א).

למה טרף בקלפי כי היכי דלא נכוין ולישקול (שלא ימשמש להבין במשמושו איזה של שם ויטלנו בימינו לפי שהוא סימן יפה כשהוא עולה בימין — רש"י).

(לט־עא).

זעהען דערין די ספרי מוסר אַ סימבאָלישע אָנדייטונג אויף די צוויי מענשליכע עלעמענטען אין לעבען, איינער וועלכער איז מקיים דעם „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״, לעבט אַ העכט אידיש געטליכעס לעבען און ברענגט אַלערליי קרבנות פאַר אידישקייט. דיזער עלעמענט ווערט אין זיין ארט לעבען רעפּרעזענטירט דורכ׳ן „שעיר לה׳״. פאַראַן אָבער אַ צווייטער עלעמענט וועמעס לעבען איז דורכאויס אַ וואָכעדיגער, לעבט בלויז פאַר עולם־הזה, זיינע אינטערעסען זיינען בלויז מאַטעריעלע און האָט גאָר ניט צו טאָן מיט העכערע זאַכען, אידעאַלערע און געטליכע. דיזער עלעמענט ווערט שוין אין זיין אָרט לעבען רעפּרעזענטירט ניט דורכ׳ן שעיר לה׳ נור דורכ׳ן „שעיר לעזאזל״. אויך איהם, דעם צווייטען עלעמענט איז ניט שווער צו ברענגען קיין קרבנות פאַר דער ערררייכונג פון זיין ציעל, אָבער עס איז טאַקע דער ציעל גופא אין וואָס עס אונטערשיידען זיך די דאָזיגע צוויי עלעמענטען. ביים ערשטען איז דער ציעל — לה׳ און ביים צווייטען — לעזאזל...

וואָרט און צייט

דער ערשטער איז דער עלעמענט וואָס מיר רופען אָן „רעכט״ ווייל „לב חכם ל י מ י נ ו ״ און ווי רש״י זאָגט ביים שעיר לה׳ אַז „סימן יפה כשהוא עולה בימין״ און דער צווייטער איז דער וואָס מיר רופען אָן „לינקס״ ווייל „לב כסיל ל ש מ א ל ו ״. ער שטעהט אויף שוואַכע יסודות, אויף אַן אונזיכערען באָדען, דען כאָטש עס איז „תחילתן שלוה״ איז אָבער „סופן יסורין״ און עס ענדיגט זיך על פי רוב מיט׳ן זעלבען סוף פונ׳ם שעיר לעזאזל אַז „לא הגיע לחצי ההר עד שנעשה ממנו אברין אברין״...

זיינען טאַקע די דאָזיגע צוויי עלעמענטען אַן אָפּשפּיגלונג פון די שני השעירים. איז עס אָבער בלויז אויף אַזוי ווייט וואָס אָנבאַלאַנגט דעם עצם כאַראַקטער זייערן, אָבער ניט אין וואָס אָנבאַלאַנגט די סבות און אורזאַכן וואָס ברענגען דערצו. אין ד ע ם איז שוין פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיעד. דען וועהרענד ביי די שעירי יום הכפורים איז דער „לשם״ און „לעזאזל״ געווען אַ „דבר התלוי ב ג ו ר ל ״, אַ שיקזאַל זאַך, עס זיינען אָבער ניט געווען קיין באַשטימטע סבות וואָס זאָלען אין פאָראויס באַשטימען דעם דאָזיגען שיקזאַל. אין געגענטייל, לויט חז״ל זיינען די שני השעירים געווען „שוין במראה בקומה ובדמים״ (יומא סב) און בלויז דער צ ו פ אַ ל האָט פאַרזיגעלט זייער שיקזאַל ווער לשם און ווער לעזאזל, איז אָבער דאָס ניט דער פאַל פון די צוויי מענשליכע עלעמענטען. ביים מ ע נ ש ע ן איז עס ניט אַ דבר התלוי בגורל, עס איז ניט דער בלינדער שיקזאַל וואָס פיהרט איינעם „לשם״ און דעם אַנדערען „לעזאזל״. דער מענש ווערט פון קיינעם ניט געפיהרט אויסער פון זיך אַליין. ער, דער מענש אַליין, איז דער וואָס ענטשיידעט זיין גורל. דער מענש איז אַ בעל בחירה און האָט אַליין דעם פולען קאָנטראָל איבער זיך. ער קען און דאַרף אַליין באַשטימען דעם וועג און ריכטונג אין וועלכען צו געהן. און „בדרך שאדם ר ו צ ה ללכת מוליכין אותו (מכות י). עס ווענדעט זיך דורכאויס אין זיין אייגענעם רצון — ו ב ח ר ת בחיים! וויל ער קלייבט ער זיך אויס דעם וועג וואָס פיהרט צו רעכטס, דער וועג וואָס איז „תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם״. וויל ער ניט דיזען וועג שטערט איהם קיינער ניט זיך אויסקלייבען דעם צווייטען וועג וואָס פיהרט צו לינקס — הבא לטמא פותחין לו!

אין ד ע ם טאַקע, אין דער ב ח י ר ה באַשטעהט דאָך דער אונ־טערשיעד צווישען מענש און בהמה. דאָס איז דאָך דער מותר האדם מן

הבהמה און עס איז דאָך די דאָזיגע ב ח י ר ה וואָס האָט געשטעמפּעלט דעם מענש אַלס ב ח י ר היצורים.

„למקום ש א נ י אוהב רגלי מוליכות אותי" (סוכה נג). איז דער א נ י פּאַלגליך דער טאָן געבער און דער שיקזאַל באַשטימער. די פ י ס זיינען נור דער געטרייער דינער צום „אני" וואָס פיהרען דורך זיינע אָר־דערס און ערפילען זיינע אינסטרוקציעס מיט דער פולסטער געהאָרכזאַמקייט און גרעסטער פּינקטליכקייט. און אויב מען זעהט אַמאָל אַז עס איז „רגלים ממהרים לרוץ לרעה" דאַרף מען וויסען אַז דאָס איז אַן אויסגאַנג פון אַ פריהעריגען „לב חורש מחשבות און" (משלי ו־יח). די ר ג ל י ם זיינען בלויז „ממהרים לרוץ", זיי טהוען זייער שליחות מיט דער גרעסטער שנעל־קייט און געשיקטקייט, זיי פּלאַנען אָבער ניט די דאָזיגע שליחות, זיי זיינען ניט די איניציאַטאָרען דערפון, דער פּלאַן קומט פון דעם „ ל ב חורש מחשבות און"...

„וישא יעקב רגליו" — יעקב טראָגט די פיס און ניט די פיס טראָגען איהם...

איז די הגרלה פון די שעירים וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין דעם הייליגסטען טאָג, אויף דעם הייליגסטען פּלאַץ, דורך דעם הייליגסטען איד, אפשר געוועזען די שעהנסטע דעמאָנסטראַציע וואָס האָט אינדירעקט אַרויס־געבראַכט דעם דאָזיגען געדאַנק אַז דער גורל־טעקס איז נור אַן ענטשיי־דענדער פאַקטאָר ביי די אונשולדיגע ציגעלאַך אָבער ניט ביים ש ו ל ד י־ג ע ן מענש. ער, דער מענש, איז אַליין דער באַשטימער פון זיין שיקזאַל צי ער זאָל געהרען צום עלעמענט פון „לשם" אָדער צום עלעמענט פון „לעזאזל", ער אַליין און ניט קיין בלינדער גורל און אויך ניט קיין זעהענדיגער כהן. ער קען בלויז פון כהן געניסען מאָראַלישע שטיצע, ווייל דער כהן איז דאָך דער מורה העם און אַלס אַזעלכער איז עס זיין הייליגע מיסיע אָנצואווייזען דעם אמת'ן וועג אין וועלכען צו געהן, אָבער דאָס געהן גופא בלייבט פאַר איהם אַליין צו באַשטימען.

„ונתן הכהן על שני השעירים גורלות". אויף די ש ע י ר י ם באַ־שטימט דער כהן דעם גורל אָבער ניט אויף'ן מענשען...

און אויב די שעירים זיינען לויט די חכמי המוסר דער סימבאָל פון

וואָרט און צייט

דעם מענשען לאָזט זיך שוין דערפון אויך ציהען אַ מוסר השכל אין אַן אַנדער ווינקעל פון אונזער לעבען.

מיר האָבען אויבען ציטירט די גמרא פון „ושוין במראה בקומה ובדמים". און „בדמים" מיינט „בדמי מקחם". הייסט עס, אַז דער פרייז פוןביידע שעירים האָט געדאַרפט זיין דער זעלבער. און וואָלטען מיר דערין נאָכגעקומען דעם דין אויך אין אונזער לעבען, וואָלט עס נאָך געוועןצו דער ליידען. די צרה איז אָבער וואָס ביי אונז איז ליידער דער פרייז פון דעם שעיר לעזאזל אַ פיעל טייערער ווי דער פרייז פון דעם שעיר לשם. ווען עס קומט צום שעיר לעזאזל דאַן איז געלט קיין אָפּהאַלט ניט. פאַר אַלע סאָרטען עזאזל־פאַרגעניגענס איז דאָ געגוג געלט. מעג עס זיין אַ קריזיס, אַ דעפּרעסיע געהט זיך פונדעסטוועגען דער רוטינער לעבענסגאַנג זיין נאָרמאַלען וועג. די טעאַטערע זיינען אָפּען. מען אַמוזירט זיך כדבעי'דיג ניט קוקענדיג צו עס איז גראַם אָדער ענג אין קעשענע. אַזוי גיך ווי עס קומט אָבער צום שעיר ל ש ם, ווען עס האַנדעלט זיך אין ספּענדען געלט פאַר געטליכע צוועקען, שטיצען אַ שוהל, אַ תלמוד תורה, א ישיבה אָדער אירגענד וועלכען מוסד של צדקה, דאָ איז שוין דער קריזיס שטאַרק קענטיג און דער שעיר „לשם" קען שוין ווייט ניט דערגרייכען אין פרייז דעם שעיר ל ע ז א ז ל . . .

נאָך מעהר דערפון: אפילו ווען מען גיט שוין כלומר'שט יאָ פאַר'ן ל ש ם נעמט מען דעמאָלט אויך צו פאַר אַ שותף דעם לעזאזל. דאַרף מען אונטערשטיצען אַ שוהל, אַ תלמוד תורה אָדער אַ ישיבה, ווערט עס געטאָן דורך אַ טעאַטער בענעפיט פון וועלכעס דער גרעסטער טייל פון דעם איינקונפט געהט אַוועק לעזאזל, נור פון די „שיריים" בלייבט עפּעס אויך אַ שטיקעל חלק פאַר'ן „לשם"...

איז דער וועהטאָג גרויס אָבער נאָך גרעסער די שאַנדע.

ושוין ב ד מ י ם !

זאָל דער שעיר לשם לפחות ניט זיין נחות דרגא'דיג אַנטקעגען דעם שעיר לעזאזל וועט דער וועהטאָג ניט זיין אַזוי גרויס !

און זאָל בכלל אויפהערען די פאַרטנערשאַפט פון „לשם" און „לעזאזל" וועט אויך די שאַנדע ניט זיין אַזוי גרויס !...

קדושים

כלל בתורה ולא כלל התורה

לא תקום ולא תטור את בני עמך ואהבת לרעך כמוך — ר״ע אומר זהו כלל גדול בתורה.

(ירושלמי נדרים פט הד).

די בעלי המוסר האָבען געפונען אין דיזע דריי ווערטער „ואהבת לרעך כמוך״ אַ מוסר לעקציע ניט נור אין דעם מענשענס באַציהונגען צו אַ צווייטען נור אויך אין זיינע באַציהונגען צו זיך אַליין, „בינו לבין עצמו״. דען יעדער מענש איז אַן־און־פאַר־זיך אויך אַ קאָמבינאַציע פון צוויי אין געשטאַלט פון גוף און נשמה; און אָט די צוויי זיינען דאָך ווירקליך אַזעלכע רעים וידידים אַז זיי קענען זיך ניט שיידען איינער פון אַנדערען אפילו אויף קיין איין איינציגע סעקונדע אין זייער גאַנצען לעבען, און זאָל זיך איינער יאָ וועלען שיידען פון צווייטען וועט עס זיי ביידען קאָסטען דער לעבען...

ווערענד אָבער די נשמה דיענט אַזוי גינסטיג און געטריי איהר חבר, דעם גוף, און קיין זאַך איז פאַר איהר ניט שווער צו לייסטען פאַר איהם ווען עס האַנדעלט זיך נור אין זיינע אינטערעסען און פאַרגעניגענס. זי וועט אָבזיצען שווערע און לאַנגע שטונדען אין די טעאַטערען און אַנדערע פאַר־ווייליגגס פלעצער כדי צופרידענשטעלען דעם גוף; און דאַרף דער מענש אויפשטעהן פאַרטאָג אום זיך מאַכען רייזע פאַרטיג צוליעב געשעפטליכע אינטערעסען, שטעלט זיך די נשמה זאָפאָרט צו זיין פארפיגונג אָהן אירגענד וועלכע אויסזעצונגען און פראָטעסטען — איז ווערענד, ווי געזאָגט, געפינט דער גוף אין דער נשמה אַ זעהר איבערגעגעבענעם און געטרייעם חבר, זעהן מיר אָבער ניט אַזאַ געגענזייטיגע פריינדשאַפט אויך מצד דעם גוף דעמאָלט ווען עס האַנדעלט זיך אין נשמה אינטערעסען. אַזוי למשל איז ניט אַזוי

גרינג צו פועל'ן ביים גוף צו האַלטען קאָמפּאַניע מיט זיין פריינד נשמה ווען עס פאַרגלוסט זיך איהר צו לערנען אַ „משמר" אין אַ „דאָנערשטאָג נאַכט", אָדער ווען עס כאַפּט איהר אָן אַ חשק אויפצושטעהן אין אַ ווינטער־דיגען פאַרטאָג און „אריינכאַפּען" עטליכע בלאַט גמרא פאַר אַ דאַווענען.

דערהערט זיך דעריבער אין דיזען פסוק דער קלאַנג פון אַ מין מע־סעדזש צום גוף: — „ואהבת ל ר ע ך כמוך"! דו זאָלסט ליעבען דיין חבר, די נשמה, פּונקט ווי דו ליעבסט דיך אַליין און אַקוראַט ווי אין דיינע גופניות'־דיגע אינטערעסען ביזטו זעהר גערן צו האָבען די מיטווירקונג און קאָאָפּעראַציע פון דיין פריינדין נשמה, אַזוי זאָלסטו אויך גערן ג ע ב ע ן דיין קאָאָפּעראַציע צו דיין פריינדין ווען עס האַנדעלט זיך אין א י ר ע אינטערעסען.

פּאַסט זיך דאָ זעהר אַריין רבי עקיבא'ס באַמערקונג: „זה כלל גדול ב ת ו ר ה", ווי דערמיט אָנצואוואונקען אַז דאָ האַנדעלט זיך אין אַזאַ ליעבע וועמעס אויסדרוק דאַרף קומען אין ת ו ר ה אינטערעסען און ד אָ ס נאַטירליך מיינט דאָך די ליעבע פון גוף צו נשמה אויף וועלכעס ס'איז ווי געזאָגט, נויטיג אַ באַזונדער פאַרזאָג...

איז עסווירקליך אַ שעהנער פּערעל אין אונזער אידישער עטהיק וואָס פאַרדיענט דעם אויבענאָן ווען אפילו די אויסטייטשונג ווערט דאַדורך אַבי־סעל אָפּגענויגט פונ'ם פשוט'ן פשט.

ניט וויניגער געוויכט ליגט אָבער אין רבי עקיבא'ס „זה כלל גדול בתורה" אויך אין פשוט'ן פשט ווען דער ל ר ע ך מיינט טאַקע אַ צווייטע פּערזאָן.

און מעגליך אַז רש"י'ס קאָמענטאַר אין אָנפאַנג פון דיזער פרשה: דבר על כל עדת בני ישראל — מלמד שפרשה זו בהקהל נאמרה מפני שרוב גופי תורה תלוים בה", ציעלט אויך צו דיזען פסוק „ואהבת לרעך כמוך" וואָס איז, לויט רבי עקיבא'ן, אַ כלל גדול בתורה און דערפאַר באַצייכענט רש"י די פרשה אַלס אַזעלכע וואָס „רוב גופי תורה תלוים בה". דען אויב רש"י זאָל איינפאַך מיינען די גרויסע צאָהל מצוות (איין און פופציג) וואָס דיזע פרשה ענטהאַלט, איז דאָך די פרשה כי־תצא מיט איהרע פיער און זיבעציג מצוות נאָך גרעסער און אויף איהר ווערט פונדעסטוועגען ניט געזאָגט אַז „רוב גופי תורה תלוים בה"?

שיינט עס דעריבער אַז רש״י האָט, ווי געזאָגט, אויך געציעלט צום „ואהבת לרעך כמוך״ וואָס געפינט זיך בלויז אין דיזער פרשה און איז דאָך כולל אַלע מצוות שבין אדם לחבירו. איז עס דעריבער אַ פרשה וואָס רוב גופי תורה תלוים בה, און דערפאַר טאַקע איז „ב ה ק ה ל נאמרה״ ווייל עס האָט דאָך צו טאָן מיט די באַציהונגען צו דער געזעלשאַפט, צום ק ה ל.

אויב אָבער אונזערע רבי עקיבא׳ס האָבען געוואוסט ווי אויסצוטייטשען דעם ואהבת לרעך כמוך, ווייסען אָבער ליידער נ י ט מאַנכע פון אונז ווי אויסצוטייטשען די רבי עקיבא׳ס...

פאַראַן אַזעלכע וואָס שטיצענדיג זיך אויף דיזען ר״ע האָבען זיי אָנגעּ נומען אַז מיט׳ן „ואהבת לרעך כמוך״ קען מען שוין יוצא זיין די גאַנצע תורה און קוים איז מען נור אַן אָרענטליכער מענש אין דער געזעלשאַפט, מען באַזיצט אַ גוטע האַרץ און מ׳טהוט דעם צווייטען אַ טובה, מען העלפט איהם אַרויס אין אַ נויט אד״ג, קען מען שוין זאָגען „שלום עלי נפשי״ און מען דאַרף זיך שוין ניט קימערען וועגען די אַנדערע חלקי התורה, יענע וואָס האָבען צו טאָן מיט די מצוות שבין אדם למקום.

זיי געפינען נאָך דערצו סמוכים אין די נביאים וואו עס ווערט אַזוי שטאַרק אונטערשטראָכען דער „עשות משפט ואהבת חסד״ וועהרענד אויף דעם בין־אדם־למקום שטעהט „ו ה צ נ ע לכת עם ה׳ אלקיך״ ווי צו זאָגען אַז דער „לכת עם ה׳ אלקיך״ איז זיך אַ פריוואַט זאַך, אַ מין דברים שבצנעא וואָס קיינער האָט דאָ קיין רעכט ניט זיך אַריינצומישען...

אַז די דאָזיגע אויסטייטשונג סיי אין ר״ע און סיי אין די נביאים איז ווייט ניט אין אנקלאַנג מיט׳ן אמת, איז קוים נויטיג צו איבערצייגען. זאָגט דאָך ניט רבי עקיבא אַז דער ואהבת לרעך כמוך איז ד י ג אַ נ צ ע ת ו ר ה. ער זאָגט דאָך נור „זה כלל גדול בתורה״ געבענדיג דערמיט די דאָזיגע מצוה גרויס חשיבות און פראָמענענץ א י ן דער תורה, אָבער ניט מאַכענדיג איהר פאַר דער ג אַ נ צ ע ר תורה... אַזוי אויך דער „והצנע לכת עם ה׳ אלקיך״ וואָס מיינט צו פרעדיגען ב אַ ש י י ד ע נ־ ה י י ט און צ נ י ע ו ת אין די ענינים שבין אדם למקום אָבער ניט עס אונטערצושעצען געגען דעם בין אדם לחבירו און עס געבען אַ סטאַטוס פון אַ מינדערוויכטיגקייט.

וואָרט און צייט

נור סיי ווי לאָזט זיך דער „ואהבת לרעך כמוך״ ניט אויסטייטשען בוכ־שטעבליך און ניט אומזיסט ווערט עס אין דער גמרא פאַרטייטשט אין אַ נעגאַטיוועז זין ווען עס ווערט דאַרויף געזאָגט: „מה דעלך סני לחברך לא תעביד״ (שבת לא). דען אויב עס זאָל מיינען אין פּ אָ ז י ט י װ ע ן זין, ליעב צו האָבען אַ צווייטען ווי מען האָט זיך אַליין ליעב, וועט דאָך אויסקומען אַז ביי אַזעלכע מענשען למשל ביי וועמען עס איז „ממונם חביב עליהם יותר מגופם״ און ווען זיי פאַרלירען דאָס געלט זיינען זיי ברייט זיך אַליין אויך אומצוברענגען (פאַלען וואָס מיר האָבען היבש פון זיי בייגע־וואוינט אין די לעצטע יאָהרען), זאָלען זיי דאָס זעלבע אויך אָנווענדען אויף׳ן צווייטען אין פאַל יענער האָט פאַרלאָרען זיין געלט, אום נאָכצוקומען דעם ואהבת לרעך כמוך, וואָס וואָלט אין דעם פאַל געמיינט דער „ברור לו מיתה יפה״ אפילו ווען עס האַנדעלט זיך ניט אין קיין פאַרברעכער...

ווערט טאָקע דערפאַר דעם דערמאָנטען מאמר פון רבי עקיבא׳ן געגעבען אין מדרש אַ מעהר אויספיהרליכע ערקלעהרונג ווען עס ווערט געזאָגט:

> ר״ע אומר ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה שלא תאמר הואיל ונתבזיתי יתבזה חברי עמי הואיל ונתקללתי יתקלל חברי עמי א״ר תנחומא אם עשית כן דע למי אתה מבזה בדמות אלקים עשה אותו (ב״ר פ׳ כד).

האַנדעלט זיך דאָ דעריבער ניט אין אהבה ב כ מ ו ת נור אין אהבה ב א י כ ו ת וואָס לאָזט זיך בעסער ערקלעהרען אין אַ נעגאַטיוועז זין ווי אין אַ פּאָזיטיוועז און דערפון פאָלגליך דער תלמוד׳ישער קאָמענטאַר: „מה דעלך סני לחברך לא תעביד״.

אין אמת׳ן אָבער נויטיגט זיך אויך אָט דער נעגאַטיווער פירוש אין אַ פירוש לפירושו. דען אויב אהבה ווערט אויסגעטייטשט אין נעגאַטיווען זין שטימט עס דאָך ניט מיט׳ן באַגריף פון דעם אהבה טערמין. א ה ב ה בוכשטעבליך מיינט דאָך ליעב צו האָבען וועהרענד נ י ט צו טאָן יענעם קיין שלעכטס מיינט דאָך נור נ י ט פיינט צו האָבען און פון ניט פיינט האָבען ביז ליעב האָבען איז דאָך נאָך אַ היבשער מהלך...

איז טאַקע זעהר וואַרשיינליך די אויסטייטשונג פון מאַנכע גדולים (זעה ספר „יבין שמועה" סי' רעט) אַז עס מיינט אַזוי צו זאָגען: „מה דסני לך לחברך — לא תעביד". עס הייסט אַז אַזאַ אויפפיהרונג וואָס דו וואָלסט ניט גערען זעהן ביי דיין חבר, זאָל עס ביי דיר אויך ניט געזעהן ווערען. אַזוי צום ביישפּיל אַז דו פאַרלאַנגסט עפּעס אַ טובה ביי דיין פריינד און ער אַנטזאָגט זיך דערפון וואָלסטו דאָך עס זיכער ניט גערען געהאַט אַזוי אַז ער וועט פון דיר עטוואָס פאַרלאַנגען פאַר זיינע אינטערעסען זאָלסטו זיך דערפון אויך ניט אַנטזאָגען.

לויט דיזען פשט איז דער נעגאַטיווער „לא תעביד" בלויז אַ מין מאָס־שנור לויט וועלכען דו זאָלסט מעסטען דיין אהבה צו דיין חבר. עס מיינט אָבער ניט וואָס נ י ט צו טאָן צו איהם נור פאַרקעהרט וואָס י אָ צו טאָן נור דאָס דאַזיגע טהועכץ דאַרף אימער געמאָסטען ווערען לויט דעם ווי דו וואָלסט געקוקט דאַרויף ווען עס געהט פון איהם צו דיר און ניט ווי ווען עס געהט פון דיר צו איהם, ווייל דיינע אייגענע באַציהונגען צו דיר אַליין קענען ניט זיין מאסגעבענד פאַר יענעם דען ווי אויבענגעזאָגט קען עס אַמאָל ברענגען צו אַ פאַטאַלען אויסגאַנג...

ווי ווייט דאָ האַנדעלט זיך אין אהבה באיכות און ניט בכמות איז אויך צו זעהן פון מאַנכע מפרשים וואָס טייטשען אויס די ביידע טיילען פון פסוק, דעם לא תקום ולא תטור מיט דעם ואהבת לרעך כמוך אַז דאָס לעצטע איז אַ פירוש צו דאָס ערשטע. עס מיינט אַז דו זאָלסט ניט האָבען קיין נקמה אין יענעם אפילו ווען די דאַזיגע נקמה זאָל קריגען איהר אויסדרוק דוקא אין אַ גוטען טהאַט, און „ואָהבת לרעך כמוך". דער פסוק האָט דאָ פאַלגליך אין זינען געהאַט דעם געדאַנק פון דעם משלי פסוק: „אם רעב שונאך האכילהו לחם ואם צמא השקהו מים כי גחלים אתה חותה על ראשו וד' ישלם לך" (משלי כה), און אויב דער „האכילהו לחם" ווערט ביי דיר אַנגעווענדעט אויס נקמה מאָטיווען אין זין פון „כי גחלים אתה חותה על ראשו", ס'איז אַ „ואהבת לרעך" אַלס רעזולטאַט פון נקימה ונטירה, פאַרזאָגט מען דיר שטרענג: „לא תקום ולא תטור ואהבת" (געהט דער „לא" אויך אויף'ן „ואָהבת") דען ווען איז „ואָהבת לרעך" נור דאַן ווען „כמוך", ווען די אהבה איז אַזאַ ווי צו זיך זעלבסט וועלכע איז זיכער אַן אויפריכטיגע און ניט אויס נקימה ונטירה.

וואָרט און צייט

דאַגעגען אויב דער „האכילהו לחם" איז אַן אויפריכטיגער נור דער יצר הרע וויל דיר אָפּהאַלטען דערפון אויף׳ן גרונט פון „גחלים אתה חותה על ראשו", אין אַזאַ פאַל אָפּעריִרט דער משלי פסוק און זאָגט „האכילהו־השקהו" אַלס אַ וואָרנונג זיך ניט צו לאָזען פראָוואָצירען פון יצר הרע וואָס וויל דיר איינרעדען עס ניט צו טאָן צוליב׳ן „גחלים אתה חותה"...

לויט׳ן ירושלמי איז דער „ואהבת לרעך כמוך" אגב אויך אַ מין ענטפער צום „לא תקום ולא תטור".

אָט וואָס דער ירושלמי (נדרים פט ה"ד) זאָגט:

„כתיב לא תקום ולא תטור את בני עמך ואהבת לרעך כמוך האיך עבידא? הוה מקטע קופד ומחת סכינא לידוי, תחזור ותמחי לידוי?"

עס מיינט צו זאָגען: ווי דאָך קען זיך אַ מענש באַפרייען פון דעם נקמה געפיהל און איהם פאַרוואַנדלען אין געפיהלען פון אהבה אין צייט ווען יענער האָט איהם וועה געטאָן? דאַרויף קומט דער משל פון איינעם וואָס האָט שניידענדיג אַ שטיקעל פלייש זיך איינגעשניטען זיין האַנט, וואָלט דען וועמען עס איז אויפגעקומען אויף׳ן געדאַנק זיך נוקם צו זיין אין דער האַנט און איהר אויך איינשניידען דערפאַר וואָס זי האָט איינגעשניטען די צווייטע? דאָס זעלבע איז אויך ווען דיין חבר האָט דיר שלעכט געטאָן, קוים וועסטו זיין דורכגעדרונגען מיט׳ן געדאַנק פון „כמוך" אַז ער איז אַ טייל פון דיר אַליין לויט די פאָרמולע פון „כל ישראל חברים" איז דאָך דער גאַנצער כלל ישראל איין קאָלעקטיווער אָרגאַן וועסטו דאָך דאַן פיהלען אַז די נקמה אין דיין חבר איז פונקט ווי די נקמה אין דיין צווייטע האַנט וואָס האָט איינגעשניטען די ערשטע...

קומענדיג צוריק צו רבי עקיבא׳ס „זה כלל גדול בתורה" דאַרף מען דערין אויך דערהערען אַ צווייטע אויסטייטשונג אין אהבת רעים, נעמליך אַז ניט בלויז דאַרף זיך די אהבה אויסדריקען אין ליפערען מאַטעריעלע הילף צו דיין פריינד, אַ זאַך וואָס איז פון אַ ריין פילאַנטראָפּישען כאַראַקטער, נור עס דאַרף אויך זיין אַ כלל גדול ב ת ו ר ה. די הילף דאַרף אויך גע־לייסטעט ווערען פאַר ת ו ר ה צוועקען, ווי למשל: מחזיק זיין אַ תלמיד חכם כדי ער זאָל ניט זיין געשטערט אין זיין תורה לערנען, שטיצען מיט אַ פולער האַנט תלמודי תורה און ישיבות אד"ג. מיט איין וואָרט: דיין ליעבע

קדושים

צו דיין חבר דאַרף זיך ניט אויסדריקען בלויז אין עניני עולם הזה נור אויך אין עניני עולם הבא, ניט נור אין עניני הגוף נור אויך אין עניני הנפש.

און ענטהאַלטענדיג אַזעלכע פערעל אין זיך, האָט טאַקע דער דאָזיגער פסוק מיט רעכט פאַרדינט דעם טיטול „כלל גדול בתורה״ און די פרשה אין וועלכע דער פסוק געפינט זיך ווערט מיט רעכט באַצייכענט אַלס אַ פרשה „שרוב גופי תורה תלוים בה״.

אמור

האזהרה ההדדית לאָבות ולבנים

אמור — ואָמרת: להזהיר גדולים על הקטנים.
(רש״י)

אַן אַלטע דעבאַטע: צי זיינען מדות, זיטען און מאַנירען אַ זאַך וואָס געהט איבער בירושה פון עלטערן צו קינדער, אַזוי אַז עס קומט צום קינד גלייך מיט זיין געבורט, אָדער עס האָט בלויז צו טאָן מיט דער אומגעבונג און סביבה און אויך מיט דער אַרט און ווייזע ווי אַזוי דאָס קינד ווערט ערצויגען, אָבער ס׳האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט קיין ירושת אָבות.

זיינען די מיינונגען צוטיילט אין דער דאָזיגער פראַגע. מאַנכע זיינען געניגט צו גלויבען, אַז ס׳איז יאָ אַ ירושה־זאַך און מאַנכע גלויבען, אַז ס׳איז ניט אַזוי. יעדער צד האָט זיך נאַטירליך זיינע באַווייזע אויף וואָס צו באַגרינדען זיין שיטה. אַזוי למשל באַפעסטיגען די אָנהענגער פון דער ירושה־אידייע זייער שיטה מיט אַ בפירוש׳ער גמרא וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען אַ מעוברת, וואָס האָט זיך איהר פאַרשמעקט עפּעס אַ מאכל גראַדע אין טאָג פון יום כפור. איז מען געקומען צו רבי׳ן פרעגען וואָס צו טאָן. האָט זיי רבי געזאָגט: זילו לחושי לה דיומא דכפורי הוא״ (זאָגט איהר אַריין אין אויער, אַז היינט איז יום כפור). האָט מען אַזוי געטאָן און עס האָט געווירקט. זי האָט זיך באַרוהיגט: „שפסק העובר מתאותו״. דאַרויף פיהרט די גמרא אויס: „קרי עלידה (ירמיה א) בטרם אצרך בבטן ידעתיך — ונפק מינה ר׳ יוחנן״.

דאַגעגען איז אַזאַ פאַל פאַרגעקומען ביי אַן אַנדער מעוברת, איז מען געקומען צו ר׳ חנינא און ער האָט אויך געהייסען אָנווענדען דעם זעלבען מיטעל פון „זילו לחישו לה״. אין יענעם פאַל אָבער האָט עס ניט געווירקט. האָט ר׳ חנינא אויף איהר געלייענט דעם פסוק: (תהלים

נ״ח) „זורו רשעים מרחם״ (נעשו זרים ונתנכרו לאביהם שבשמים) און „נפק מינה שבתאי אצר פירי״ (יומא פ״ב).

איז דאָך דערפון אַ באַווייז, אַז די „מדות״, גוטע אָדער שלעכטע, זיינען אַ פּראָדוקט נאָך פון פאַר דעם געבורט.

אַזוי געפינען מיר אויך: „א״ר יוחנן כל שהוא ת״ח ובנו ת״ח ובן בנו ת״ח שוב אין תורה פוסקת מזרעו לעלם שנ׳ ואני זאת בריתי וגו׳ לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אָמר ה׳ מעתה ועד עולם״ (ב״מ פ״ה). איז ווידער אַ באַווייז, אַז תורה אָדער מדות זיינען טיילווייז יאָ פאַרבונדען מיט ירושת אָבות. און אַזוי זעהט עס אויך אויס פון דער גמרא׳ס עצה: „אם רואה אָדם שהתורה פוסקת ממנו ישא בת ת״ח״ (יומא ע״א).

דאַגעגען ווייזט דער אַנדער צד אָן אויף דער משנה אין עדיות (פ״ב מ״ט): האָב זוכה לבנו בכח, בעושר, בחכמה ובשנים״. דאַרויף זאָגט דער רע״ב: „לפי שקרוב טבע הבן להיות דומה לטבע האָב והנוי והכח והחכמה והשנים אָדם זוכה בהן בתחלת יצירתו כפי טבעו, משא״כ המעלות והחסרונות, הן אינן באות לו לאָדם בטבע יצירתו אלא תלויות בחנוך שמקבל האָדם״. דאָ איז שוין אַ ראיה מפורשת געגען דער ירושה שיטה.

געהען מיר דאָ ניט אַריין בעובי הקורה מכריע צו זיין וועלכע שיטה איז די ריכטיגע. איינס איז אָבער זיכער, אַז סיי די און סיי די שטימען איין אַז עס ליגט אין דער נאַטור פון קינדער צו קאָפּירען די גרויסע, זיי נאָכאַמען און אימיטירען כדי דערמיט מאַכען דעם אָנשטעל, אַז זיי זיינען שוין אויך ערוואַקסענע גרויסע מענשען. אָט דער נאָכאַמען און אימיטירען ווערט מיט דער צייט ביי זיי אַ געוואוינהייט און ממילא אויך אַ צווייטע נאַטור, לויט׳ן כלל אַז „הרגל נעשה טבע״.

דערפאַר אָננעמענדיג אפילו אַז מדות האָבען יאָ צו טהאָן מיט ירושה, קען פונדעסטוועגען דאָס קינד, וואָס איז אפילו געבוירען געוואָרען מיט די בעסטע מדות, איבערשמידען זיין נאַטור און זיינע נייגונגען פון גוט צו שלעכט, אויב ער זאָל פאַר זיך זעהן אַזעלכע ביישפּילען פון די „גרויסע״ אין וועמעס סביבה ער געפינט זיך אין זיין פריהעסטע יוגענט.

וואָרט און צייט

איז דעריבער די בעסטע חנוך מעטאָדע די וואָס צייגט אָן די קינ־דער דעם ריכטיגען אידישען וועג ניט נור דורך וואָרט און שריפט, נור הויפטזעכליך דורך אַקט און טהאַט, ווייל זיי, די אַקטען און טהאַטען לאָזען זיך פון קינד קאָפּירען ביז זיי ווערען אַליין אַ טהייל פון איהם. עס איז די „מ ע ש י אָבות" וואָס ווערען „סימן לבנים". נור מעשים זיינען אימשטאַנד איבערצולאָזען אמת'ע סימנים, סימני דמינכר.

און דערפאַר איז נאָך פאַר דעם „ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם" אָוועקגעשטעלט געוואָרען דער „וקשרתם אותם לאות על ידכם והיו לטוטפות בין עיניכם", דען נור דאַן קען דער „לדבר בם" האָבען אַ פּראַקטישען ווערטה אויב ער קומט נאָכ'ן „וקשרתם אותם על י ד כ ם". דאָ מוז דער „נעשה" אומבאַדינגט קומען פאַר דעם „נשמע", ווייל נור דורכ'ן נ ע ש ה פון די אָ ב ו ת קען קומען דער נ ש מ ע פון די ב נ י ם . . .

און ניט אומזיסט האָט די תורה אַרויפגעוואָרפען אַ ספּעציעלען חנוך חוב אויף די ב כ ו ר י ם און האָט פּראָקלאַמירט דעם „קדש לי כל בכור", כאָטש עס פאַרשטעהט זיך גאַנץ גוט, אַז די תורה האָט דערמיט ניט געמיינט אַרויסנעהמען מכלל קדושה די אַנדערע קינדער, וואָס זיינען ניט קיין בכורים. קיין קינד איז דאָך פונ'ם חנוך ניט אויס־געשלאָסען. אָבער טאַקע צוליעב אָט די אַנדערע אינגערע קינדער האָט געמוזט קומען די ספּעציפישע קדושה אינסטרוקציע אויף די בכורים. זיי, די בכורים, אַלס די עלטסטע אין דער פאַמיליע דיענען אַלעמאָל אַלס לע־בעדיגער ביישפיעל פאַר די קלענערע קינדער ווען זיי זוכען נאָכצוטאָן און קאָפּירען, און אַלס מאָדעל און עקזאַמפּעל מוזען דעריבער די בכורים האָבען אַ ספּעציעלע אונטערריכטונג, דען „לא ללמד על עצמם יצאו אלא ללמד על הכלל כולו". פון זיי דאַרף עס אַרויסקומען דער „ו כ ל בניך למודי ה'".

אָט דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פון אונזער טעקסט: „להזהיר גדולים על הקטנים", אַנוויזענדיג דערמיט די ריכט־ליניע אין חנוך, אַז כדי צו קענען ערציהען די ק ט נ י ם איז אומבאַדינגט נויטיג „להזהיר ג ד ו ל י ם". זיי, די ג ד ו ל י ם מוזען פריהער געוואָרענט ווערען אויף זייער אייגענעם טהרת הגוף והנפש אום זיי זאָלען קענען

אויסאיבען זייער השפעה אויך אויף די ק ט נ י ם. און אויב עס איז אמת דער כלל, אַז „אם אין גדיים אין תישים" איז אָבער אויך אמת אַז „אם אין תיישים אין גדיים"...

איז כאָטש די פּרשה באַשעפטיגט זיך הויפּטזעכליך נור מיט די „כהנים", זיינען אָבער אין דעם זין אַלע אידען פאַררעכענט פאַר כהנים. ווייל דאָס וואָס עס איז דעם כה"נ'ס מיסיאָן לגבי דעם כלל ישראל איז אויך יעדען פשוט'ן-אידענס מיסיאָן לגבי זיין אייגענער פאַמיליע. יעדער ראש בית אָב איז בבחינת כהן פאַר זיין אייגענער משפחה.

אגב איז אין דעם „להזהיר" גדולים על הקטנים" אויך פאַראַן אַן אָנ־דייטונג אויף ווי וויט די דאָזיגע ז ה י ר ו ת פון די גדולים דאַרף זיין.

„להזהיר ג ד ו ל י ם על ה ק ט נ י ם". די גדולים דאַרפען ניט בלויז זיך היטען פון ג ר ו י ס ע עבירות נור אויך „על ה ק ט נ י ם", זיי דאַרפען זיך אויך אויסהיטען פון יעדער ק ל י י נ י ג ק י י ט. דען זיי דאַרפען דאָך, ווי געזאָגט, זיין דער מ ו ס ט ע ר און אויף אַ מוסטער מוז מען אַנדערש אויפפּאַסען; מ'טאָר ניט לאָזען פאַלען דאַרויף דאָס מינדעסטע שטויבעלע.

***

ומן המפורש על הסתום!

די פרשת ה ס פ ר רעדט וועגען „להזהיר גדולים על הקטנים", די פרשת ה ח י י ם אָבער רעדט אויך פון „להזהיר הקטנים על הגדולים" . . .

ווייל וואַרפענדיג אַ בליק אין אונזער לעבענס ווינקעל פיהלען מיר ווי וויכטיג עס איז די דאָזיגע אַזהרה פון די קטנים אויף די גדולים, פון קינדער אויף עלטערן.

צום באַדויערען איז עס ניט קיין זעלטענע ערשיינונג צו זעהן ווי קינדער מיסהאַנדלען זייערע עלטערן. קינדער פאַר וועמען די עלטערן האָבען זיך ממש מוסר נפש געווען, געאַרבייט איבער די כחות און אָפּ־געשפּאָרט פון ביסען ברויט כדי „מאַכען די קינדער פאַר מענשען"; אונטערגראָבען זייער געזונט כדי מעגליך מאַכען די קינדער צו שטודירען

וואָרט און צייט

אין די קאַלעדזשעס און זיך שאַפן אַ פּראָפעסיאָנעלער קאַריערע ווען זיי וועלן אַרויס אין שוק החיים.

און ווי טרויעריג עס איז צו זעהן מיט וואָס אַ גרויסער טייל פון די דאָזיגע קינדער באַלוינען עס די עלטערן פאַר דעם דאָזיגען מסירות נפש זייערען. געמאַכט פונ'ם זון אַ דאָקטאָר, איהם געהאָלפען זיך איינאָרדנען, דערבראַכט צו אַ באַדייטענדען שטאַנד אין לעבען; שוין אַ דאָקטאָר מיט אַ נאָמען, מיט אַ גרויסער פּראַקטיק און מיט אַ רעפּוטאַציע פון אַ גרויסען פאַרנעהם.

אָבער אין דער צייט וואָס דער דאָזיגער דאָקטאָר היילט שוין מיט גרויס ערפאָלג הונדערטער פרעמדע פּאַציענטען, בלייבען אָבער די וואונדען פון זיינע אייגענע עלטערן ניט פאַרהיילט. הילפסלאָז און פאַרלאָרען געפינען זיך די אָרעמע עלטערן אין זייער תקופת הזקנה. דהאָבען זייער יוגענט מקריב געווען פאַר די קינדער, האָבען זיי פאַר מענשען געמאַכט, אָבער זיך אַליין האָבען זיי פאַר אויס־מענשען געמאַכט, און איצט זוכען די קינדער פאַר זיי אַ מושב זקנים כדי פון דער טאַטע־מאַמע לאָסט זיך באַפרייען.

געמאַכט קינדער פאַר אַדוואָקאַטען, וועלכע האָבען זיך ספּעציאַליזירט אין זייער פאַך אַזוי, אַז פאַר די ערגסטע פאַרברעכער געפינען זיי אַ פאַרטיידיגונגס וואָרט, נור ווען עס קומט צו זייער אייגענעם משפט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען זייער אייגענעם פאַרברעכען געגען זייערע עלטערן, דאָ בלייבען זיי לײדער די באַשולדיגטע פאַר וועלכע ניט זיי אַליין און ניט אַנדערע קענען געפינען פאַרטיידיגונג — באין מליץ יושר מול מגיד פשע!

זעהר ריכטיג זאָגט דאָס פאָלקס ווערטעל: ווען אַ מוטער דאַרף „געהן צו קינד" איז זי בלויז ניין און נײנציג פּראָצענט טויט, ווען אַ פאָטער אָבער דאַרף „געהן צו קינד" איז ער גאַנצע הונדערט פּראָצענט טויט . . .

יאָ, עס איז וועה דעם טאַטען וואָס דאַרף אין זיין הילפסלאָזיגקייט „געהן צום קינד" און ביי איהם זוכען הילף און שוץ. ווען די מאַמע געהט צו קינד האַלט עס ביי „חבלי לידה", ווען דער טאַטע אָבער געהט צו קינד האַלט עס שוין ר"ל ביי „חבלי מיתה"...

אמור

עס קאָן זאַבער זיין, אַז דיביידע „אַזהרות" זיינען אָבהענגיג איינס פון אַנדערען און קוים וואָלט מען דורכגעפיהרט געהעריג דעם „להזהיר גדולים על הקטנים", צו געבען די קטנים יענע גוטע ערציהונג, וואָס נעהמט אַריין דעם גאַנצען שטח פון לעבען, ניט בלויז זיי „מאַכען פאַר מענשען" אינ'ם קאַריערישען זין, נור אויך אין מאָראַלישען זין, מענשען כפשוטו און ניט נור כמדרשו, וואָלט שוין דאַן איבריג געווען דער „להזהיר הקטנים על הגדולים". די אַזהרה וואָלט שוין ממילא געקומען אַלס נאַטור פראָצעס פון דעם גוטען חנוך.

אפשר דערפאַר טאַקע באַטאָנט די תורה בלויז דעם להזהיר גדולים על הקטנים און ניט פאַרקעהרט, וויל דאָס צווייטע איז שוין נכלל אין דאָס ערשטע . . .

בהר

איפה ואיפה במדת הבטחון

כי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו גר ותושב וחי עמך.

וכי ימוך אחיך הה"ד (תהלים מא) אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה'. א"ר יונה אשרי נותן לדל אין כתיב כאן אלא אשרי משכיל אל דל זה שהוא משתכל במצוה (בהשכל וחכמה שלא יהי בה איזו פחיתות — תקלין חדתין) האיך לעשותה (שקלים טו).

משכיל אל דל!

העלפען אן ארעמאן איז דאך אייגענטליך אזא סארט מצוה וואס האט צו טאן מיט'ן הארץ און ניט מיט'ן קאפ, מיט סענטימענטאליטעט און ניט מיט שכל, טא ווי קומט עס וואס דער פסוק שפילעט צו דער דא־זיגער מצוה דוקא א „לייבעל" פון שכל, א טרייד־מארק פון משכיל?

משמעות אז אפילו ווען עס האנדעלט זיך ביי אזעלכע איינפאכע הומא־ניטארישע געזעצן וואס ווערען דיקטירט פון געפיהל, איז פונדעסטוועגען אויך ביי זיי נויטיג אנצואווענדען דעם שכל.

דען אויב אפילו פאר דעם עצם מצוה פון צדקה איז טאקע אפשר ניט אזוי שטארק נויטיג דער שכל, איז עס אבער נויטיג פאר איהרע וועגען און מעטאדען. מען דארף האבען שכל ווי אזוי אנצוגעהן מיט דער דאזיגער איידעלער און דעליקאטנער מצוה.

און דער לעבען האט אונז טאקע געוויזען אז ס'איז פאראן א בא־דייטענדער צאהל מענשען אין אונזער געזעלשאפט וואס נוצען שטארק אויס דעם „שכל" אין צדקה זאכען, אבער נוצען עס אויס אין דער שלעכטער און ניט אין דער גוטער זייט. זיי זיינען מקיים דעם „משכיל אל דל" אין

דעם זין פון „איבערקליגען" דעם אָרעמאַן, אַ מין „הבה נתחכמה" מעטאָדע וואָס ציעלט צו דער נעגאַטיווער זייט אויף נ י ט צו געבען צדקה און ניט אין דער פּאָזיטיווער זייט אויף י אָ צו געבען... די „חכמה" פון מאַנכע פון אונזערע היינטיגע „בעלי צדקה" באַשטעהט אין דעם וואָס ענטוועדער זיי פאַרשטעלען זיך אַליין פאַר אָרעמע לייט און מאַכען דעם אָנשטעל ווי כאָטש געה און קלייב פאַר זיי אַליין צונויף אַ נדבה, אָדער זיי באַהאַלטען זיך אין גאַנצען אויס אַז מען זאָל זיי אין הויז ניט געפינען. טייל מאָל שפּיעלען זיי דאָ אויך אַ פאַרשטעלטע ראָלע און ווען דער „משולח" קומט צום באַטרעפענדען נדבן אין ביורא, מאַכט איהם דער דאָזיגער בעל־הבית צו גלויבען אַז ער איז גאָר בלויז אַן אָנגעשטעלטער אין געשעפט און אַז דער אמת׳ר בעל־הבית איז גאָר פאַררייזט...

דאָס איז אויך, ווי געזאָגט, איינע פון די ח כ מ ו ת אין צדקה צו וועלכעס מען שפּאַנט איין דעם שכל אין דיענסט... אָבער ניט אַזאַ שכל און אַזעלכע חכמות האָט דער פּסוק אין זינען געהאַט מיט זיין „אשרי משכיל אל דל". דער זעלבער ציטירטער ירושלמי גיט אונז אַן אילוסטראַציע וועגען דעם ווען ער דערצעהלט אונז אַז: „רבי יונה בשעה שראה בן גדולים שירד מנכסיו והוא מתביש ליקח היה הולך אצלו ואומר לו בשביל ששמעתי שנפלה לך ירושה במדינת הים הא לך חפץ זה לכשאתה מתרוח את נותנו לי".

אָט דאָס איז דער סאָרט שכל וואָס דאַרף אָנגעווענדעט ווערען אַנטקעגען דעם אָרעמאַן, זעהן אויסצומיידען בושה און שפיכות־דמים.

עהנליכע פאַלען צו דעם פון ר' יונה'ן ווערען אויך דערמאָנט ביי מעהרערע תנאים און אמוראים אין פאַרשידענע ערטער אין ש"ס און מדרשים.

אַן אַנדער אופן אין דער אויסטייטשונג פון „משכיל אל דל" ווערט געבראַכט אין די ספרי דרוש אין נאָמען פון באַוואוסטען גאון רבי יענקעלע ווילנער (די לעצטע יאָהרען דער רב הכולל אין ניו יאָרק). פאַראַן מענשען — זאָגט ר' יענקעלע — וואָס געהען שטענדיג אַרום פאַר'דאגה'ט און פאַר־מרה שחורה'ט וועגען זייער עקאָנאָמישען מצב אפילו דאַן ווען זיי זיינען שוין ברוך השם פאַרזאָרגט מיט אַ היבשען פאַרמעגען און דער אינטערעסט פון זייער קאַפּיטאַל קלעקט שוין פאַר זיי אויף פרנסה בשפע אויף זייער גאַנצען לעבען. זיי שמייען און האָוען פונדעסטוועגען אָהן אַן אויפהער, און ווען

וואָרט און צייט

איהר פרעגט זיי: סטייטש, איהר האָט דאָך שוין אָהן עין־הרע אַ היבשען רכוש, טאָ צו וואָס נאָך אַלץ האָרעווען? איז זייער ענטפער, אַז זיי האָרעווען ניט פאַר זיך נור פאַר זייערע קינדער. טרעפט אָבער מאַנכעס מאָל ווען דער קאַפּיטאַל איז שוין גענוג גרויס אפילו אויף די קינדער צו פאַרזאָרגען, אָבער אויך דעמאָלט האַלט מען נאָך אָן דעם זעלבען געשעפטליכען אימפּעט מיט׳ן אויסרייד אַז מען דאַרף אויך אין זינען האָבען די קינדס־קינדער. ווייל מען הייסט עס פאַרזאָרגען מיט פרנסה „על שלשים ועל רבעים" און מקיים זיין דעם „לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך מעתה ועד עולם". אַזעלכע אידען נאַטירליך ווייזען מיט זייער האַנדלונג אַז זיי זיינען אַ היבש ביסעל געשלאָגען אויף דער מדת הבטחון; ווייל דאָרטען וואו עס שטעהט „והיה ה׳ מבטחו" דאָרט שטעהן אויך „ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם", און אויב מען זוכט צו פאַרזאָרגען ניט נור דעם „זרעו" נור אויך דעם „זרע זרעו", איז אַ סימן אַז מען הינקט היבש אונטער אויף דעם „ברוך הגבר אשר יבטח"...

אָבער מערקווירדיג: דוקא אָט די בטחון־לאָזיגע אידען ווערען מיט־אַמאָל גרויסע בעלי בטחון ווען עס האַנדעלט זיך אין פאַרזאָרגען אָדער אַביסעל מיטהעלפען אַ פרעמדען אָרעמאַן, און עס טרעפט זעהר אָפט אַז ווען אַ געפאַלענער ווענדעט זיך צו דעם טיפּ איד פאַר הילף און שטיצע איז אנשטאַט איהם צו ענטפערען מיט אַ נתינה יפה ענטפערט ער איהם גאָר מיט אַ שעהנע מוסר־דרשה אין עניני בטחון. ער גיט איהם צו פאַרשטעהן אַז מען טאָר ניט זיין ביי זיך אָראָפּגעפאַלען, אַז מען דאַרף האָבען גרויס בטחון אין השם יתברך אַז ער איז הזן ומפרנס ומכלכל מקרני ראמים ועד בצי כנים און ער וועט איהם אודאי ניט פאַרלאָזען...

איז עס אַ זעהר מאָדנע און זאָנדערבאַרע ערשיינונג. ווען עס האַנדעלט זיך וועגען זיך אַליין מיט זיינע קינדער און אייניקלאַך דאָרט לאָזט ער דעם בטחון אויף׳ן שוועל ניט אַרויף, נור אַזוי שנעל ווי עס קומט צו י ע נ ע ם, דאָרט ווערט ער שוין מיטאַמאָל יאָ אַ גרויסער בעל בטחון...

דאַרפען דאַרף אָבער זיין גראַדע פאַרקעהרט. אויב אַ בעל בטחון דאַרף מען עס זיין פאַר זיך, פאַר יענעם אָבער שאַדעט גאָר ניט אַז מען זאָל דעם בטחון אַ ווײַלע פאַרבויגען און דער רבונו של עולם וועט קיין פאַראיבעל ניט האָבען דערפאַר...

בהר

אַט דאָס מיינט דער אשרי משכיל אל דל. ווען עס קומט צו דעם אָרע־מאַן האַנדעל מיט'ן פּראַקטישען ש כ ל און ניט מיט'ן טעאָרעטישען בטחון...

בדרך מליצה וואָלט עס אגב געהייסען אַז אין באַצוג צום פרעמדען אָרעמאַן מעגסטו אַמאָל ווערען אַ שטיקעל „משכיל" (אַ שם־נרדף מיט אַ פריידענקער...) און ניט זיין אַזאַ שטאַרקער מאמין און בעל בטחון...

דער פּשוט'ער זין אָבער פון „משכיל אל דל" איז ווי רש"י טייטשט אויס דעם „כי ימוך אחיך ומטה ידו עמך ו ה ח ז ק ת בו", נעמליך „אל תניחהו שירד ויפול ויהיה קשה להעמידו אלא ח ז ק ה ו משעת מוטות היד". ניט לאָזען יענעם קומען צו עניות איז אַ העכערע מדרגה ווי געבען צדקה בעת יענער איז שוין געוואָרען אַן אָרעמאַן. דאָס איז דער זין פון „משכיל", זיך קליגען, זיין אַ „חכם הרואה את הנולד".

די טבע פון אַ סך מענשען איז אָבער אַזאַ וואָס כל זמן זיי זעהען נאָך ניט דעם צוויטען אַ געבראָכענעם וועלען זיי איהם ניט וועלען העלפען, ווייל דעמאָלט האָלט עס דאָך נאָר בלויז ביי „ערב רחמנות" און זיי גיבען מעהר פאַרצוג דעם „רחמנות" ווי דעם „ערב רחמנות"...

דערמאָנט עס אין יענעם נגיד ווען דערהערענדיג דאָס קלאַפּען אין טיר פון אַ האַלב געפּרוירענעם אָרעמאַן וואָס בעט זיך מ'זאָל איהם אַריינ־לאָזען אין שטוב כדי זיך אָנוואַרעמען אַביסעל, קרעכצט דער נגיד פון אינ־וויינינג און זאָגט: „אוי, אַ רחמנות נעבאַך אויף'ן אָרעמאַן, ער קען דאָך נעבאַך פאַרפרוירען ווערען". און ווען די ווייב זאָגט איהם: „טאָ עפען איהם די טיר און לאָז איהם אַריין אויב דו האָסט אויף איהם רחמנות!" — נאַ־רעלע, ענטפערט ער איהר אָפּ — אַז כ'וועל איהם אַריינלאָזען וועט דאָך שוין מעהר ניט זיין קיין רחמנות...

די תורה אָבער גיט מעהר פאַרצוג צו יענע סאָרט הילף וואָס פאַרהיט עס זאָל גאָר ניט קומען צו קיין רחמנות איידער צו די וואָס קומט ווען דער רחמנות איז שוין דאָ...

**
*

אַזוי פאַרדינט אויך גרויס אויפמערקזאַמקייט דער „ו ח י עמך" מיט וואָס דער פּסוק ענדיגט זיך.

דען ליידער זיינען פאַראַן פיעל מענשען ביי וועמען די מדה פון רחמנות

וואָרט און צייט

ווערט מעהרסטענס אָנגעווענדעט אויף געשטאָרבענע מענשען דעמאָלט ווען גמילות־חסדים מיט הלוית־המת טרעפען זיך צונויף ביידע אויף אַמאָל. מענשען וועלען אַוועקוואַרפען זייערע פרנסות און אַוועקגעבן לאַנגע שטונדען פון זייער צייט אום צו געהן אויף אַ לויה. זיי וועלען אין אַזעלכע פעלע אויך ניט קאַרגען קיין געלט אויף צו מאַכען די שעהנסטע בכבוד׳יגסטע לויה פאַר זייערע נאָהענטע און פאַרוואָנדעטע. ביים לעבען אָבער וועט זיין היבש שווערליך צו באַוועגען די דאָזיגע פאַרשוינען אויף אַרויסצוהעלפען די זעלבע פריינד זייערע אין אַ צייט פון נויט.

אין דעם פאַל איז דער בין־אדם־לחבירו אַ ריכטיגע קאָפּיע פון דעם בין־אדם־למקום וואו די פרומקייט איז אויך קאָנצענטרירט אַרום דעם טויט, און די אידישע שוהל האָט מעהר מזל צו די יזכור־טעג ווי צו די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר...

די תורה אָבער האָט דוקא געגעבען דעם פאָרצוג צום ל ע ב ע ד י ־ ג ע ן גמילות־חסד. דער דין זאָגט: „מעבירין את המת מלפני הכלה״... און „תורה ת ח ל ת ה גמילות חסד שנאמר ויעש ה׳ לאדם כתנות עור וסופה גמ״ח שנאמר ויקבור אותו בגיא״. איז דער גמילות־חסד פון „ויקבור״ בלויז דער ס ו פ ה, אָבער ניט דער ת ח ל ת ה... דער ע ר ש ט ע ר אל״ף פון גמ״ח איז ניט דער פון „ויקבור״ נור דער פון ויעש לאדם כתנות עור, דער ל ע ב ע ד י ג ע ר...

„והחזקת בו ו ח י עמך״! ווען ער ל ע ב ט נאָך, דעמאָלט זאָל זיין ו ה ח ז ק ת ב ו...

דער זעלבער פסוק ווייזט אגב אויך אָן אויף נאָך אַ וויכטיגען פונקט וואָס האָט צו טאָן מיט דער הומאַניטאַרישער זייט פון דער געזעלשאַפטליכ־קייט.

גר ותושב וחי עמך!

די תורה מאַכט ניט קיין אונטערשיעד אין דעם „והחזקת בו״ צווישען דעם „אחיך״ און „גר תושב״. אַלע מעשענקינדער זיינען ביי איהר גלייך אין דיזער הינזיכט: „תורה אחת ומשפט אחד יהיה לכם לגר ולאזרח הארץ״. ניטאָ קיין חלוק צווישען א י י ג ע נ ע און פ ר ע מ ד ע, צווישען ראַ־סען און נאַציאָנאַען דעמאָלט ווען האַנדעלט זיך אין דעם „וחי עמך״. און

בהר

דיזער הומאַניטאַרישער געזעץ איז ווידערהאָלט געוואָרען מעהרערע און מעה־רערע מאָל אין אונזער תורה.

איז דער דאָזיגער געזעץ געשריבען געוואָרען נאָך מיט טויזענטער יאָהרען צוריק ווען די וועלט האָט נאָך געדרימעלט אין איהרע פרימיטיווע ווינדעלאַך פון פאַר „מתן ציוויליזאַציע״ כביכול...

איז דאָס געווען דעמאָלט. היינט אָבער מיט טויזענטער יאָהרען שפּע־טער ווען ציוויליזאַציע שרייט שוין זאַגאַר אַרויס פון די אָבגעשטאַנענסטע ווינקעלאַך אין דער מענשליכער משפחה, גראַדע היינט פּרעדיגט די דאָזיגע ציוויליזאַציע ראַסען־האַס און שטעלט אויף אַ כינעזישע וואַנט צווישען איין נאַציאָן און דעם אַנדערען. פאַרזייהט שנאה, פאַרוואָרצלעט רשעות פון וועלכער עס שפּראָצט אַרויס די באַרבאַרישע אינקוויזיציעס אַנטקעגען! וועלכע אפילו די פון טאָרקוועמאַדאָס צייטען קוקען אויס צו־בלאַס...

און אַז מיר פאַרגלייכען די „אָפּגעשטאַנענקייט״ פון אַמאָל און די „פאָר־געשריטענקייט״ כביכול פון היינט איז שוין קיין חדוש ניט פאַר וואָס אונזער „השיבה שופטינו כבראשונה״ פאַרנעמט דעם סאַמען צענטער אין אונזער שמונה־עשרה...

יאָ, פון די היינטיגע ציוויליזירטע שופטים האָבען מיר זעהר ווינציג צו ערוואַרטען און בלויז דאַן ווען ס׳וועט זיין „השיבה שופטינו כבראשונה ויועצינו כבתחלה״, וועט אויך זיין „והסר ממנו יגון ואנחה״...

בחקותי

מקום בבית הכנסת ובית הכנסת ב„במקום"

אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו.
הה"ד (תהלים קיט) חשבתי דרכי ואָשיבה רגלי
אל עדותיך. אָמר דוד רבש"ע בכל יום ויום
הייתי מחשב ואומר למקום פלוני ולבית דירה
פלונית אני הולך והיו רגלי מביאות אותי
לבתי כנסיות ולבתי מדרשות הה"ד ואָשיבה
רגלי אל עדותיך.
(ויק"ר ל"ה).

די חכמי המוסר רעדענדיג וועגען די גרויסקייט פון תפלה בצבור ווייזען אָן בדרך משל אויף דעם אונטערשיעד צווישען דאַוונען ביחידות און דאַוונען בצבור. ווען אַ האָלץ סוחר האָט צווישען דעם סטאַק פון זיין געהילץ אויך אַ געוויסען פּראָצענט אויסבראַקירטע סחורה, צופוילטע ברעטער אָדער געדעמעדזשטע קורות, קען ער עס פונדעסטוועגען אויך אויסברענגען ווען ער פאַרקויפט אַ גרויסען טראַנספּאָרט מיט אַמאָל. צווישען צעהנדליגער קורות קען זיך אַריינשמוגלען אויך אייניגע זבוריות און עס זעהט זיך ניט צו שטאַרק אָן. זאָל ער אָבער וועלען פאַרקויפען די בראַקירטע סחורה אַליין, וועט ער דאַרוף קיין קונה זיכער ניט קריגען.

דאָס זעלבע אויך מיט'ן פּרוכט הענדלער, תבואה סוחר און אַנדערע פון דעם מין. פאַר זיך אַליין האָט די שלעכטע סחורה קיין אָבגאַנג ניט, צווישען גוטע קען עס אָבער יאָ אַוועקגעהן.

אַזוי, זאָגען זיי, איז אויך מיט תפלות. ווען מען דאַוונט ביחידות און די תפלה פון אַ יחיד דאַרף טראַנספּערירט ווערען צום הימעל, האָט זי דאָן שווערע שאַנסען ווען זי איז ניט אין גאַנצען כתקונה. בצבור אָבער געהט זי דורך מיט'ן גאַנצען צבור טראַנספּאָרט אפילו ווען זי איז ניט אַזוי מיט אַלע הידורים.

דאָס איז איין וואָס אַנבאַלאַנגט דעם ערך פון דער תפלה כלפי שמיא. ניט וועניגער ערך און חשיבות האָט אָבער די תפלה בצבור

בחקותי

אויך אין וואָס אַנבאַלאַנגט איהר ווירקונג פאַר'ן מענש אַליין. די שוהל איז דער פּלאַץ וואָס טיילט אָפּ די גרעניצען צווישען ריכטונגען און קלאַסען, צווישען אָרעם און רייך, צווישען גרויס און קליין. דאָרט ווערען אַלע מחיצות אָפּגעווישט. דען דאָרט וואו די שכינה רוהט ווערט דער מענש אין גאַנצען בטל ומבוטל. כּלפּי השכינה איז ניטאָ קיין גרויסקייט. פאַרשמעלצען זיך דאָרט צוזאַמען אַלע נשמות אין איין גרויסע פּאַלקס נשמה. די קלייניגקע מענשליכע שוואַכקייטען וואָס באַהערשען אונז אין גאַס, אין הויז און אין געזעלשאַפט, פאַרשווינדען אַמווייניגסטענס אין יענע מאָמענטען, ווען מען געפינט זיך אין שוהל וואו די געדאַנקען זיינען באַשעפטיגט מיט העכערע זאַכען.

און ווען עס ווערט ביי יעדען יחיד בטל זיין אינדיווידועלע שוואַכקייט, פיהלט ער דאַן די באַדייטונג פון דעם צבור פון וועלכען ער איז בלויז אַ גאַנץ קליינער און אומבאַדייטענדער טהייל.

און קוים קומט ער צו דער דאָזיגער איבערצייגונג, פיהלט ער דאָך שוין ממילא ווי נויטיג פאַר איהם דער צווייטער איז, דערוועקט זיך אין איהם דאַדורך אויך דער געפיהל פון אַחדות אַזוי אַז די אהבת המקום ברענגט אויך צו די אהבת הבריות.

פון דיזען שטאַנדפּונקט איז די שוהל אויך אַ מעכטיגער פאַקטאָר אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. זי דיענט דעם אידען אַלס אַ כּור־המצרף וואו עס לייטערט זיך די מענשליכע נשמה און וואו עס בילדעט זיך דער מענשליכער כאַראַקטער.

און אויב די שוהל איז פון אַ קאָלאָסאַלער באַדייטונג פאַר'ן אידישען און מענשליכען לעבען איבעראַל און אומעטום, על אחת כמה וכמה אַז זי קען און דאַרף עס זיין דאָ אין אַמעריקע. דאָ אין דער לאַנד פון פּראַקטישער וואָכענדיגקייט, די לאַנד פון מאַטעריאַליזם און גופניות וואו עס איז שווער צו געפינען זאָגאַר אונציגע רוחניות'דיגקייט אויפ'ן גאַנצען טעריטאָריאַלען שטח פונ'ם גאַסיגען און אפילו שטוביגען לעבען, דאָ איז די שוהל געבליבען דער איינציגער אָרט וואו די שכינה קען נאָך האָבען אַ שטיקעל פּלאַץ, און וואו די נצוצות הקדושה קענען נאָך קריעגען מעהר ווייניגער זייער תקון. דען די אַנדערע געזעלשאַפטליכע פּלעצער מיט וועלכע אונזער לאַנד איז היבש געבענשט, די סאָסייעטיס און די לאָדזשען,

וואָרט און צייט

די אָרדענס און די סאָשעל קלובס, פון זיי קען מען לײדער זעהר ווייניג ערוואַרטען אַז זיי זאָלען דינען אַלס שפּייז־נעסטען פאַר גייסטיגער נאָה־רונג. אַלץ וועט איהר אין זיי געפינען: פּאָליטישע ראָד־דרייערײ, וואויל־יונגערשע ספּאָרט־פאַרווײלונגען, בית־עולם טראַנסאַקציעס, קאָרטען־שפּילערײ און נאָך פיעל עהנליכע זאַכען. אַלץ יאָ אָבער מוסר און יראת שמים ניט . . . גאוה און כבוד־זוכערײ געפינט איהר דאָרט אין אַן איבערפליסענדער מאָס אָבער באַשײדענהייט און אצילות הרוח אפילו אין אַ קלײנער מאָס צום באַדויערען אויך ניט . . .

אַט די אַלע סאָרטען סאָציאַלע קלובען וועלכע מאַנכע פון זיי טראָגען אויף זיך גאַנץ שעהנע און קלינגענדיגע נעמען וואָס דריקען אויס מיט זיך פאַרברידערליכקייט און ביי זייערע מיטינגען און פאַרזאַמלונגען הערט מען אימער אַזעלכע אויסדרוקען ווי „ברודער פּרעזידענט” אָדער סתם „ברודער” פון וועלכעס מען קען דרינגען, אַז עס הערשט דאָרט ווירקליך אַ ברודערליכע באַציהונג פון אײנעם צום אַנדערען און אַז דער ואהבת לרעך כמוך מיט דעם כל ישראל חברים ווערען דאָרטען פלייסיג שטודירט און גיבען דאָרט אַ דאָמינירענדען טאָן, איז עס אָבער ניט אַזוי אין דער ווירקליכקייט. אין די מעהרסטע פעלע איז דער נאָמען „ברו־דער” אַ „שבח שנתרוקן מתוכו”, אַ פּוסטער אינהאַלטסלאָזער נאָמען וואָס זאָגט אַ סך און מיינט גאָר ניט. ניט נור קיין ברודערשע נור אפילו קיין שטיפבּרודערשע באַציהונגען זעהט מען דאָרט אויך ניט פון אײנעם צום אַנדערען.

און עס איז קיין חידוש ניט. דען עס איז שוין אַן אַלט־פעסטגע־שטעלטער כלל, אַז דער „ואהבת לרעך כמוך” מיט׳ן „אני ה׳” שטעהען ביידע אין איין פּסוק. און ווי עס איז דער פאַל אין די פּרשה הספר אַזוי איז עס אויך אין די פּרשת החיים. אָהן דעם „אני ה׳” איז דער „ואהבת לרעך” אונמעגליך. דער „אני ה׳” איז אַזוי צו זאָגען זיין סעקעראַציאָן. דער אַלט באַקאַנטער וואָרט אז דאָרט וואו עס איז „אין אלקים במקום הזה”, דאָרט קען אויך מעגליך זיין דער „והרגוני על דבר אשתי”...

מען מוז שטענדיג האָבען דעם רבונו של עולם פאַר אַ שותף. דער בין אדם למקום דאַרף זיין פאַרטראָטען אפילו אין דעם בין אדם

לחבירו. דען די גאַנצע מענשליכע יצירה איז דאָך אַ שותפות׳דיגע צוזאַמענ־שטעלונג פון גאָט און מענש. ס׳איז דאָך „שלשה שותפים יש באָדם״ און כל זמן דער מענש אָטעמט אויף דער וועלט האָט זיך דאָך נאָך דער שותפות־קאָנטראַקט ניט אויפגעלייזט. קען דעריבער דער געטליכער חלק שותפות אונטער קיינע אומשטענדען ניט באַזייטיגט ווערען, און אויב יאָ באַזייטיגט, קען זיך דער אַנדער שותפות חלק אויף זיינע אייגענע פיס באין אופן ניט אויפהאַלטען.

אין די אַמעריקאַנער סאָשעל קלובס אָדער „בראָדערהודס״ וואו די געטליכקייט איז ליידער ניט „קיין געזעצליכער מעמבער״, איז דעריבער די ברודערשאַפט דאָרט אויך ניט מעהר ווי אַן אויבעראויפיגער. עס איז הויפטזעכליך געבויט אויף די יסודות פון קאָרטען און צופאַלט דעריבער ווי אַ קאָרטען־שטיבעל... יסודו מעפר וסופו לעפר...

דער איינציגער פלאַץ, וואו די געטליכקייט האָט נאָך אַ דריסת־הרגל איז דאָך די שוהל. איז דערפאַר די שוהל אויך דער איינציגער פלאַץ וואו דער געזעלשאַפטליכער עטהיק קען זיך אויסשמידען און פון דאָרט אויך אַרויסגעטראָגען ווערען אין גאַס און אין אַלע אַנדערע ערטער וואו די געזעלשאַפטליכקייט פאַרנעהמט דעם אויבענאַן און איז די הויפט פונקציע.

איז אָבער די צרה, וואָס אויך דאָ האָט זיך דער שטן אונטערגערוקט און גראָבט אונטער די יסודות פון אונזער איינציגען קדשי־קדשים.

און „שטן לשם שמים נתכוון״ . . . און וואו לשם שמים דאָרט איז דאָך נאַטירליך גרינגער צו פאַנגען אין נעץ, איז טאַקע אונטער דער דאָ־זיגער מאַסקע פון לשם־שמים אויסגעשפרייט געוואָרען אַ נעץ פון שוהל־כלאַך און קלייזלאַך מכל המינים אַזוי אַז עס איז רעכט אַז אין איין געסעל זאָלען זיך געפינען אַ האַלבען דוצענד קלייזלאַך מיט „מקום להתפלל׳ס״ וועלכע זיינען מסיג גבול די אמת גרויסע שוהלען וואָס דאַרפען פאַרנעמען דעם אויבענאַן אין אידישען לעבען. מען דינגט אָפּ ערגעץ וואו אַ שטיקעל קלייטעל, אַ בייסמענט, מען הענגט אויף דאַרויף אַ שילד מיט גאָלדערנע בוכשטאַבען פון וועלכע עס שרייט אַרונטער אַ משונה׳דיגער נאָמען פאַר דעם דאָזיגען „מקום להתפלל״. מאַנכעס מאָל איז דער נאָמען גרעסער פאַר דעם „מקום״ גופא און ענטהאַלט אַ חצי־

וואָרט און צייט

תריסר ווערטער פון וועלכע איינס צום צווייטען קלעפּט זיך ניט. אָט די „מקום'ס" ציהען עס אָפּ די מתפּללים פון די גרויסע שוהלען און די לעצטע שטעהען דרייפערטעל ליידיג — ליידיג און פאַרשעהמט . . .

האָקען די דאָזיגע מקום'ס אויך אָפּ אַלע קוואַלען פון פּרנסה פון די גרויסע שוהלען, איבערהויפּט אין די ימים נוראים טעג, אויף וועמעס הכנסה עס איז באַזירט דער עקזיסטענץ פון כמעט אַלע גרויסע שוה־לען אין דיעזער לאַנד.

דיעזע הכנסה האָט אימער אויך געדיענט אַלס מקור פון פּרנסה פאַר די פאַרשיעדענע כלי קודש: רבנים, חזנים, מגידים און שמשים. מיט'ן אָפּשניידען אָבער אָט די אַלע מקורות פון הכנסה פון די גרויסע שוהלען זיינען גלייכצייטיג אויך אָפּגעשניטען געוואָרען די פּרנסה קוואַ־לען פון די אויסגערעכנטע כלי קודש.

ליידען דערפון אויך די פאַרשיעדענע אינסטיטוציעס, די ישיבות און די אַנדערע מוסדות הצדקה והחסד פאַר וועמען די גרויסע שוהלען האָבען אימער געהאַלטען אָפען די טיהרען פאַר זייערע אַפּיעלס און מאַסען געלט פלעגט אַרויסגעגעבען ווערען פאַר די אַלע אַנשטאַלטען. פון האַלב אָדער כמעט גאַנץ ליידיגע שוה־לען קען מען קיין גרויסע סומען געלט ניט אַרויסקריגן. די קליינע שוהלכלאַך ווידער מיט די „מקום'ס" לאָזען צו זיך קיין אַפּיעלס ניט אַריין און בינו לבינו געהט עס אויס צו אַלע אידישע אינטערעסען סיי די פון אַ פילאַנטראָפּישען כאַראַקטער און סיי די פון אַ נאַציאָנאַלען אָדער טראַדיציאָנעלען.

און די אַלע פּראָטעסטען מצד דעם ראַבינאַט און די פּראָמינענטע פאַרשטעהער פון די גרויסע שוהלען קענען אַלץ ניט אָפּשטעלען די פאַר־שפּרייטונג פון די דאָזיגע קלייזלאַך אָדער ווי מען רופט זיי מיט דעם זעהר כאַראַקטעריסטישען נאָמען „מאשרום שוהלכלאַך" וואָס האָט אָנ־גענומען אַ כראָנישען פאָרם.

און ווי אויבען געזאָגט, איז דער קאַמף אין דיזער הינזיכט אַ גאַנץ שווערער, ווייל די שוועמלאַך־שוהלען זיינען דאָך איינגעהילט אין אַ מאַס־קע פון יראת־שמים, עס הייסט דאָך כלומר'שט אַז דערמיט פאַרמעהרט מען די קדושה אין דער מחנה ישראל און פאַר דעם וואָס איז ניט באַקאַנט מיט דער זאַך, קוקט עס אויס ווי מען וויל דאָ אָנפיהרען אַ קאַמף געגען

בחקותי

דער פאַרמעהרונג פון אידישע קדושה, ווערענד אין אמת'ן איז גאָר פונקט פאַרקעהרט. די דאָזיגע פאַרמעהרונג איז אין דער בחינה פון „יתר כנטול דמי". געוויס איז זעהר שעהן צו פאַרמאָגען אַ גרויסע צאָהל שוהלען, אָבער שוהלען און ניט קיין מקום'ס... אויף אַזעלכע מקום'ס קען מען זאָגען: „לא המקום מכבד את האדם", דען זיי גיבען ניט צו קיין איבעריגען כבוד צו אידישקייט. דעם איינציגען כבוד וואָס זיי גיבען יאָ איז צו זייערע גרינדער און אָנפיהרער וואָס קריגען דורך זיי די מעגליכקייט צו ווערען פרעזידענטען, וויצע פרעזי־דענטען און אַנדערע כבודים צו וועלכע מען יאָגט זיך מיט אַלע כחות און וואָס מען וואָלט אַנדערשוואו ניט געקענט אַזוי גרינג קריגען . . .

וואָלטען מיר שוין אפשר אויך פאַרקוקט דעם „לא המקום מכבד את האדם" ווען עס וואָלט כאָטש דאָ געווען דער צווייטער טייל, דער „האדם מכבד את המקום". ליידער איז אין דיזען פאַל דאָס אויך ניטאָ די „אָדם'ס" וואָס שטעלען צו דעם מנין־מאַטעריאַל פאַר די דאָזיגע קלייז־לאַך זיינען אין מעהרסטע פאַלען ליידער ניט דער מין וואָס קען זיין מכבד את המקום. די איבער־פּראָדוקציע פון די אונצאָהלרייכע „מקום'ס" האָט געבראַכט דערצו אַז כמעט איין יעדען פון זיי קומט אָן זעהר שווער צו קריגען אַ מנין צום דאַווענען און מען דאַרף זיך באַנוצען פאַר דעם צוועק „מכל אשר יעלה המזלג", רופט מען אַריין פון גאַס אָפּגעריסענע בעלי עבירה, קרקפתאי דלא מנחי תפלין וואָס זיצען אויס די האַלבע שטונדע און קענען אפילו קיין „יהא שמיה רבא" ניט נאָכזאָגען . . . און ווי האָט יענער גוטער איד געזאָגט: אין די קטרת איז טאַקע געווען „חלבנה" אויך אָבער נור צווישען אחד עשר סמנים, צעהן גוטע געווירצען זיינען אָבער געווען אויסער די חלבנה . . . דאָ שטעלען אָבער די חלבנה'ס צונויף דעם רוב־מנין, און אַזעלכע חלבנה'ס זיינען ווייט ווייט ניט פון די וואָס אָדם מכבד את המקום . . .

ווי שעהן קלינגט דעריבער אונזער טעקסט־מדרש: „חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך — אמר דוד בכל יום ויום הייתי מחשב ואומר למקום פלוני ולבית דירה פלונית אני הולך והיו רגלי מביאות אותי לבתי כנסיות ולבתי מדרשות". אויב עס איז נור מחשב, מען טראַכט זיך נור אַריין אין דער זאַך, דאַן מיידעט מען אויס די מקום'ס

וואָרט און צייט

און די בית־דירה'ס און די פיס טראָגען אַוועק אין ריכטיגען פלאַץ — לבתי כנסיות ולבתי־מדרשות... וואו „חשבתי דרכי" דאָרט איז „ואָשיבה רגלי אל־עדותיך".

יאָ, דער „אם בחקותי תלכו" איז אַ פרשה וואָס אַנטהאַלט אין זיך סיי ברכות און סיי קללות. די ברכות זיינען אָבער ניט אין דעם „מקום פלוני און „בית דירה פלונית". יענע ערטער זיינען ניט קיין ברכה פאַר אונזער אידישקייט, די אמת'ע ברכה איז אין די בתי כנסיות ובתי מדרשות.